STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09867

OYSTERLISHE GESHIKHTN

Jechezkel Keitelman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קייטעלמאן

אויסטערלישע געשיכטן

און אנדערע דערציילונגען

פארלאג „ידישע װעצער" — רעגנסבורג 1947

א וואָרט צום לייענער

אין דער זאַמלונג, קומען אַריין אַ חוץ נאָך נישט געדרוקטע אַרבעטן — דערציילונגען, וואָס זיינען מיט אַ צייט צוריק פאַרעפענטלעכט געוואָרן; אין לאָדזשער „נייעם לעבן", נעוו-יאָרקער „אייניקייט", „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", „דבר" תל-אָביב, פאַריזער יידישער פרעסע און אין ענגליש-יידישן זשורנאַל אין דרום-אַפריקע „THE ZIONIST RECORD"

איך אַנטשולדיק זיך פאַר די ח' לייענער, וואָס אין בוך טרעפן זיך נישט ווייניק אָרטאָגראַפישע-גרייזן און ס'הינקט אונטער די פונקטאַציע. די שולד פאַר דעם טראָגן — די באַדינגונגען, וואָס האָבן מיך געניייט; צו באַנוצן זיך מיט מאַטריצן פון מיינע דערציילונגען וואָס זיינען געדרוקט אָדער איבערגעדרוקט געוואָרן אין רעגנסבורגער „אונזער מאָמענט" ווו ס'האָט געהערשט אַ כאַאָס אויף דעם געביט. דער אונטערשיד צום בעסערן דער-קענט זיך דאָרט ווו דער טעקסט איז געזעצט מיט מאַשינזאַץ.

די גרויסע שוועריקייטן, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין וועט דער לייענער דערקענען לויט דעם פאַרשידענעם פאָרמאַט און שריפט פון דער זאַמלונג.

צום גוטן זאָל דערמאָנט ווערן: די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה אין רעגנסבורג. איר פרעזעס ה' יעקב גאָטליב און פרוי, הרב ד"ר יוסף גלאַצער, דער קולטור-טוער חבר שמואל זיגלמאַן, דער דיכטער חבר א. יאַאַכימאָוויטש און ה' ד"ר גאָטעסמאַן. וועלכע, האָבן אויף אַ קולטור-געזעלשאַפטלעכן אופן מיר געהאָלפן אין דער צייט, ווען אַלע שטריק האָבן געריסן, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען. איך מיין, אַז היינט צו טאָג איז עס אַ דערפרייענדיקער אויסנאַם.

יחזקאל קייטעלמאַן.

רעגנסבורג, 20 פעברואַר 1948.

אונטער אן עפּלבוים

די דאזיקע געשיכטע האט מיר דערציילט איינער פון די פויזנטער יידן, וואס האבן זיך נאך דער מלחמה אומגעקערט פון רוסלאנד א היים און קיינעם פון זייערע משפחות נישט געטראפן. דאס איז א געשיכטע מיט א צופאל. איינע פון די אויסטערלישקייטן, מיט וועלכע עס איז אומעטום פול געווען נאך די שרעקלעכע געשעענישן. וואס האבן מיט אונז געטראפן.

זומער טויזנט ניין הונדערט פינף און פערציק פארנדיק א היים פון וויטן טאשקענט, האב איך מיך אויף א קורצער צייט אפגעשטעלט אין לעמבערג ווי איך האב אין יאר 1941 איבערגעלאזט מיין פרוי און קינד. אזוי ווי דער גורל זייערער איז מיר נישט באקאנט געווען האב איך געוואלט: דא, אין לעמבערג עפּיס געוויר ווערן, כדי ארויסצוקריכן פון שרעקלעכן נעפל. פון געהיימניש, מיט וועלכן זייער טויט איז געווען ארומגעהילט.

די סטרוזשיכע פון הויז ווו איך האב אמאל געוווינט, האט נאך די פאר יאר ווי איך בין אין דער שטאט נישט געווען, קוים מיך דערקענט. פון מיין פרוי און קינד האט זי געוווסט נאר דאס: אז אין א בלאטיקן מערץ פארנאכט אין דריי און פערציקסטן יאר נאך א שרעקלעכן פאגראם איבער די לעמבערגער יידן — האט זי, די סטרוזשיכע געזען: מיין פרוי טראגן א קליינעם טאבאלאק אין דער האנט. — זי איז מיטן קינד אייערן האט זי געזאגט: — ארויסגעגאנגען פון הויז און מער האב איך זיי נישט געזען.

איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון מיין אמאליקער דירה, א צעוויטיקטער. ארומגעהילטער מיטן שרעקלעכן סוד, וואס יענער אזוי שוין ווייטער מערץ פארנאכט האט אין זיך פארשלאסן און פיל מיט פארצווייפלונג האב איך מיך געפרעגט: — ווו איז זייער געביין אהינגעקומען? ווו זיינען זיי דאמאלס געגאנגען? צי האבן זיי שוין געהאט א באהעלטעניש? אדער אליין איבערגעלאזטע אויף זייער שרעקלעכן גורל, איז זי די פרוי מיינע אין טויט אנגסטן געלאפן אן א ציל? און אפשר, האבן זיי דא, נאנט לעבן הויז — זייער לעבן אוועקגעלייגט? די דאזיקע געדאנקען האבן צוריק אין מיר א זוי פריש געמאכט מיין אומגליק, אז פון פערצווייפלונג האב איך מיך שטיל צעוויינט.

לעמבערג האט געצנוג געלטן פון דער מלחמה. די מענשן, וואס האבן זיך דאמאלס צוריקגעקערט פון רוסלאנד האבן זיך אין לעמבערג אפגעשטעלט

USKI

אכטונג! טעכנישער טעות. לייען זייט 8 פאר זייט 7.

איז געבליבן נאך צענדליקער גאסן אנגעפילטע ווי בינשטאקן מיט יידן — האט מיט דער גאנצער שארפקייט אויפגעדעקט אונזער אומקום. די ניצול געווארענע שוהל שטייט אין צענטער פון מארק. פון דרויסן זיינען די ווענט אירע באהאנגען געווען מיט טויזנטערליי אלטע סחורות, די טראטוארן, וואס רינגלען זי ארום זענען געווען אזוי אפגעשטופט מיט הענדלער, אז אין ערגיץ קיין שפילקע ווו צו ווארפן! נאנט, ביים שוהלעכלס טירן האבן שכורים זיך געוואלגערט. בלינדע און בעטלערס האבן דא געזונגען זייערע אלטע רחמנות לידער. אינוואלידן — מענשן, וואס האבן געשטאמט פון די פארוואָרפנסטע רוסישע געגנטן האבן ווי אראפגעשאסענע פייגל געהאנגען אויף זייערע קולעס, געשפילט אויף הארמאניקעס היים־ווי געזאנגען. פראסטיטוטקעס האבן דא זייערע לייבער אנגעבאטן. און ווידער, ווי שפאט צו טרייבן און צו שיטן זאלץ אויף אונזערע וואונדן זיינען די זאכן, וואס מען האט דא פארקויפט מייסטנס געווען — יידישע. מיט שבתדיקע בגדים, אפילו מיט חסידישע שטריימלעך און רבישע פעלצן האט מען דא געמסחרט. עפעס א שרעקיקעכע, אן אונענדלעכער אויספארקויף, א וואכקאנאליע פון פארטאכלעווען יידישקייט, פון אפווישן די לעצטע שפורן אונזערע אויף דער דאזיקער ערד איז דארט פארגעקומען. און א, וואונדער! דאס אלץ האט זיך אפגעשפילט נאר ביז צו דער שוועל פון הייליקן הויז, א טריט נישט ווייטער! די שיועל איז געווען ווי א גרענעץ, ווי א כישוף שטרייף נישט אדורכצוברעכן פאר די אלע: וואס האבן פון אינדערפרי ביז שפעט אוונט אזוי פארשוועכט דעם אנזען פון מענשלעכן מין.

כאטש, די שוהל, האט נאך אין יענע טעג כמעט קיינער נישט געהיטן, האבן זיי נישט געוואגט אין איר אריינצודרינגען און איר הייליקייט צו פארשוועכן.

אין דער ערשטער רגע האט מיך צעטומלט די ליידיקייט און די רו, וואס האט אין איר געהערשט, ווייל, נאך יארן ווי זי האט ארום זיך מער קיין יידן נישט געהאט, נישט דערווארעמט געווארן פון תפילות, הפקר געווארן פאר א יעדן — איז די הייליקייט פון איר ווי אויסגעוועפט געווארן און מער איז דארט נישט געבליבן ווי נאר גאר הויכע נאקעטע פיר ווענט און אן אומגעלומפערטער געוועלבטער סופיט מיט אסך מאלערייען אויף אים: די מזלות, דער לויתן. האבן אצינד מער קיין זין נישט געהאט און גיכער האט זיך געדאכט, אז אויך זיי, האט ווער אלטע, טויטע, אפגענוצטע און גערויבטע געברענגט אויף דעם מארק צו פארקויפן און א רו האט געהערשט אין דער שוהל. א רו און א שטילקייט ווי אין אן אויסגעשטארבענער שטאט. א רו, וואס נאר טויט אין פארניכטונג איז אזעלכעס בכוח צו שאפן.

נאר — ווי דעם אטעם צו כאפן נאך דער לאנגער רייזע און דערנאך, מיטן וועג קיין פּושעמישל זיינען זיי אריבערגעפארן קיין פּוילן. די שטאט איז פול גע־ ווען מיט רוסיש מיליטער, וואס האט שוין אצינד מיט אלע וועגן געצויגן א היים פון דייטשלאנד נאכן נצחון. אין יענער צייט האט לעמבערג אויסגעזען ווי אקארשט וואלטן זיך אין איר געענדיקט די קאמפן. פארנאכט, איז זי גע־ לעגן אן אויסגעשטארבענע און א פחד איז געווען צו גיין אין אירע גאסן. דערפאר אבער אין דער צייט פון טאג, זיינען אירע מארקן פול געווען מיט הענדלער און סחורות. דאס האט דער מלחמה מבול — די מענטשן דא ארויס־ געווארפן, אויסגעגליטשטע פון יארן פראנט לעבן. עס האט דא געווימלט מיט מערדער און געמארדעטע, מיט פייניקער און געפייניקטע. מיט פאררעטער און העלדן. דער גאנצער רויב פון די אלע פינסטערע יארן איז אויף די לעמבערגער מארקן ארויסגעווארפן געווארן און איז געווארן צו סחורה, וואס אן חרפה, צו דער שיין פון דער זון, האט מען עס צעלייגט און צעהאנגען אויף די חרובע ווענט — עס זאל געפעלן ווערן דעם אויג פון קויפער. מלבושים אפגעריסענע פון מענטשן, וואס מען האט דערשאסן נאך מיטן רויטקייט פון בלוט אויף זיי. קינדער שיכלעך, וואס זיינען דעם מערדער אין די הענט געבליבן ווען ער האט דעם קינד דאס מוחל צעשפאלטן. מען האט געהאנדעלט מיט טליתים פון געשאכטענע יידן, וואס זיינען מער קיין טליתים נישט געווען נאר איבערגענייטע קליידער, וואס עמיץ האט זיי שוין געטראגן. שיך פון ספרי תורות געמאכטע, וואס שטאט א שילדל פון א פירמא האט פון זיי אראפגעברענט דאס וואנדערלעכע כתב פון דער תורה „האזינו השמים ואדברה".

די אוקראינישע און פוילישע מארק ווייבער האבן געפאקט זייערע מלחמה ערזאצן, גרינסן — אין גמרא בלעטער. געוויקלט פעטע קאלבאסן אין קאפּיטלעך פון עמוסן. איך האב אויף א טישל ביי וועלכן אן אלטע אוקראינישע „פּושעקופקא" האט געהאנדעלט מיט וואש־פּולווער געזען איר סחורה, וואס איז אויפן טיש נעשטאנען צעשטעלט: געפאקט אין די עשרת הדברות און ווי אייגנס שפּאט צו טרייבן פון די צען געבאטן האט א יעדע בייטעלע אויף זיין פראנט געהאט אנגעשריבן דעם „אנכי ה׳ אלהיך".

ווען איך בין געקומען קיין לעמבערג האב איך נישט געהאט ווו צו וווינען. דער ערשטער טאג איז מיר אוועק אויף צו געפינען א יידן, צווישן די טויזנטער פנימער וואס איך האב באגעגנט, האב איך קוים איינעם דערזען. מיר האבן זיך דערפרייט ווי ברידער און אזוי ווי נישט איך און נישט ער האבן א היים געהאט — זיינען מיר אוועק אין איינ־ ציקן לעמבערגער שוהלעכל, וואס ווער ווייס דורך וואס פארא נס עס איז ניצול געווארן פון פארלענדונג. אט דער איינציקער יידישער מקום, וואס

מיין באגלייטער האט זיך מיט מיר געזעגנט — איך בין געבליבן אליין. איך האב מיך אומגעקוקט. לעבן דער וואנט איז געשטאנען א לאנגער טיש — א בית המדרש טיש. א נאקעטער, אן א טישטוך. און ווי לאנג און ברייט ער איז געווען איז ער אנגעשטעלט געווען מיט ספרי תורות. איך מיין: אז זייער צאל איז געווען נישט ווייניקער ווי הונדערט און פופציק. א סך פון זיי גאר אלטע, פארשטויבטע, אויסגעצערטע ווי זקנים און אזוי ווי די מענטאלעך אויף זיי זיינען געווען צעריסן און עס האבן זיך ארויסגעזען די יריעות האט זיך מיר געדאכט, אז דאס זיינען געלע פארמעט־פים אויסגעצערטע. דא, אהערגעטריבענע. אזא עלענט און טרויער, אזא היי־ליקייט פארשוועכונג איז אויף זיי געלעגן.

פלוצלים, האט די זון אנגעהויבן אין דער שוהל ארייגשיינען דורך די געציילטע גאנץ געבליבענע פאר קאלירטע שויבלעך. און א פארשידן ליכט האט זיך צווישן אירע פיר ווענט צעגאסן, וואס האט באלד דעם אומעט פון דארט פארטריבן. דאס ליכט איז פון מניט צו מנ״ט געווארן מער וואונדער־לעכער: א יונגער פרישער פרילינג גרין און א בלוט־רויט איז דאס געווען, וואס האבן זיך אין חלל געשפילט — אויף די קאלטע ווענט זיך צעגאסן. די ווענט, וואס האבן אמאל, ווען אזא ליכט האט אויף זיי געלויכטן זיינען זיי דעוואראעמט געווען פון מענשלעכע לייבער, פון קאכעדיקע תפילות. איז דאס אצינד, נאר געווען די טויטע־אפשיין פון יענע צייטן. דאס ליכט, האט אויף די ספרי תורות אויסגעזוכט ווו אן אלטן זילבער פאדים, אן אראפגעריבענעם נאמען פון מנדב און צוריק, האט די געטליכע שיין זיי ארויפגעצויגן מיט זון פעדים, און צוריק זיי איינגעהאפטן אין דער הייליקער ברוסט פון ספר. באלד האט דער צויבער אנגעהויבן פארשווונדען ווי עס וואלט ווער פון אויבן אראפ א פארהענגל אראפגעלאזט און אלעס האט זיך צוריק אנגעהויבן לעשן און זערן ווי פריער.

איך האב שוין געוואלט פון דער שוהל ארויסגיין, נאר א ווײַלע בין איך נאך געבליבן שטיין א דערוואראמטער און א דורכגענומענער פון אקארשט פארגאנגענעם פלוצלים האט זיך מיר געדאכט, אז איך הער ריידן און איידער איך האב נאך צייט געהאט וועגן דעם זיך צו פארטראכטן האט ווער מיך א ריר געטאן ביי דער האנט.

פאר מיר איז געשטאנען א רוסישער זעלנער. א נידריקער, א דארער. דאס פנים זיינס האט געהאט ארויסגעזעצטע קינבאקען און שיפע אויגן — א פנים פון א קאזאך.

אין לעמבערג האבן זיך דאמאלס ארומגעשלעפט געגנוג רוסישע זעלנער — מארודערן, מענשן, וואס זיינען נישט געווען דעמאבאליזירט און נישט געהערט האבן זיי צו קיין שום אפטיילונג — דאס זיינען געווען מענשן —

שאטנס, ווילד ווי די רויב פויגל, אויסגעגלימשטע פון קריג. פון שווערע וווגדן און שווערע איבערלעבענישן, צווישן די גרויסע זעלנער מתנות האבן זיי זיך געקענט אדורכגלימשן נישט געזען צו ווערן. באטאג איז זייער היים געווען דער מארק. בארוישטע פון בראנפן. און אין די נעכט — זיינען זיי געשלאפן אין די חורבות. דאס זיינען געווען די שפענער, וואס זיינען געפלויגן נאכן גרויסן האלץ האק, וואס זיין נאמען איז געווען — מלחמה.

צו די סארט מענשן האט געהערט אט דער, וואס איז אצינד פאר מיר געשטאנען, דאס האב איך באלד דערקענט לויט זיינע מלבושים, לויטן ריח פון בראנפן, וואס האט זיך פון אים געטראגן.

— ביזטו אן עברי ?

האט ער מיך געפרעגט מיט אן אקצענט ווי מען זאגט דאס דאזיקע ווארט ארויס אין מיטל־אזיע. ווען איך האב אים באשטעטיקט: האט ער פון צופרידנקייט א שמייכל געטאן. זיינע דינע ליפן און די ארויסגעזעצטע קין באקן האבן זיך קינדיש צעשפרייט. ער האט ארופגעריקט זיין היטל איבערן נידריקן שטערן און מיטן ארבל פון זיין שינעל זיך אפגעווישט דאס פנים.

— יא, איך האב געוווסט, אז דא, אין אייער „צערקווע" וועל איך טרעפן אן אייעריקן.

מיר איז געווארן אנהיימלעך. ווייל, געדאכט האט זיך מיר, אז דאס איז א פרווו פון דעם „בעזפריזארניק" מיך צו פאנארן און דאס לעבן ביי מיר צונעמען. א זאך, וואס איז דאמאלס נישט געווען קיין זעלטנהייט.

ער, ווייזט אויס האט דערפילט מיין אונרו און מיט א שמייכל זיינעם האט ער מיך בארואיקט. פון זיינע באוועגונגען, דורך די אנבאהאלפנקייט פון זיין בליק, וואס איז פול געווען מיט קינדישע תמימות און נישט באַ־שרייבלעכן טרויער איז שוין צווישן אונז געבוירן געווארן אין דער מנין א שותפות און כאטש, ער האט ווייטער געהאלטן אין איין שמייכלען האט זיך מיר געדאכט, אז ער גייט זיך פארציען אין א גרויס געוויין.

— ביזטו א לעמבערגער ?

— א לעמבערגער, האב איך באשטעטיקט.

— גרודעק יאגאלאנסקי ווייסטו ווו דאס איז ?

— איך ווייס.

— איך האב דיר וואס איבערצוגעבן.

— דערציילן, האב איך געענטפערט.

ער האט זיך א ווײַלע פארטראכט און אנגעהויבן: איך בין אין גרודעק געווען אין געפאנגענשאפט ביי די דייטשן. עס איז פון לעמבערג א זעכציק

קילאמעטער. האט ער א ווייז געטאן מיט דער האנט ווי מען ווייזט אויף א נאענט הויז.

א יאר צייט בין איך דארט געווען און געארבעט אלס געהילף־עקאנאם אין א דייטש גוט. שווער האט מען געמוזט ביי די הינט ארבעטן, א, זייער שווער! פון מארגן אויפברוך ביז שפעט אין דער נאכט. אן אפרו. איך בין דארטן אהינגעקומען אין יאר 1943. פרילינג צייט, ווען מען זייעט די וויעסנע־ווייצן און אזוי בין איך ביי זיי געגאנגען אין שפאן ביזן צווייטן פרילינג ביז — ס'האט געטראפן דאס אומגליק מיט איר.

איך האב אויסגעשפיצט די אויערן. — זי איז אויך ווי דו, געווען אן עברי. כאטש אויסגעזען האט זי ווי אן אונזעריקע—א שווארצע. אירע צעפ זיינען געווען לאנגע אבער נישט אזוי געפלאכטן ווי ביי אונז. אין קאזאכ־סטאן פלעכטן די מיידלעך די צעפ אזוי דין. אז זיי פאלן איבער די אקסלען ווי די בייטשן. ער האט דעם אטעם געכאפט ווידער זיך אפגעווישט דאס פארשוויצטע פנים. מיט די אויגן האט ער געזוכט אן ארט ווו זיך אוועקצו־זעצן און דאמאלס, האב איך באמערקט, אז מיין דערציילער הינקט אויף א פוס. נישט געפונענדיק פאר זיך קיין בעסער ארט האט ער זיך אראפגע־לאזט אויף דער שוועל צווישן די אפענע טירן פון דער שוהל.

ער האט ארויפגעלייגט די פאלעס פון זיין שינעל אויף זיינע קניען און ווייטער דערציילט:

— אמאל, אין א פארנאכט, ווען איך האב עפעס געזוכט אין גרויסן שייער האב איך זי און דאס קינד אירס דארט געפונען צווישן די בינטלעך שטרוי באהאלטן, ווען זי האט מיך דערזען: גאט איינציקער! ווי אזוי ד'יר איבערגעבן איר שרעק? ער האט זיך א כאפ געטאן ביים קאפ. א ווײלע נאך געטראכט און געזאגט:

— אך, ווי זי איז צו מיינע פיס געפאלן און רחמים געבעטן: „רחמנות, רחמנות"ן האבן אירע ליפן קוים ארויסגעציטערט. פארשטארטע. אומבאוועג־לעכע האבן אירע אויגן, ווי אויגן פון א קאלב פאר דער שחיטה מיך מיט זייער שטיל־קייט געבעטן, מיט זייער אומבאוועגלעכקייט צו מיינע פיס געפאלן, איך האב געזעען ווי זי וויל אויסשטרעקן צו מיר אירע הענט. נאר ווי צוויי דינע העלצער פון אנמאכט זיינען זיי צוריק אויף אירע קניען געפאלן. דער שמא־לער רוקן אירער און די מיידלשע אקסלען האבן געציטערט ווי א נאס קראנק הינדל ציטערט פון קעלט.

אייער לשון קאן איך נישט, נאר יעדעס ווארט, וואס האט זיך דורך אירע ציטערדיקע ציין אדורכגעריסן האט מיך מיט טויט־אנגסטן באגאסן. א גליק, אז דאס קינד אירס איז געשלאפן. ווען נישט וואלט עס זיך צעשריען, און דאמאלס... א דאמאלס! וואלט דאך דער דייטשער באלעבאס דערהערט.

די האט מיר שפעטער דערציילט, אז דאס האט זי זיך ערשט מיט א טאג פריער אין שייער זיך ארייננגעגנב'עט כדי זיך דארט אויסצובאהאלטן.
— כא — כא — כא האט זיך דער קאזאך ביטער צעלאכט. דארט האט זי געוואלט איר לעבן ראטעווען!
און זי, די אומגליקליכע, האט נאך אלץ געמיינט, אז פאר איר און דעם קינד אירן איז א רעטונג פאראנען אויף גאטס פארשאלטענער וועלט?! און ווייל, איך האב שוין דאמאלס געוואוסט, אז וויניקער ווי פאר א טויט קראנקן איז פאר איר קיין רעטונג נישט פאראנען האב איך געקלערט מיין באלעבאס וועגן איר דערציילן, ווייל פאר פארהוילן אזא זאך האט מען מיך געקענט שיקן אין געפאנגען לאגער און דארט איז דאך ערגער געווען ווי דער טויט. אבער פלוצים, ביי דעם געדאנק האב איך דערזען אירע צעפּ. זיי זיינען געווען — אויסגעקראכן.
אייביק האט מיך ארומגענומען א רחמנות צו היימלאזע קראנקע הינט, ווען איך האב דערזען זייער אויסגעקראכענע שיערץ. און דא א מענטש, א יונגער מענש, א פרוי אין אזא מעמד! ווי אנגעביסן פון א ווייטיק בין איך פון שייער אנטלאפן. איך האב געוויינט און נישט געקענט לאנג זיך בארו־איקן. פארנאכט, האב איך מיך צום שייער צוגעגנב'עט און איר א שטיקל ברויט אונטערגעווארפן, אזוי יעדן טאג. אין די נעכט, בין איך נישט געשלאפן. יעדער שארך פון ווינט אונטער מיין פענצטער, דאס קלאפן פון רעגן אין דער שויב, דער קריי פון האן פארטאג — אין אלעם האב איך געהערט טריט, וואס גייען צום שייער, וואס ריגלען זיינע טירן אויף. מיר האט זיך געחלומט פיס, א שרעקלעך געשריי פון א קינד. אין דער צייט פון מיין ארבעט איז פאר מיר געהאנגען די פרויס אויסגעצערט פנים. די שרעק פון אירע נישט באוועגלעכע אויגן. פון דאמאלס, ווען זי האט מיך צום ערשטן מאל דערזען.
איך האב שוין ווייטער נישט געהערט דעם קאזאכס רייד און ביז היינט ווייס איך נישט, ווי אזוי ס'איז מיר קלאר געווארן אז יענע אומגליקליכע איז גראד מיין פרוי געווען, און איר קינד — מיין חנה'לע?

— — — — — — — — — —

צו האב איך דעם אימהדיקן געשריי געטאן? זיכער איך. דערנאך האב איך לאנג און הויך געוויינט. די האר פון קאפ זיך געריסן און גע־ווארפן זיך אויף דער ערד. איבראהים אבא כאן האט מיך געהאלטן ביי די הענט און מיך בארואיקט.
מיר האבן זיך געטראפן יעדן טאג אין שוהל, נישט בלויז איך, נאר אויך ער, איבראהים אבא כאן האט זיך אינגאנצן געענדערט. ער האט באקומען א דאר אויסגעצויגן פנים און פון שוואכקיים האט ער זיך געמוזט אונטערלענען אויף דעם שטעקן זייגעם. טעג גאנצע האבן מיר גע־

רעדט און איבערדערציילט זיך אלץ, וואס ער האט געוווסט וועגן דער אומגע־קומענער. מיר האבן זיך אין די שמועסן אונזערע אזוי ארייננגעוואקסן אין דער צייט ווען ער האט זיך מיט זיי אין שייער געטראפן, אז איך האב שוין געקענט א יעדער ווינקל פון שייער ווו מיין פרוי און קינד האבן פארבראכט די לעצטע טעג פון זייער לעבן, געוווסט; זיין הויך און לענג, געוווסט, ווען עס האט דאמאלס גערעגנט, און ווען די לבנה איז פון אונטער די וואלקנס אפער. איך בין אזוי געווען אונטערן צויבער פון זיינע רייד, פון זיין שילדערן זייערע לעצטע שעה׳ן, אז א סך מאל האט זיך מיר געדאכט, אז פון זייער לעבן, פון די באוועגונגען זייערע, פון מיין קינדס זיפץ איז אין אים עפעס געבליבן, און נאך מער האט מיך צו אים דערנענטערט דאס, וואס נישט איינמאל ווען ער האט געזען מיין דערשלאגנקייט האט ער זיך אויפגעריסן פון זיין ארט און מיט זיין דארער האנט האט ער געקלאפט זיך אין זיין דארער ברוסט:

— אקא, ברודער מיינער! ביי אללא שווער איך דיר! ביי אללא, ברוי־דערל, אז איך האב זי נישט גערירט. קיין זינדיקן געדאנק אפילו נישט גע־האט! אין די גרעסטע ריינקייט איז זי פון דער וועלט אוועק.

און כאטש איך האב שוין פארשטאנען דעם סוף פון די, וואס זיינען פאר מיר געווען דאס טייערסטע אין מיין לעבן, האב איך דאך מיטן גרעסטן ציטער און שרעק געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער האט מיר באדארפט דערציילן, ווי אזוי זיי זיינען אומגעקומען.

די פעלדער האבן דאמאלס געבליט. — ס׳איז געשען אין א פרימארגן נאכן ערשטן פרילינג רעגן. וואס איז א גאנצע נאכט פריער געגאנגען. דער שייער איז געשטאנען אויף א בערגל און פון דארט האט מען זיי געפירט. איר פנים איז געווען געל ווי וואקס. איך בין געלעגן אונטער א סטערדע היי א קעגן איבער. זעט אויס, אז די פיס אירע האבן זי מער נישט געפאלגט, ווייל יעדער ווייל האט זי זיך אפגעשטעלט אזוי, אז די באנדיטן האבן זי געמוזט מיט ווילדע געשרייען און מיט די פיס זייערע אונטערשטופן. זי האט אויף די הענט געהאלטן דאס קינד אירס און עס גע־ווייגט ווי צום שלאפן גיין. איך האב געזען ווי אירע הענט האבן געחלשט און געדאכט האט זיך, אז אט, אט גליטשט זיך דאס קינד איר פון די הענט ארויס.

איבראהים אבא כאן האט א קוק געטאן אויף זיין הינקעדיקן פוס. דאס פנים זיינס איז בלייך געווארן:

— זי איז געשטאנען אונטערן ערשטן בוים פון גארטן. — אונטער אן עפלבוים. געקוקט מיט ארויסגעזעצטע נישט באוועגלעכע אויגן צו פון

שרעק צי א גלייכגילטיקע אויף די לופעס פון די ביקסן, וואס האבן זיך אויפ־געהויבן צו צילן אין איר ברוסט. ס'איז געווען די לעצטע רגע און נאר עפּעס אויסערגעוועגליכעס וואלט געקענט איבערייסן דעם גזר און דאמאלס, האט מיך א ברי געטאן דאס אומגליק. די שרעק פון טויט האט מיך א כאפּ געטאן ביים האלז און א בעוווסטלאזער אוודאי — האט זיך מיר פון דער קעל ארויסגעריסן:

— מענשן! מענשן!

היינט, ווען איך קלער נאך וועגן יענער מינוט דאכט זיך מיר, אז אזא געשריי קאן דאך הימלען שפּאלטן און זיי. די הינט האט עס נישט גערירט! יא, געענטפערט האט מיר א קויל, וואס האט מיין פוס צעריסן. א באגאסע־נער מיט בלוט בין איך געפאלן אויף דער ערד און דאמאלס — האט א זאלפּ די לופט דורכגעשניטן. איך האב מער נישט געזען ווי נאר — דער צווייט פון עפּלבוים האט ווי א שנייי געדיכט אויף דער ערד זיך אראפּגעשיט און זיי פארדעקט.

— — — — — — — — — — —

אין דער חרובער שול האט אנגעהויבן טונקל ווערן. פון דרויסן האבן זיך דערוויטערט די לעצטע קולות פון די שכורים. אויפן טיש, זיינען געשטא־נען עלנד און פארלאזן די ספרי תורות. אן כוחות, א צעבראכענער — האב איך מיך אין דער פינצטערניש אראפּגעלאזט לעבן מיין פריינט איבראהים אבא כאן.

דער טויט פון א יידישן קעניג

מענדל ווילנערס געשרייען, ווען דריי זשאַנדאַרן האָבן אים געפונען, האָבן נאָך טיפער געמאַכט די שטילקייט, וואָס האָט געהאַנגען איבער דער שטאָט.

די געשרייען זיינען געווען איינצעלנע, אָפּגעריסענע און האָבן זיך געהערט פון פיש־פּלאַץ. נאָך זיי איז געפאַלן א שאָס פון א ביקס. א הונט איז אַרויסגעשפּרונגען פון אן אויפגעריסענער יידישער שטוב דורך א פענצטער־לאָך און אַנטלויפנדיק צום מאַרק צו האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך א לאַנגן הונטישן קוויטש. נאָך א קורצער ווײַלע איז די שטילקייט נאָכאַמאָל איבער־געריסן געוואָרן. אַצינד שוין, דורך שווערע שטיוול־טריט און באַלד טאַקע האָבן אין דעם שמאָלן געסל, וואָס האָט פאַרבונדן דעם מאַרק מיט דעם פיש־פּלאַץ, זיך באַוויזן דריי דייטשע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געפירט מענדלען צום טוים־פּלאַץ.

ווילנער אין אַרויסגעשלעפּטער פון קעלער, איז געווען איינגאַנצן א צע־קנייטשטער און אויסגעשמירטער מיט טינק. די ברילן, וואָס ער האָט געטראָגן — כאָטש זיי זיינען אים גאָך געזעסן אויף דער נאָז, זיינען זיי אָבער שוין געווען איינגאַנצן צעקוועטשטע, די דראָטן זייערע, צעבויגענע. ער האָט גע־האַלטן דעם קאָפּ העכער ווי תמיד, דאָס פּנים זיינס, אין אויס־געקרומטער גרימאַס פול מיט קינדערישער פאַרוווּנדערונג ווי מען וואָלט אים, מענדלען, געבראַכט אין א פרעמדן שרעקלעכן געגנט דורך וועלכן ער מוז, ווי דורך א פייער אַדוּרכלויפן. דאָס האָט זיך אויך אויסגעדרוקט אין דעם פינטלען פון זיינע אויגן, וואָס האָבן געבלאַנדזשעט איבער אַלעמען אין דעם העלן ליכט פון דעם ערב־פּרילינגדיקן פּאַרמיטאָג.

געשען איז דאָס פּריימיק דעם צענטן מערץ, אין דריי און פערציקסטן יאָר. מיט א טאָג שפּעטער ווי מען האָט פון דאַנען מיט לאַסט־אויטאָס אויף די „פיאַסקעס" אַוועקגעפירט אַלע מיטלעצער יידן צו שיסן. די, וואָס זיינען נאָך אַלע „סעלעקציעס" ביים לעבן געבליבן.

אין א ליידיקן מאַרק ביי א טיש פאַרוואָרפן מיט אַמט־פּאַפּירן איז

געזעסן דער שטאַטישער אויבערגרופּנפירער יאַהאַן קעלטער און געוואָרפן אויף די זשאַנדאַרן, וואָס ער האָט זיי פּרימאַרגנס אין שטאָט אַריין געשיקט מיט אַן אָנזאָג:

— געדענקט, אַן יידן, האָט איר זיך פאַר מיר נישט צו ווייזן! דערהערנדיק דעם שאָס האָט ער מיט פרייד אַ טראַכט געטאָן „זיי האָבן שוין עמיצן געפּאַקט".

כאָטש פון נעכטן אָן, איז די שטאָט געוואָרן אינגאַנצן „יידן־ריין" דאָך האָט יאַהאַן, ווען ער האָט זיך אינדערפרי אוועקגעזעצט ביים טיש געוווסט, אַז אויך היינט וועט ער האָבן אַרבעט. דאָס דריטע יאָר האָט קעלטער אין מיעלעץ געוועלטיקט און געגוג דערפאַרונג איבער דער צייט שוין דערוואָרבן. נישט געווען אין דער צייט פון די דריי יאָר קיין איין „אַקציע", „לאַפּאַנקע", עקזעקוציע, אָדער „לוסט־שפּיל" איבער יידן, אַז קעלטער זאָל נישט האָבן מיט זיי אָנגעפירט. דאָס פייניקן אין שטאָט, האָט געהערט צו אים. ער האָט זיך געמאַכט אַ גאַנצן קאָדעקס צו דעם פייניקן, ער האָט עס ליב געהאַט צו טאָן רואיק, קאַלט און סיסטעמאַטיש. דעם זין און טייטש פון דעם האָט ער אויסגעקלערט. די צייט און דאָס אָרט, ווען מען דאַרף וועמען צום טויט דערשלאָגן האָט ער באַשטימט. יאַהאַן האָט נישט ליב געהאַט סתם הרגענען ווי אַ קיילער טוט עס. ניין, ביי אים האָט עס געמוזט געמאַכט ווערן, ווי אין ווייסע הענטשקעס. מיט אַ גלייך וואָרט, אַ שמייכל און אַ מוסר־השכל. אַ יעדער טויט, וואָס ער האָט ווי אַ חתימה פון זיין האַנט וועמען באַוויליקט, האָט געמוזט זיין מיט אַ „פּאַרוואָס" און אַ „פּאַרדאָס".

— איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי מען קען הרגענען און אַוועקגיין? האָט ער נישט איינמאָל געזאָגט צו זיינע אונטערגעוואָרפענע. אָבער נישט געזאָגט האָט ער, וואָס ער מיינט. אַז ערשט נאָכן טויט פון קרבן דאַרף זיך אָנהויבן דער גענוס פון דעם געטויטעטן. אַסך מאָל, אין שמועסן מיט זיינע פריינט ביי אַ קופּלע ביר, צעוואַרימט פון געטראַנק האָט ער זיך מודה געווען:

— איך דערפיל ערשט די ווייבליכקייט ביי אַ פרוי, ווען זי ליגט פאַר מיר אַ געשאַכטענע ווי אַ שאָף.

שעהן גאַנצע האָט ער געקענט שטיין און קוקן אויף דער טויטע נאַקעטקייט, פון זיין קרבן — באַטראַכטן אים, ווי אַ שפּילער טראַכט איבער אַ שאַכברעט, פון צייט צו צייט ווי דער שפּילער מאַכט אַ שריט—אַזוי האָט ער איבערגעלייגט — דעם קרבנס אַ גליד, אַז דער קערפּער זאָל אַרויסקומען אין מער אַ פאַרשיימטער און אויסגעלאַסענער פּאָזע און ערשט דעמאָלט, ווען עס איז אים געלונגען, האָט ער זיך הילעכיק צעלאַכט. געלאַכט, אָנאָויפהערלעך מיט אַ צעגאָוועוטן פּנים און נאַסע־גליטשיקע־אויגן.

די שטאָט־איינוווינער סיי פּאָלאַקן און סיי יידן האָבן גוט געקענט

יאהאנען, גערופן האט מען אים פארקירצט, שטאט יאהאן „יא“ דאס איז געטאן געווארן דעמאלט, ווען מען האט אים דערזען, „יא גייט“ האט מען זיך צוגעשריגן, ווען מען האט... זיך צווויסן געטאן. א סימן, אז מען דארף איינגעשרומפן ווערן,—ווערן נידריקער ווי גראז. מענטשן האבן דעמאלט אראפגעלאזט די אויגן ווי פארשעמטע אין געמיינט, אז דורך דעם וועלן זיי אויך יאהאנס בליק אפווענדן פון זיך. נישט געווען קיין מענטש אין שטאט, וואס האט נישט געקאנט קעלטערס אלע געוווינהייטן. מען האט געוווסט ווען ער וועט זיין שיכור און ווען, ניכטערן. ווען מילד און ווען — בייז. האט ער זיך אין גאס באוויזן א מילדער — זיינען אלע פנימער אין שטאט, מילד געווארן, אויב חלילה, פארקערט; זיין פנים האט אויסגעדריקט בייזקייט, דעמאלט, האט זיך א שווארצער וואלקן אויף דעם שטאטישן הימל פארצויגן און א דויערנדיקע שטילקייט ווי פאר א שטורם האט זיך איבער די גאסן צעלייגט.

אצינד אין מארק ווען יאהאן האט אויפגעהויבן דעם קאפ זיינעם פון די אקטן, האט ער געזעען ווי אקעגן איבער אים פירן זיינע דריי זשאנדארן א ייד.

דער וואלף־הונט, וואס האט געדרימלט ביי יאהאנס פיס און כסדר זיך אפגעיאגט פון די גרויסע בלוט־פליגן, האט זיך אויפגעשטעלט. מיט א אראפ־הענגנדיקע מארדע נאענט צו דער ערד, איז ער צוגעגאנגען צו די אנגע־קומענע און לייכט זיי באשמעקט. אין דערזעלבער מינוט האט קעלטער א פרעג געטאן, נישט אויפהויבנדיק דעם קאפ פון די אקטן ארויס:

— ווו האט איר אים געפאקט?

דער עלצטער פון די דריי א הויכער ס.ס.־יונג האט פאריקט העכער די קאסקע איבער דעם שטערן. דאס דארע קאלטע פנים פון זשאנדאר האט אויפגעלויכטן:

— א, האבן מיר מיט אים געהאט א שטיקל ארבעט! די בעסטיע האט זיך ווי א ווארם איינגעגראבן אין א קעלער.

— גו, פארדינט ער, אז מען זאל פאר אים עפעס באזונדערס צו־טראכטן איידער מיר וועלן אים אוועקשיקן אויף „הימל־קאמאנדא“ האט אים קעלטער געענטפערט מיט א געלעכטער.

יאהאן האט זיך אויפגעשטעלט. פאמעלעך אוועקגעריקט ס׳בענקל פון אונטער זיך. ווי פאר יעדער פריידיקער איבערלעבונג האט אים אויך אצינד די היץ פון זיין בלוט א הויב געטאן. ער האט אריינגעשטופט די הענט אין די קעשענעס פון זיינע גאלעפער הויזן. זיך אוועקגעשטעלט קעגן איבער מענדלען און איידער ער האט נאך צייט געהאט אויף אים רעכט א קוק צו טאן האט ער פול מיט פארוווּנדערונג אויסגעשריגן:

— פראפעסאר מיצי! גאט מיינער ווי ענלעך ער איז צו מיין געוועזענעם לערער!

ווילנער פון פארלוירענקייט אדער שרעק און אפשר פון דעם. וואס ער, האט אזוי גאענט לעבן זיך דערהערט יאהאנס קול האט א שטארקן ציטער געטאן מיטן גאנצן לייב זי ינעם. יאהאן איז צו אים זייער נאענט צוגעגאנגען לייכט א גלעט געטאן מענדלס אקסל און זייער ווייך צו אים געזאגט:

— נאר נישט פירכטן קליינער, נאר נישט פירכטן!

ווילנער האט ברייטער געעפנט די אויגן, פול מיט שטוינונג, מיט עפעס א נישט פארשטענדלעכן שמייכל אויפן פנים. האט ער אויף יאהאנען געקוקט.

אין דער זעלבער צייט האט קעלטער טיפער איינגעגראבן דעם בליק זיינעם אין מענדלען. און נישט געוווסט האט ער, פארוואס גראד אצינד האט די דערמאנונג אים געברענגט, אויף זיין זכרון זיין געבוירן שטאט אין טירינגען. פארוואס, זעט ער אזוי בולט די רויט־ציגלדיקע מויער פון דער שול, אין וועלכער ער האט זיך געלערנט און פון וועלכע מען האט אים אמאל ארויסגעווארפן. ער זעט דעם קליינעם שטיינערנעם „וואמפיר“ אין דעם גערטנדל פארן הויפט איינגאנג און דעם לערער זיינעם „פראפעסאר מיצי“ זעט ער. ער זעט אים אזוי בולט דעם הויכן דארן לערער, ווי ער שפאצירט ארויף און אראפ אין קלאס. דעם לערערס איידעלע ווייסע הענט, זענען פארלייגט אויף דער סאמעט־וועסט, וואס איז אדורכגעצויגן, מיט א שווערער אלטמאדישער זילבערקייט און אין דער מינוט, ווען יאהאן האט אים אין זיין זכרון ארויסגערופן האט ער אים אצינד דערזען קוקנדיק אויף מענדלען, וואס איז צום „פראפעסאר מיצי“ זיין אמאליקן לערער אזוי ענלעך געווען און אן אלטע שנאה צו יענעם וויטן פארגעסענעם מענש, וואס איז פאר אים געשטאנען פארקערפערט אין דעם ייד האט אים א ברי געטאן.

מען דארף פאר דעם קערל עפיס ספעציעלעס צוטראכטן האט יאהאן ביי זיך באשלאסן. ער האט זיך פאמעלעך צוריק אוועקגעזעצט ביים טיש, ווייל א חרפה איז אים געווען פאר די אייגענע זשאנדארן, אז איין „יודע“ דערפירט אים צו אזא צארן און צעשרויפט אים אזוי. ער האט זיך געפרוווט אליין בארויקן, אוועקטרייבן פון זיך דאס געשטאלט פון זיין אמאליקן לערער, וואס האט אים פון שול ארויסגעווארפן און ער האט נישט געקענט. צוויי מאל האט ער געפרוווט די זשאנדארן זיינע ארויסגעבן א באפעל: „שיסט אים!“ ווארפט אים אוועק! זאל איך אים מער פאר מיינע אויגן נישט זען! און ער האט עס נישט געטאן. א היץ האט אים באגאסן. ער האט אראפגענומען דאס היטל פון קאפ און עס אוועקגעלייגט אויף דעם

טיש. פאמעלעך פון פארלוירנקייט און אומרו איז ער אדורכגעפארן מיט דער האנט דעם פריש פריזירטן קאפ זיינעם. און נאך אמאל האט ער גע־פרוווט פארטיפן זיך אין די אקטן, וואס זענען פאר אים געלעגן. ער האט נאך פון דער נעכטיקער אקציע קיין באריכט נישט צוגעשטעלט אין דער הויפט־קאמאנדא און ער האט אצינד די בליי אין דער האנט אריין נישט געמען געקאנט. און ווידער האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און א קוק געטאן אויף מענדלען, עפעס אזוי, ווי ער וואלט געוואלט דעם טויט, וואס ער דארף אצינד פאר דעם ייד צוטראכטן, פריער אויף אים ווי א מלבוש אנ־מעסטן. ביז ער האט זיך נאכאמאל אויפגעשטעלט צוגעגאנגען צו ווילנערן אזוי נאענט, אז מענדל האט אויף זיך דערפילט זיין הייסן אטעם.

— ווי הייסטו?

— מענדל ווילנער

— ווילנער? האט זיך יאהאן פארוווּנדערט

— יא. ווילנער

— דיין בארוף?

— לערער

— דו? לערער?

— ער האט געוואלט א שפאטישן שמייכל טוען, און די ליפן זיינע זיינען אים געבליבן פארגליווערט.

וואס פארא לערער? האט ער זיך שוין אנגעשטרענגט צו פרעגן

— פון דייטש.

יאהאן האט א ציטער געטאן. א ווײלע געשוויגן און באלד נאכאמאל איבערגעפרעגט:

— פון דייטש?

מענדל האט באשטעטיקט. קעלטער האט שנעל א הויב געטאן ביידע הענט, ווי ער וואלט זיי געוואלט אויף אים מיט דער גאנצער קראפט אראפ־לאזן. ווייזט זיך אבער אויס, אז ער האט נאך אין זיי אין דעם מאמענט נישט דערפילט דעם כוח, וואס דער כעס זיינער זאל דורך דעם קלאפ גע־לאשן ווערן, אז נאכדעם זאל ער שוין קענען א בארויקטער ארויסנעמען דעם רעוואלווער און דעם ייד ווי א הונט דערשיסן. האט ער זיי צוריק רעזיגנירט אראפגעלאזט און שארף ארויסגעזאגט:

— דו! אך! דו! מענטש איינער!

ער האט עס אזוי געזאגט, אז די פאר ווערטער, וואס ער האט קוים פון כעס פון זיך ארויסגעשטאמלט פולע מיט שפאט און אנמעכטיקייט האבן אויפגעדעקט דעם גאנצן תהום צווישן זיי ביידע. צווישן דעם מערדער — און זיין קרבן.

מענדל ווילנער אדער ווי מען האט אים אין דער שטאט גערופן „מענדל דיקטאנדע" איז געווען א לערער פון א חדר מתוקן, ער האט יידישע קינדער, געלערנט יידיש, דייטש, תורת הדקדוק און קאליגראפיע. געוווינט האט ער אויף דעם פיש־פלאץ אין סאמע עק. אין א הויז, וואס מען האט גערופן אין שטאט „פול פיענטריק". דער נאמען האט זיך גענומען פון דעם, וואס דאס הויז איז נישט געווען אין גאנצן קיין אויפגעבויטס. די ווענט אין דרויסן; זיינען געווען נאקעטע און אייביק זומער פארנאכט, נאך א רעגן, ווען אויף דעם אויסגעוואשענעם הימל איז געשטאנען א רעגן־בויגן האבן די ציגל פון הויז געלויכטן מיט א וווּנדערלעכע רויטקייט.

די שטוב אין וועלכע מענדל האט געוווינט איז געווען א זעלטענע. דאס ביסל ארעמקייט, וואס איז דארט צעשטעלט געשטאנען, די כלים, די ספרים, אלץ האט עפעס דערציילט פון ווילנערס לעבן. ווי נאך אין א אנ־דערן „חדר מתוקן" האט מען געטראפן אזא טאוול מיט אויסגעציקלטע אלף ביתן ווי דארט? קליינע קינדער, וואס מען האט צו אים געברענגט צום ערשטן מאל אין חדר אריין האט ער געוויזן אויף די טאוול די אותיות גע־שריבענע מיט גאלד־שריפט, באצירטע מיט אויסגעמאלע גרינע צווייגלעך און הירשן הערנדלעך. יעדע אות, איז געווען אזוי געשריבן, אז ווען מען האט איבערגעפרעגט דעם קינד ווייזנדיק אים א „אלף" האט עס געענטפערט „א שליטעלע" אויף א סמך „א פילקעלע" און אויף א לאנגער „ך" „א שטע־קאלע.

מיט צעשיטע ראזשענקעס און מאנדלען אויף די טאוול האט מענדל ווילנער דאס יידישע קינד נאכאמאל אריינגענומען בבריתו של אברהם אבינו. דא ביי מענדלען אין שטוב איז עס געשען: אז די קינדישע ליפעלעך האבן זיך דארט צום ערשטן מאל געעפנט א קוש צו טאן די צורות פון די הייליקע אותיות פון דער תורה.

ביי דער רעכטער וואנט אין שטוב איז געשטאנען א עטאזשערקע א פארלייגטע מיט ביכער. קוקנדיק בלויז אויף די ביכער ווי זיי זיינען געווען אוועקגעלייגט האט מען לויט דעם געקענט זעען דאס גאנצע לעבן פון וויל־נערן. פון הינטן—ב כער וועגן אלכעמיע. — יארן ווייטע, נארישע און קינ־דערישע, ווען ער האט געחלומט צו זיין א דערפינדער. אויף זיי ווידער עט־לעכע שווארצע העפטן; א קורס, ווי אזוי אינדערהיים צו דערלערנען בוכאל־טעריע. דעמאלס, אין יענע יארן האט אין ווילנערן געפיקט די שרעק פאר אנקומענדיקע אומעטיקע הונגער־טעג. איבער די ביכער ווידער, זיינען גע־לעגן ביכער, וואס האבן באהאנדלט פילאזאפישע פראגן. ווען א אנטוישטער

פון די אלע קורסן איז ער צוריק אוועקגעשווימען, אין זיינע עולמות העל־יונות. ווייט פון די וואכעדיקע מאנטיקס און דינסטיקס, ווייט פון דעם פלאץ ווי, זיין הויז איז געשטאנען צווישן קליימלעך פון הערינג און פאווידלעס. ערשט איבער אלע ספרים, סאמע אין דער הויך ווי א אונטערגעשטראכענער סך־הכל פון מענדלס גאנצע לעבן, איז געלעגן דער סימן פון מענדל וויל־נערס אונטערגאנג. די טעג, ווען ער האט שוין גארנישט פון לעבן מער פארלאנגט און גארנישט מער דערוואַרט. עס איז געלעגן דער ספר „שפת עמינו" א העברעאיש לערנביכל א פארשוויצטס, א צענדלינק מאל איבער־געבינדענס, א שטארק אפגענוצטע כלי ווי ביים שוסטער דער האמער און ביים סטאלער די זעג. א קעגן איבער דעם פענצטער ווידער אין ווינקל, איז געשטאנען א שויבן־שענקל. אינוויינעיק, אין פראכט־באנד געבונדן די ווערק פון די דייטשע קלאסיקער. אין דריי לאנגע רייעס זיינען זיי געשטאנען און האבן אויף דער שטוב מיט זייערע גאלדענע ריקנס געלויכטן. א לעבן לאנג האט ווילנער געשפארט אויף צו קויפן די ביכער. יעדעס בלעטל אין זיי דאס איז געווען א שטיקל ברויט, א יעדער אות — א שטיקל צוקער — די קינדער פון מויל וועקגענומען.

רייזל, מענדלס ווייב, לעבט שוין לאנג נישט. ביז דער לעצטער מינוט פון איר לעבן האט זי מיט אים צו טאן געהאט:

אז א מענטש האט זיך ארייגענומען אין קאפ אריין א משוגעת—ביכער. מענדלס ביכער דאס איז געווען א נישט פארהיילטע ווונד אין רייזלס הארץ ווען נישט זיי, וואלטן די צוויי קינדער אירע באדארפט אין דער וועלט אוועק? און דאך, אנגעשטעקט פון מענדלס פיעטעט צו זיי האט זי נישט איינמאל, ווען ער איז אין שטוב נישט געווען דעם שטויב פון זיי אפגעווישט, די פאר־הענגלעך איבערגעשווענקט. זעלטן, האט ווילנער פון די ביכער ארויס־גענומען א בוך צו לייענען. געטאן האט ער עס אמאל, אין יומא־דפגרא, בין הזמנים, ווען ער האט נישט באדארפט מיט די תלמידים זיינע קנעלן. חול־המועד, נישט וועלנדיק מבזה זיין את המועדות מיט דברי חול האט ער פון די שאנק ארויסגענומען א בוך. אין שטוב איז דאמלט א טאפלטער יום־טוב געוויארן. די הענט זיינע האבן אנגעהויבן ציטערן ווען ער האט אין זיי דער־פילט די גאלד־אותיות ארייגעפרעסטע אין דעם רויטן לייוונט פון די טאוו־לען און צו דער נאז זיינער איז דערגאנגען דער דופט, וואס האט זיך גע־טראגן פון די פיינע גלאנציקע נייע בלעטער.

אין גאס, איז מענדל כל ימיו, זעלטן, ווען ארויסגעגאנגען. ווייל צו וואס? אז סיי־ווי־סיי האט אים רייזל פון דארט געברענגט גענוג זאלץ צו שיטן אויף זיינע אלטע וווּנדן.

— ביי לייבל גראס אין קראם איז א זשוב, ווי ביי ראטשילדן, א ברכה

פון א גוטן ייד איז נישט אוועקצומאכן מיט דער האנט! האט זי גע'טענה'ט.

אזוי זיינען אייביק ביי מענדלען און שטוב אדורכגעגאנגען די בין הזמנים. די טעג נאך די יום־טובים — פול מיט שרעק פאר דעם נייעם יאר, וואס דערנענטערט זיך.

די שרעק, אז עס וועט זיין ווייניקער תלמידים, בפרט ווען עס גייט צו זומער, וואס א חוץ א ספר האט נאך ברוך הוא פאר די תלמידים און אויף צופיקעניש רייזלען, אויך באשאפן טייכן און וועלדער.

באלד נאך פורים, ווען עס האט זיך געלאזט הערן דאס קול פון דער מירל־טויב, האט זיך מענדל אוועקגעזעצט ביים איינציקן פענצטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אויף די אונטערשטאטישע פעלדער. שעהן גאנצע, האט ער זיך צוגעקוקט צו די נאקעטע ביימער, צום הימל, וואס איז צווישן זיי געלעגן שוין ארומגעזוימטער מיט פרילינג־בלאקיים. צו דער נאכט, וואס איז לעבן זיין שטוב אראפגעפאלן א פינצטערע, א זומפיקע און א מאכיקע, דאמאלס האט דאס הארץ אין אים געוואגלט פול מיט שרעק. שרעק, פאר די ריחות, וואס האבן זיך צו אים דערטראגן פון פריש געקא־לעכטע שטובן, וואס זיי האבן דערמאנט, אז דער זומער הויבט זיך אן. א שרעק, פאר די פלעדער־מייז, וואס האבן זיך יעדער ווײלע אפשלאגן אין די קליינע שויבן פון זיין פענצטער, אינגאנצן אן געדאנק און אן פארלאנגען, מיט צעשפילטן געמיט פון א קינד האט ער זיך איינגעקוקט ווי די פלעדער־מייז טיקן זיך אין דער נאכט, ווי אין א פאס סמאלע. פאלן אראפ און באווייזן זיך ווידער. אדער בלייבן הענגען א ווייל פארגליווערט.

3.

לויפן!

האט מענדל דערהערט א געשריי. איבער אים איז געשטאנען יאהאן. ווילנערן האט דער געשריי ווי אויפגעוועקט. דאס רעשט ביסל בלוט, וואס איז געבליבן אין די אדערן זיינע האט אנגעהויבן קאכן און האט קלארער געמאכט דעם געדאנק זיינעם. ער האט דאס ארויסגעשריגענע ווארט געהערט מיט אזא דייטלעכקייט און שארפקייט, אז ער האט דערפילט אז עס באדייט — טויט.

— לויפן!

האט דער געשריי זיך איבערחזרט און צוויי קאלטע שטאלענע אויגן האבן זיך איינגעגראבן אין מענדלען.

ווילנער האט זיך פון ארט ניש גערירט.

דער דייטש האט אויפגעריסן דעם בליק און א ברענעדיקער געדאנק האט אים ארומגעכאפט: „ווי וואגט ער, ווען איך באפעל? צו פילט ער מער

נישט קיין שרעק פאר מיר? ער, א ייד א מינערער, ווי א ווארם, וואס קען כאטש אמאל געפונען א שוץ אין א שפאלט פון דער ערד. ער, א באשפי־גענער, צעשלאגענער און פראוורט־ילטער צום טויט!

— לויפן!

מענדל איז געבליבן ליגן. קעלטער האט א ווײַלע א טראכט געטאן, א אונבאהאלפענער זיך אומגעקוקט און דערזען דעם הונט זײַנעם, ער האט אים מיט א פײַף א רוף געטאן. יאהאנס הונט א אויסטערעסירטע חילדע חיה, א צוגעוווינטער צו אזעלכע סצענעס, האט א דערפיל געטאן, וואס דא גרייט זיך. האט זיך אין אים אויפגעוועקט דער גאנצער הונטישע אומרז. ווי הויך און שיין ער איז געווען איז ער אצינד ווי נאך העכער און אנגעשטרענגטער געווארן, ווען ער האט זיך אוועקגעשטעלט צווישן מענדל'ן און יאהאנען. ער האט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף זײַן בעל בית. יעדער ציטער פון יאהאנען, יעדער צוק פון זײַנע פנים־מוסקולן — האט זיך אפגעשפיגלט אויף דעם הונטס ברוין־זילבערנער פעל, וואס האט יעדעס מאל דעם זעלבן ציטער געטאן. דער ווײַדל האט זיך אים אויפגע־שטעלט. דאס שווארצע לעדערל אויף דער שפיץ נאז איז פײַכט גע־ווארן. די בלאנק־ווײַסע ציין: האבן מיט דער דינסטער נאדל־שפיציקייט גע־ווארט אין דעם געעפנטן הונטישן מויל נאר זיך אײַנצובײַסן אין קרבן. דעם אויסגעשפיצטן קאפ, די ברענענדיקע אויגן האט ער געווארפן אמאל אויף קעלטערן — זײַן בעל־בית און אמאל. אויף מענדלען — זײַן קרבן. און א צערייצט ברומען איז אים פון די אינעווייניקסטן זײַנע אויפגעגאנגען און זיך צעגאסן אין א שטיל בורטשען צווישן די ציין.

יאהאן האט דעם הונט גענומען ביי דער פעל מיטן פינגער א ווײַז געטאן אויף מענדלען.

— דו זעסט? אט, איז א ייד! א ייד, וואס האט די דײַטשע שפראך באשמוצט. וואס קומט אים דערפאר?

— בינדן אים דעם קאפ מיט שטעכל־דראט האט איינער פון די זשאנ־דארן, וואס האט מענדלען געברענגט — זיך אנגערופן.

— ריכטיק! האט יאהאן באשטעטיקט.

דער זשאנדאר איז אוועקגעלאפן און געברענגט א דראט. א צווייטער, האט זיך פון דעם „קלוגן" איינפאל טריקן צעלאכט. רייבענדיק זיך די הענט פון שמחה, האט ער זיך אראפגעבויגן איבער מענדלען, אויפגעהויבן דעם קאפ זײַנעם און א געשריי געטאן צו זײַן חבר:

— וויקל די דראט!

ער האט זי אנגעהויבן ארומוויקלען ארום מענדלס קאפ. אזוי, אז זי האט

אויסגעזען ווי א דערנער קרוין. א אימהדיק געשריי פון ווילנערן האט אויפ־געריסן די לופט. פון די בוימער ארום דעם קלויסטער האט זיך אפגעריסן א מחנה פייגל און אנטלאפן. ווען מען אנגעהויבן מענדלען א משוגע געוואָ־רענעם פון ווייטיק צו טרייבן.

מענדל איז געלאפן. דריי בייטשן האבן אים שטרענג געוויזן דעם וועג.

— רום, רום, רום!

האבן די בייטשן צום טאקט צוגעזונגען. מענדלס געשרייען פון ווייטיק האבן זיך געהערט איבער דער גאנצעד טויטער שטאט. די פייגל אונטער די דעכער האבן זיך צעשים איבער די נאָענטע פעלדער.

מאנדל איז געלאפן, געלאפן, ווי ער וואלט געוואלט אונטער זיך אי־בערלאזן דעם קאפ זיינעם און אנטלויפן פון אים.

ער איז געלאפן, וואס אמאל שנעלער. געשמיסן פון יסורים, גע־טריבן פון זיין אייגענעם געשריי, פון די געלעכטערן פון זיינע פארפאלגער.

יאהאן האט אים אנגעהויבן אקעגן טאנצן, פאטשן מיט די הענט און שרייען:

— שנעלער, שנעלער, קאפ האך! יידישער קעניג, „קאפ האך!" האט נאר יאהאן באמערקט, אז ווילנערס טריט ווערן פאמעלעכער, שיכורער, אז ער וויגט זיך צו פאלן האט ער אים אנגעהויבן מונטערן.

— ניין, פראפעסאר, נאר נישט פאלן! און באַלד צוגעגעבן:

— איך בין צו דיר אזוי גוט, מאכזשע מיך נישט נערוועז. נאך א בי־סעלע, אט, אזוי שנעלער! שנעלער! כאַ־כאַ־כאַ!

— יידישער קעניג!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ארום איז שטיל. מענדל ליגט אין דעם פארנאכטיקן מארק. פון דער ווייטנס, זעט ער אוים ווי איינער פון די שווארצע בלאטע פלעקנס, וואס זיינען געבליבן נאכן צעטייעטן שניי. ער ליגט א דערשאסענער. אים דאכט זיך אז ער שווימט ערגעץ אוועק. ער שווימט מיטן קאפ אראפ. א לייכטער, א באפרייטער פון אלע ווייטיקן און שרעקן. ער שווימט צו א טיפן שטילן דנא, כדי דארט צו בלייבן ליגן אויף אייביק.

מיט די הענט האט מענדל געזוכט אונטער זיך די ערד און ווען ער האט זי דערפילט אין זיינע הענט האט ער זיך מיט זיין ברוסט צוגעדריקט צו איר. אויסגעלענגערט זיך און געבליבן ליגן א טויטער.

אויף דער „אַרישער זייט"*)

*) יידן, וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע צווישן פאלאקן דאס האט געהייסן, אז זיי געפונען זיך אויף דער „ארישער זייט".

קיינער דאכט זיך, האט אזוי נישט געקאנט אפנארן די וועלט, כדי צו בלייבן ביים לעבן, אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע אויף דער „ארישער זייט“ ווי בערנארד ווערטהיים.

איבער א יאר מיט אכט חדשים האט ער אפגענארט די באלעבאסטע זיינע, ביי וועלכער ער האט געוווינט. די שכנים אין הויז, א יעדעס קינד אין גאס. וואלט ער דאס נישט געטאן, וואלט דער סוף זיינער געווען דער סוף פון זיין טאטע, מאמע, פרוי און זיין איינציק קינד.

אנגעהויבן האט ער לעבן אויף דער "ארישער זייט" מיט לאזן זיך וואקסן א געל וואנצעלע, אנגעטאן אין א העלן ספארט־אנצוג, אויף די פיס הויכע אפיציר־שטיוול. דאס, צוזאמען מיט א קען־קארטע אין קעשענע אויף דעם נאמען מיעטשיסלאוו יענטשמיען האט אים געמאכט פאר א פאלאק.

אין דעם הויז, וו ווערטהיים האט געוווינט איז ער געווען א פרעמדער און איינצלנער, א מענש אן א משפחה. אזעלכער האט נישט געטארט זיצן אין שטוב אין דער צייט פון ארבעט, ווייל אנישט—פאלט א פארדאכט, אז ער איז א ייד. פאר דאס טאקע, האט ווערטהיים יעדן פרימארגן געמוזט אוועקגיין אין גאס און ביי דער באלעבאסטע זיינער האט עס געהייסן, אז ער ארבעט. אין גאס האט ער זיך ארייגעזעצט אין ערשטן באגעגנטן טראמ־וויי און ער איז געפארן—געפארן אן א ציל. געפארן אזוי וויט, ווי וויט דער טראמוויי איז געגאנגען, דארט האט ער זיך איבערגעזעצט אויף א צווייטן, פון דעם צווייטן אויף א דריטן און נישט איינמאל האט ער געמוזט פון טראמוויי שנעל אנטלויפן ווייל ווי ס'האט זיך אים געדאכט האט ווער פון די פאסאזשירן האט אויף אים א צודרינגלעכן בליק געווארפן און דאס האט אים דערשראקן. די נאכמיטאגס, ווידער האט ער פארברענגט אין א קלויסטער אין א ווייטער שטילער גאס, דארט האט ער קניענדיק לאנג „מתפלל“ געווען ביז עס איז געווארן פארנאכט און ערשט דאמאלס, איז ער אוועק אהיים א היים א מידער און א צעבראכענער.

אין הויז ווי ווערטהיים האט געוווינט האבן אים די שכנים ליב געהאט. זיי האבן אים ליב געהאט פאר זיין רואיקייט, פאר דעם, וואס אייביק האבן זיי אים געזען א פריש ארומגעוואשענעם, א ראזירטן און צוגעקעמטן, ווען ער איז אינדערפרי אראפגעגאנגען סון די טרעפ, האט ער שטיל צו זיך וווי־

לעריש געפּיפּן און ווען ער האָט באַגעגנט האָט אונטערטראָגן אַ פרייליכן
— גוט מאָרגן!
— גוט מאָרגן!

אָבער גלייכצייטיק האָט דער באַגעגנטער, ווען ער האָט באַגריסט געטראַכט זיך — ווי קאָן מען אין אַזאַ ביטערער צייט אַזוי רואיק זיין? אַ סאַך מאָל ווידער, האָט ווערטהיימס פאַרהאַלטן זיך אַרויסגערופן צווישן די מענטשן אין הויז אַ פּרעמדקייט צו אים און אפילו אַ חשד. דאָס, וואָס ער איז געווען אָן אַ משפּחה-האָט אים אַרומגענומען מיט אַ שלייער פון געהיימניספולקייט און נישט איינמאָל, ווען ער האָט מיט אַ שכן גערעדט האָט ער דערפילט ווי יענער עגבערט אים מיטן בליק אַדורך, זוכט אין אים דאָס—וואָס ער איז אין אמת'ן. — אַ ייד. פּוּג מיט אומרו איז ער שוין ביינאַכט נישט געשלאָפן. מיט דער גרעסטער ציטערניש האָט ער זיך איינגעהערט צי הערט זיך נישט אַמאָל הינטן ביים טויער, דער לאַנגער אויסגעצויגענער קלינג פון דער "געשטאַפּאָ". און באַטאָג ווידער אין גאַס, האָט אַ יעדעס וואָרט, וואָס עס האָט ווער צו אים געזאָגט. יעדער שמייכל, אַ בליק, וואָס אַ דורכגייער האָט אויף אים צופעליק געוואָרפן — געווען אין זיינע אויגן אַ פּרווו פון יענעם — אים צו דעמאַסקירן. אַלע טריט פון די מענטשן אין גאַס, האָט זיך בערנאַרדן אויסגעוויזן, גייען צו אים. אַלע הענט, אויגן, געשרייען, וואָס האָבן זיך ערגעץ ווו נאָר געהערט האָבן ווי געמיינט נאָר אים—בערנאַרד ווערטהיימען. דאָס האָט געבראַכט, אַז ער איז געוואָרן מער פאַרזיכטיקער ווי פריער. שעהן גאַנצע האָט ער געקענט אָפּשטיין ביים שפּיגל און איינשטודירן מיט זיך: ווי אַזוי צו שמייכלען, ווי אַזוי צו באַגריסן און פאַרנויגן זיך.

נישט ווייניקער האָט אים אויך צוגענומען די רו דער באַגער, ווי אַזוי ווערט מען דאָ אויס פרעמדער צווישן די מענטשן. ווערן — דער זעלבער ווי זיי אַלע זיינען. און כדי כאָטש אַרום זיך צו שאַפן אַן אילוזיע, אַז ער האָט אַ משפּחה, פריינט, האָט בערנאַרד געשריבן צו זיך אַליין בריוו, געשיקט זיך בלומען צום נאָמענס-טאָג. איינגעלאַדן זיך דורכן טעלעפאָן צו גאַסט, אין דער פרייער צייט ווידער איז ער אויף שעה'ן גאַנצע אַוועקגעגאַנגען צו אויסגעטראַכטע קרובים. מיט איין וואָרט, די באַלעבאַסטע זיינע, די שכנים אירע זיינען זיכער געווען, אַז דער מענטש איז נישט קיין איינצלנער. אַז ער איז אַ מענטש, וואָס האָט זיין סביבה.

גראַד אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט אַזוי באַדאַרפט קעמפן מיט זיך, אַז אויף אים זאָל נישט בלייבן די מינדסטע שפּור פון זיין אַמאָליקן לעבן. קיין שטויבל פון דעם געוועזענעם בערנאַרד ווערטהיים, האָט מיט אים פּאַסירט אַ שרעקלעכע פּאַסירונג:

ער איז געפארן אין טראמוויי, און ווי תמיד — אין גאנצן ארומגע־
גומענער פון שרעק: מען זאל אויף אים נישט דערקענען זיין אומרו איז
ער מיטן בליק געשווימען איבער אלע, וואס זיינען אויף די בענק
געזעסן, ווי א יאשצאמב אין זיין העכסטן פלי אונטער די הימלען דערזעט
מיט זיין שארפן בליק אן עוף, וועלכעס ער דארף פארצוקן, אזוי, האט
בערנארד, אייביק דערקענט א „שמאלצאוניק"*) אדער אפילו אזאלכן,
וואס האט אויף אים אן איבריקן בליק געווארפן. דאמאלס אבער, האט ער
אויסערגעוועגלעכעס דערבליקט: א קעגן איבער אים איז געזעסן אן על־
טערער מענש. פונקט ווי ער — א דערשראקענער. פונקט, ווי ער — א פאר־
שטעלטער, אן איבערגעטוענער אויף א פאלאק. יא, מיטן ערשטן בליק זיינעם
האט אים בערנארד דערקענט. די באקן יענעמס צעפלאמטע. דער בליק — אן
אנגעצינדענער, אן אנרואיקער. די ליפן — אויפגעבלאזענע. פארטריקענטע
ווי מיט בראנד בלאזן ארומגענומענע. מיט מאדנע גרויסע געדעכטע
שלאכעצקע וואנצעס אונטער דער נאז, וואס האבן זיך נישט צוגעפאסט צום
איבעראשטן אויסדרוק פון יידישן פנים.

אין דער ערשטער מינוט האט בערנארד געוואלט זיין אנבליק פון
יענעמס אפווענדן. אבער, סיי ער און סיי יענער האבן עס נישט געקענט
טוען. ווי צוגעשמיד אייגער צום צווייטן — האבן זייערע בליקן זיך צונויפ־
געקניפט. נישט מער, האט די מינוט געדויערט אוןביידע האבן איבער
דער מינוט פארגעסן סארא סכנה זיי דרויערט. זאל נאר ווער באמערקן
זייערע צעפלאמטע פנימער, זייער איבעראשונג און עס וועט זיך דערהערן
א געשריי:

— יידן, זשידי! א, א זעט, לעבעדיקע יידן! די טראמוויי וועט זיך
אפשטעלן. געגנוג פארערס אין טראמוויי וועלן זיך געפונען, וואס וועלן זיי
כאפן: ווער ביי די הענט, ווער ביים קאלנער ביז מען וועט פאליציי רופן.
אנדערע וועלן אנהויבן אראפרייסן די מלבושים פון זיי ווי עס ציפט אראפ
אקרא דאס פלייש פון א טויטן.

און איין סעקונדע געדויערט האט זיך בערנארד קלאר געמאכט
די סכנה, וואס דרויערט אים און ווי מען רייסט אפ אן אנגעבריט לייב מיט
יסורים פון א בראנד ארט אזוי, האט ער זיין בליק פון יענעמס אוועק
געריסן.

דער טראמוויי איז שטיין געבליבן ביי א סטאציע. בערנארד האט זיך

---

*) אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האבן זיך א סך פאלאקן פארנומען מיט
אויסגעפונען יידן וואס האבן זיך פארשטעלט פאר פאלאקן. די דענוציאנטן האט מען גערופן
„שמאלצאווניקעס", ווייל זיי האבן געלעבט פון דעם, וואס זיי האבן ביי די קרבנות געפרעסט
געלד, כדי זיי נישט איבערצוגעבן אין די הענט פון דער „געסטאפא".

שנעל געמאכט אוועג צווישן די פאסאזשירן און ארויסגעשפרונגען אויף דער גאס. גייענדיק פאמעלעך מיט א געמאכטער איינגעהאלטנקייט האט ער געפרואווט אריבערצוגיין דעם וועג און דאמאלס: האט ער דערזען דעם פארשוין, וואס ער האט באגעגנט אין טראמוויי אים נאכגיין. געטריבן פון שרעק איז בערנארד געגאנגען גלייך. פאראויס געפונענדיק צווישן די זיימן גאסן די שטילסטע, איז ער אין איר פארשווינדן. אבער דאס זעלבע האט געטאן זיין פארפאלגער, ווי אן געדאנקן איז בערנארד געגאנגען, וואס א מאל שנעלער, פארצווייפעלטער, פארויס און נאכגעיאגט האט אים אין דער גאנץ שטילער און ליידיקער גאס דעם פרעמדנס טריט. ער האט געהערט יענעמ'ס לויפן. צו שרייט ער אים נישט נאך? יא, ער שרייט. טויט־אנגסטן האבן ווערטהיימערן באגאסן און איידער ער האט נאך צייט געהאט צו טראכטן, וואס מיט זיך צו טאן איז יענער לעבן אים שטיין געבליבן.

— א ייד? האט ער אים א פרעג געטאן אויף יידיש.

בערנארד האט זיך אומגעקוקט. דער פרעמדער האט אויסגעזען שרעקלעך.

די גאנצע פארשטעלטקייט אויף אויסצוזען א פאלאק איז פון יענעם מיט איינמאל אראפגעקראכן און דער גאנצער עלנט פון א געטריבענער חיה איז אים אצינד אויף פנים געלעגן.

א געבויגענער, דערשלאגענער, אלטער ייד איז פאר בערנארדן גע־שטאנען. די ליפן יענעמס, האבן שנעל געציטערט. מיט שווערקייט, האט ער אויסגעשטרעקט די הענט:

— נעם מיך קינד מיינס! מירן גיין צוזאמען מירן...

— ווער זענט איר? האט בערנארד זיך געווערט, ריידנדיק צום אלטן אויף פויליש און געפרואווט ווייטער גיין.

דער אלטער האט אים נישט אפגעטרעטן.

— איך האב געגד, איך האב גאלד. איך האב אלץ. איך קען דעם וועג אין וואלד אריין. זאלן מיר זיך האלטן צוזאמען. צוזאמען, וועט זיין לייכטער. — טרעט מיך אפ, זאג איך אייך! איז ווערטהיים ארויס פון די כלים און אנגעהויבן לויפן. דער אלטער איז אים נאכגעלאפן. בערנארר איז ווידער שטיין געבליבן. — זאל נאר איין מענש אדורכגיין און זיי באמערקן אין אזא מעמד זיינען זיי ביידע פארלוירן — האט ער א טראכט געטאן.

דער אלטער, ווייזט זיך אויס שוין אין גאנצן אן אויסגעשעפטער פון יארן שרעק, פון יארן באהאלטן זיך, פון יארן טראגן טויט־אנגסטן אויף זיין פנים האט אצינד נישט געקענט מער אפלאזן אים. און ווי א טרינקער־

דיקער כאפט זיך אפילו אין דער שארף פון א בריטווע. אזוי האט ער זיך אין אים, אין בערנארדן אנגעכאפט.

— איך זאג אייך טשעפעט אייך אפ! האט בערנארד אן אויפגעבראכטער אויסגעשריגן.

דער אלטער האב א וואקל געטאן זיך. האט אויף אים א קוק געטאן מיט אזא בליק — ווי עס ווארפט דעם לעצטן בליק דער געמארדעטער אויף זיין מערדער:

און שוין נישט מיט געבעט נאר מיט עפעס א שרעקלעכן תערומות האט ער אויסגעשריגן — ווז לאזטו מיך איבער מערדער?! איך האב נישט ווו צו גיין. איך קען שוין נישט מער! איך... און ער האט זיך אנגעכאפט מיט די הענט ביי דער ברוסט.

בערנארד האט צוזאמענגענומען אין זיך אלע כוחות. ווי א קראמפ האט ער אין זיך דערפילט א געוויין, וואס האט און אים צום קאפ גע־שלאגן. ווילד, אנגעברים פון א ווייטיק ביז משוגעת: האט ער אנגעהויבן לויפן. און פלוצלים, זיך פארהאלטן. ער האט זיך האסטיק אומגעדרייט און צו זיין גרעסטן דערשטוינונג דערזען דעם אלטן ליגן אויפן טראטואר אן איינגעדרייטן ארום זיך — דער קאפ טיף אין די אקסלען, ווי ער וואלט זיך געוואלט באהאלטן פון מערדערישע קלעפ, וואס פאלן אויף זיין לייב.

לאנגע חדשים גאנצע האט ווערטהיים נישט געקענט פארגעסן דאס דאזיקע געשעאיניש און אן אויפהער האט ער געזען פאר זיך, דאס געשטאלט פון — זיין פאטער, וואס איז מיט א יאר צוריק אומגעקומען. ער האט פלוצלים געהערט אין זיך דעם פאטערס אן אלטן ניגון, וואס ער האט שבת אדער יו"ט געזונגען.

דער ניגון האט אים נאכגעיאגט טאג און נאכט, וויפל ער האט זיך אקעגן אים נישט געווערט איז ער דאך אים אויף די ליפן געקראכן. ער האט אים געהערט אין זיך סיי אין שלאף און סיי אויף דער וואך, דאס ערגסטע פון דעם אלעם איז געווען דאס, וואס דער ניגון, האט אים דערמאנט די היים, די מוטער, און זיין פרוי מיטן איינציקן אומגעקומענעם קינד זיינס.

— —

ער האט געזען זיין פינף־יעריק טעכטערל — גיטעלע. איר קליין בלייך קינדיש פנימל. דעם לייכט פארנעפלטן בליק פון אירע בלויע אויגן ווען זי קוקט אויף אים. אירע רויטע ליפעלעך, וואס זי האט געהאלטן פארביסן, פארשלאסן. דעמאלט, ווען מען האט אים מיט זיין פרוי און קינד אין די וואַ־גאנען אריינגעטריבן, וואס האבן זיי קיין טרעבלינקע געדארפט אוועקפירן. ער איז אליין פון וואגאן דעמאלט ארויסגעשפרונגען און זיי — איבערגעלאזט. ווערטהיים פילט, אז ער גייט פון זינען אראפ ביי דעם געדאנק.—ער איז

דעמאלט געשפרונגען, יא געשפרונגען — זיין אייגן לייב צו ראטעווען, און זיי? ער פילט ווען ער וואלט געקאנט ווײנען, ווי וואלט אים דערפון לייכטער געווארן. אפשר וואלטן די טרערן זיינע דעם קינדס בליק פון זיין הארץ אראפ־געשווענקט, אפשר, וואלט אין אים צעשוווימען געווארן פון זיי דאס שמאלע בלייכע פנים פון זיין פרוי? ווו אבער זאל ער ווײנען? אפשר אין טראמוויי? צו ביי זיין פוילישער באלעבאסטע אין שטוב, אדער גאר אין גאס? ווען יידן ווערן דערקענט אפילו דורכן, בלויזן טרויער, — וואס זיי האבן אין בליק זייערן.

דאס געוויין איז אין אים געלעגן וואבן גאנצע. סיי דעמאלט, ווען ער איז א יעדן פרימארגן א פרישער ארומגעוואשענער, און אפראזירטער, מיט א שטיל אונטערפייפן „צו דער ארבעט" געגאנגען. סיי דאמלט, ווען ער איז ביים טיש געזעסן און מיט די שכנים זיינע. געשפאסט... איין איינציקע מינוט איז עס פון אים נישט אפגעטראטן און כסדר אים געמוטשעט און כסדר, האט ער געטראכט: ווו נעמט מען אן ארט זיך אויסצוווײנען? ביז ער האט געפונען, דאס ארט — דאס ארט, וואס האט אים שיער נישט געקאסט, אז ער זאל דורך דעם דעמאסקירט ווערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האט זיך אים געחלומט. ער איז ביי זיך אין דער היים. עס איז פאר דער מלחמה. ער שטייט ביי זיך אין עס־צימער ביי אוואלן־שפיגל, וואס שטייט אין ווינקל לעבן פענצטער. ער גיט אויף זיך א קוק: ער איז אן דעם גרינעם אנצוג. אן די וואנצעס. די אקופאציע־צייט איז ווייט אין פאר־גרעסן. א ליגן איז, אז ער שלעפט זיך ארום אין די טראמווייען גאנצע טעג. א ליגן. די טויט שרעק. וואס הענגט איבער אים שוין אזוי לאנג און ווען ער וויל פון פרייד א געשריי טון, עפנט זיך די טיר און אין שטוב קומט אריין די פרוי זיינע מיט דעם קינד אויף דער האנד. זי גייט אזוי. פונקט ווי דאמלט ווי אין וואגאן אריין. זי האלט אזוי דאס קינד — ווי דאמלט. דער זעל־בער בליק און די זעלבע טריט. און ווידער זעט ער דעם קינדס בלייכע קינ־דיש פנימל און דעם פארנעפלטן בליק, די בלאע אויגעלעך, די פאר־ביסענע ליפעלעך, די רויטע. ער וויל צו זיין פרוי און קינד צולויפן. שרייען, ארומנעמען, זיי זאגן:

— ניין, קיינמאל מער, וועלן מיר זיך שוין נישט שיידן, מיט אייך צו־זאמען וועל איך זיין, מיט אייך!...

ביי די ווערטער, שטרעקט אויס די פרוי א בלייכע, דינע האנט און מיט די שפיצן זיינע פון אירע לאנגע פינגער שטופט זי אים לייכט אפ.

אין בערנארדן ווערט פארגליווערט דאס געשריי. נאר אנשטאט א געשריי גיט פון אים א פראל ארויס א ביטער געוויין. אויף יידיש:

— אוי מאמע, מאמע!

— פאניע מיעטשיסלאוויע! איר וויינט פון שלאף?

האט אים די באלאבאסטע איבערוועקט. „נו אצינד ווייסט זי שוין וועראוך בין" האט ער מיט שרעק א טראכט געטון, און ער האט אפגעווישטדעם קאלטן שוויים פון שטערן.

פון דעם טאג אן האט ער ווידער מיט מער קראפט פארדאפלט אויףזיך און ארום זיך זיין פוילישקייט. נאך נעכט גאנצע נאכקלערן האט ווערט־היים זיך דערטראכט, אז צו דעם ספארט־אנצוג זיינעם, צו די אפיציר־שטיוול,וועט זיך צופאסן א הונט. האט ער א זעלכן געקויפט.

ער איז מיט דער חיה שנעל היימיש געווארן. אין די נעכט האט ערליב געהאט צו הערן איר שטילן בורטשן, און נישט איינמאל, האלטנדיק דעםווארעמען הינטישן קאפ אין זיינע הענט האט ער שטיל און אן טרערן פאראים זיך אויסגעוויינט.

געווען איז עס זונטיק, א פרימארגן פול מיט זון. די גאסן יום־טוב־דיקע, צעקלונגענע פון קלויסטער גלאקן; פלוצלים, ווי עס וואלט מיט דימענשן אין גאס א הויב געטון א שטורעם. אזוי איז געווארן א געלויף, א געשריי,א מענש אויף א מענש, די טראמוויען זיינען שטיין געבליבן. א טייל מענשןאין גאס איז געלונגען אריינצובאקומען זיך אין די טויערן. וואס האבן זיךגעהאלטן ביים פארשליסן. איידער ווערטהיים האט נאך צייט געהאט צוקלערן, וואס מיט זיך צו טון, איז ער שוין געשטאנען ווי אין א הערמעטישפארמאכטן קאסטן, ארומגערינגלט פון ס. ס. ווי לאנג דאס האט געדויערטהאט ער אליין נישט געוווסט. פאר שרעק האט ער גלייך ווי אלע פארמאכטדי אויגן. ווי אלע האט ער זיך געדריקט צו דער וואנט, ווי ער וואלט גע־וואלט אין איר אריין. דער הונט ווייזט אוים האט דערפילט, וואס מיט זייןבאלעבאס טוט זיך, איז ער אויף ווערטהיימן ארויפגעקראכן, ווי נאך קיינמאלנישט און צעגעטוליעט דעם קאפ צו ווערטהיימס ברוסט.

— פ א ר ז ו ע ר ט ס! האט מען צו ווערטהיימען א געשריי געטוןאון ער האט באקומען א שטויס אין ברוסט. ווען ער האט געעפענט דיאויגן איז פאר אים געשטאנען א הויכער ס. ס.־יונג. דערזעענדיק דעם הונטהאט דער דייטש א שמייכל געטון און ווערטהיימען געפרעגט.

— דיינער?

— יא, מיינער.

— ווי אלט איז ער?

— א יאר.

— דו, דו קליינער, האט דער דייטש גענומען זיך פיעשטשן דעם הונט גענומען אים אויף די הענט, געדריקט אים צו דער ברוסט און געפאטשט אים מיט ליבשאפט איבער דעם רוקן.

— הער קאמענדאנט! האט ווערטהיים א פרווו געטון, — וועט איר מיך פארהאלטן, בלייבט ער איגאנצן איינזאם, אין גאנצן אליין.

— אזוי, אליין? האט דער דייטש פול מיט רחמנות איבערגעחזרט. און געקוקט מיט ליבשאפט אין דעם הונטס אויגן.

— ביזטו אים ריכטיק נויטיק?

— יא הער קאמענדאנט. אן מיר וועט ער אומקומען. ער האט מער קיינעם ניש אויף דער וועלט.

— אך. אומקומען, האט דער דייטש איבערחזרט.

— קאם! האט דער ס. ס.־יונג נאך אווילע אזאג געטון און ווערטהיימען מיט דעם הונט זיינעם אדורכגעפירט דורך דער שטאלענער טויט־קייט.

ווען ביידע זיינען שטיין געבליבן באפרייטע: האט בערנארד ווערטהיים אפגעווישט דעם קאלטן שווייס פון שטערן און מיט גרויס ליבשאפט נעדריקט דעם הונט זיינעם צו דער ברוסט, איבערחזרנדיק אן אויפהער:

— וואס בין איך אקעגן דיר. מיין ליבער רעקס.

א געשיכטע מיט א מעסער

פון די דייטשע חיות פארפייניקטע:
מיין פאטער, די מאמע מיינע. מיין היים געליבטע
פרוי און קינד, מיין ברודער און שוועסטער, מיין
ברודערס קינדער, פעטערס, מומעס און זייערע
משפחות, צוזאמען: זיבעציק נפשות.
צום הייליקסטן אנדענק.

אריינפיר.

ערשט אין יאר 1944 איז צו דער ווייטער אזיאטישער שטאט טאשקענט די הויפטשטאט פון אוזבעקאסטאן דערגאנגען די שרעקלעכע ידיעה, אז די הימלעריסטישע רוצחים האבן פארטיליקט אויך די יידן אין פוילן. די טאטעס אונזערע. די מאמעס, ברידער און שוועסטער. פונ׳ם זויג־קינד ביזן זקן. אן רחמנות זיינען זיי פארלענד געווארן. אין קרעמאטאריעס, אויף תליות, דורך קוילן, דערטרינקן. דורך קראנקהייטן און „טויט־מילן” אויף „טויט־מארשן” דורך שפאט און געלעכטער פון די הענקער.

מיר, די פאר טויזנט פליטים יידן פון פוילן, האבן זיך דאמאלס אין טאשקענט ארומגעבלאנקעט וויסטע ווי אלמנות. ווייטע פון דער היים נישט בלויז אין שטח נאר אויך אין אונזער זכרון איז זי די היים שוין געלעגן ווייט און פארגעסן. מטושטש איר אויסזען. מער האבן מיר נישט געפילט קיין היימווי. פון יארן נע־ונעד זיין, פון הונגער און קעלט איז אונז שוין געווען אויסגעטריקנט א יעדער קוואל פון בענקעניש און גאר נישט מער איז אין הארץ געבליבן ווי נאר—א טריקעניש און א ליידיקייט ווי נאך א שרפה.

ווען די שרעקליכע ידיעה האט צו אונז דערגרייכט איז מיט איינמאל דער פינצטערער געפל אין וועלכן סאיז געלעגן איינגעהילט דער אנדענק נאך אונזערע נאנסטע. וואס זיינען דארט ביים שונא געבליבן—פארשוואונדן און א שרעקלעכע ווירקליכקייט, א גרויזאמע, אבער קלארע האט אונז ארומגענומען. מיט איינמאל, האבן מיר ווי אויף אונזערע העלזער דערפילט דעם קאלטן שארף פון קוילערס מעסער.

אין דער גרויסער פארצווייפלונג; געטריבענע ביז משוגעת פון ווייטיק—האט איין פוילישער ייד געזוכט איבער די אנענדליכע לאנגע טאשקענטער ליימיקע געסלעך דעם צווייטן, כדי, כאטש, צוזאמען א טרער צו פארגיסן און מיט

די אבלות זיך צו טיילן. אין די טעג, האב איך אין א פארנאכט, באגעגנט אין א טאשקענטער שטאט־גארטן מיינס א באקאנטן, א פוילישן ייד וועלכער האט מיר דערציילט די פאלגענדע געשיכטע:

1.

חתונה געהאט האט אנגעהויבן דער פריינט מיינער, האב איך הארט פאר דער מלחמה. די פרוי מיינע, וועלכע איך האב מיט א קורצער צייט פריער דערקענט איז געווען צו אונזער חתונה, כמעט א קינד. איך דאקעגן, בין שוין דאמאלס אלט געווען א יאר עטליכע און צוואנ־ציק. ווען מיר האבן זיך דערקענט האב איך געוווינט אין קראקע, אליין אין א צימער ביי אן אלטן פאר פאלק. דאס צימער מיינס האט געהאט אן איינציק פענצטער, וואס האט געקוקט אויף א טונקלן שמאלן הויף. אין טונקלע רעגן טעג, ווען איך האב מיך געפילט איינזאם און אומעטיק, האט זיך מיר געדאכט, אז די נעץ פון הויף פון צעמענט־ברוק: שווימט ווי אריין אין דעם שטיבל מיינעם, רינט צו מיין הארץ צו און פארגיסט מיך.

גאנצע פערציק יאר האבן די בעלי־בתים דאס צימער צו לאקאטארן פארדינגען און אזוי ווי דאס שטיבל, איז געווען א ביליקס און א שלעכטס האבן זיך שנעל זיינע לאקאטארן געביטן. דאס האט גורם געווען, אז די וווינונג מיינע איז געווען ווי א הפקר שטוב. מענשן, וואס האבן זי אמאל בעוווינט זיינען דא געקומען נאכפרעגן זיך צי איז פאר זיי קיין פאסט נישט פאראנען, צי האט זיך אויף זיי ווער נישט געפרעגט.

אמאל, אין א פרימארגן, האט ווער אנגעקלאפט אין מיין טיר. ווען איך האב געבעטן אריינצוגיין איז פאר מיר שטיינגעבליבן אן אונבאקאנט יונג מיידל. אויף איר פנים האט זיך געמאלט איבערראשונג. ווען זי האט דער־זען, אז זי האט נישט געטראפן, האט זי מיט א קינדישער פארשעמקייט מיך א פרעג געטאן אויף א פרעמדן—וועמען כ׳האב נישט געקענט.

איך שטאם, פון אנ׳ארימער היים האט געזאגט דער פריינט מיינער. אין קראקע האב איך געארבעט אלס משרת אין א גרויס געשיר קראם. אזוי ווי געקומען בין איך פון א קליין שטעטל און האב אין קראקע נישט געהאט נישט קיין פריינט און נישט קיין חבר, האב איך די צייט נאך דער ארבעט מייסטנס פארברענגט אין מיין האלב טונקלן צימער, ליינענדיק אדער — איך בין געלעגן אויפן מיין בעטל און געוועט נאך מיין שווערער הארעוואניע.

נאך זייענדיק צוגעבונדן צו מיין משפחה ווי א קינד צו דער מוטערס נאפל — האב איך געבענקט: צו מיין טאטע־מאמע, צו די ברידער־לעך און שוועסטערלעך. אפילו צו מיין מאמעס קללות, צו אירע טרערן, ווען דאס מיטיק וואס זי האט געקאכט האט נישט געסטאיעט פאר אלע. פארשטייט זיך, אז מיינע 24 יאר האבן פארלאנגט דאס זייעריקע און איבער די בענקע־

גישן האט זיך אין מיר געצייטיקט און געוועקט צוזאמען מיטן באנער צו היימישקייט, צו א נאנטן, אויך א פארלאנג צו אנ אויסדערוויילטער.

דאס מיידל, וואס איז פאר מיר געשטאנען איז געווען א בלאנדע, אירע האר צעטיילט דורך א שרינט האבן זי געמאכט אויסזען צו א שילערן. דאס פנים אירס איז געווען א שמאלס און א בלייכס. ווייזט זיך אויס פון איבערראשונג, וואס זי איז אריינגעפאלן אין א מענערישע שטוב האבן אירע ליפן און נאז־פליגלן לייכט געציטערט.

איך געדענק גישט האט געזאגט דער פריינט מיינער, ווי אזוי איך האב דאמאלס מיט איר פארבונדן דעם ערשטן שמועס, נאר ווען מיר זיינען ביידע פון שטוב אויסגעגאנגען זיינען מיר שוין געווען היימישע.

אין א פאר טעג שפעטער האב איך איר ווידער געטראפן. פארשטייט זיך, נישט צופעליק. געטריבן פון א אנגענעמע אמוזאיקיים בין איך, אנשטאט א היימצוגיין פון דער ארבעט — גאר אוועק זי זוכן. איך האב זי געטראפן שפאצירן מיט נאך צוויי מיידלעך, אירע חברטעס, ווען איך בין לעבן זיי א דורכגעגאנגען האב איך מעשה גרויסער דעם הוט געצויגן און געזען ווי זיי האבן זיך צושמייכלט.

פון דעם טאג, האבן מיר זיך אנגעהויבן באגעגנען רעגולער. אוונט נאך אוונט. אזוי ווי איינער, ווען ער שפרינגט אריין אין א טייך דערפילט דעם ערשטן אויפשוידער, די גרויסע הנאה פון קילן וואסער — אזוי האב איך דערפילט דאס ערשטע מאל דעם טעם פון ליבע.

נאך א פאר טעג פון אונזער באקאנשאפט האב איך באמערקט, אז זי, פרידע הייבט אן צופאסן אירע קליידער צו דעם נייעם, וואס עס איז אריינגע־טרעטן אין איר לעבן. געכטן א קינד איז זי מיט אמאל געווארן א דערוואקסע־נע. די קליידער, וואס זי האט אויף זיך געטראגן זיינע געווען זייער ארעמע, איבערגעניצעוועט. אוודאי פון דער מאמעס, אזוי, אז עס האט זיך אויף זיי געזען א יעדער שלעכט געמאכטער שטאך, די נישט איבריק געראטענע פאלדן. אויף דעם קאפ, שקאציש, האט זי געטראגן א קליין ווייס מארינער היטעלע און אנגעמאטענע אין נייע טופלעס אויף הויכע קנאפל האבן אירע פיס אין זיי אויסגעזען ווי העכער, ווי אויסגעצארמטער.

דער פריינט מיינער איז א ווײלע שטיל געבליבן. איך האב דערפילט ווי טיף ער לעבט דאס אלץ איבער. איך האב פארשטאנען, אז כדי שאר־פער, וואך צו מאכן זיין ווייטיק, באצירט ער די זכרונות פון אונזער ווייטער היים, פון די ערשטע ליבע, מיט אט דעם פאעטישן רימל. אבער אט־פארשטענדלעך איז פאר מיר געווען דער צוזאמענהאנג פון זיין דערציילונג מיט דעם, וואס מיר לעבן אדורך אין דער דאזיקער אויסטערלישער מלחמה. מיין פריינט האט זיך אויסגעגלייכט. ער האט פארזשמורעט די אויגן

אזוי, אז איך האב געזען ווי ער שטרענגט אן ארויסצורופן אין זיך דאס בילד פון יענע ווייטע אוונטן — פון זיין ערשטער ליבע.

— אמאל, האב איך געפרווט — האט ער גערעדט ווי נישט צו מיר, יא, איך האב געפרווט. האט ער איבערהזרט: א נעם צוטאן זי ביי איר האנט. פרידע א דערשראקענע האט זי צוריק ארויסגעכאפט פון מיינער. פילנדיק זיך נאך ווייזט זיך אויס אלץ קינד האט זי זיך א קעגנגעשטעלט דאס בייע, דאס באשערטע, וואס דאס לעבן האט פאר איר אנגעהויבן צוגרייטן. מיר האבן זיך דאמאלס געפונען אויף א אונטערשטאטישע גאס. ס'איז געווען אוונט. זעלטן ווו האט געלויכטן א גאסן לאמפ. די הייזער זיינען געשטאנען טיף אין די גערטנער. נאענט לעבן אונז איז געלעגן די ערד: א פייכטע, א שווארצע, א פריש אויפגעאקערטע. וואס מיט פרידן איז דאמאלס געשען, דאמאלס, ווען ערשט א מניט פריער האט זי זיך ווי א סארנע דערשראקן ווען איך האב געפרווט איר האנט אנרירן, ווער ווייס? זי האט זיך געגעבן א שטעל אפ. זיך אומגעקוקט און איידער איך נאך צייט געהאט א טראכט צו טאן, האט זי אירע הענט ארומגעפלאכטן ארום מיין האלז. איר קערפער איינגאנצן א צעגליטער האט אויפגעציטערט. און דאמאלס, א פולע אין מילדן געגאנד. מיט דער גאנצער גרייטקייט און באנגער אירן — האבן זיך ווי געעפנט די קעמערלעך פון איר לייב און מיט דער גאנצער קראפט — האבן זיך אירע פינגער איינגעקלאמערט אין מיינע. ווי לאנג עס האט געדויערט ווייס איך נישט, אויפגעוועקט האט אונז א שטערן, וואס איז נישט ווייט אין די בוימער אריינגעפאלן און ווייך זיך צעשיט צווישן די צווייגן.

אין א פאר טעג נאך די דאזיקע געשעעניש האט מיט פרידע געבערענגט א נייעס: — ווייסט מיכאל, די שכנים האבן דער באבן דערציילט. אז מיר באגעגנען זיך, וויל דיך די באבע באקענען. פרידע איז געווען א יתומה און דערצויגן איז זי געווארן ביי א באבע, וואס האט זי געשפייזט מיט די ברעקלעך פון איר אמאליקער רייכער בעלביתישקיים. זי האט געציטערט איבער א יעדן פרידעס טריט און פארדאס, איז פאר מיר פארשטענדלעך געווען פארוואס זי וויל מיך קענען. געוווינט האבן זיי אין א קליין הייזל, ווייט ארויסגערוקט אויף דער פארשטאט ווו ארום איז געווען דארף. דאס איז פון דעם מין הייזלעך, וואס שטייען ווי אפגערוקט פון דער גרויסער שטאט ווי מורא האבנדיק זיך צו דער שטאט צוצורירן. ארום זיינען געווען גערטנער און פעלדער. דער שאסיי, אן אפענער מיט ווערבעס אין די זייטן איז דארט ארויסגעשווימען פון דער שטאט אין ברייטן אפענעם לאנד אריין. ערגעץ נאענט זיינען געלאפן באנען און אין די אוונטן איז דארט געווען די גרעניץ צווישן דער טיפער פינצטערניש, וואס אנז געלעגן אויף די

אפענע פעלדער אין דער העלער באלויכטענקיים פון דער שטאט.

די שטוב אין וועלכער פרידע האט געוווינט מיט איר באבן איז געווען א זעלטענע. דאס איינציקע שמאלע פענצטער האט באלויכטן די פינצטערע שטוב ווי א לאמפ. דורך אים האט דא ארייגעקוקט א בוים א צעוואקסענער מיט א ברייטע צווייגן־נעץ אז עס האט זיך געדאכט, אז זיי האלטן דאס פענצטער ווי אויף הענט. צווישן די פיר ווענט איז געגאנגען א שפיל פון צווישן ליכט און שאטן. אזוי, אז דאמאלס ווען די זון האט זיך א צעשיט געטאן צווישן דעם בוימס צווייגן האבן זיך די שאטנס פון זיינע בלעטער געליינט אין דער שטוב אויף די ווענט. אויף די בארדא פלוש דעקן פון די בעטן. אדער, גאר היימיש פארקראכן אויף דעם אלטן שווארצן קאמאד, און איינגעהאפטן זיך אין דעם גרויסן סערוועט, וואס איז אויף אים געלעגן.

דער בוים איז פארדאס געווען ווי א טייל פון דער שטוב. אזוי ווי דער זייגער אויף דער וואנט, וואס האט געפירט די צייט האט ער, דער מיט זיין ליכט און שאטן שפיל אנגעזאגט דאס וועטער און די יאר־צייטן. א יעדעס ווינטל, וואס האט מיט אים א טרייסל געטאן האט זיך באלד אפגעשפיגלט אין דעם גלאנץ פון די קופערנע פאנען, וואס האבן אויף דער וואנט גע. אנגען און אין מעשענעם שטייסל, וואס האט זיך געשפיגעלט אויף דעם דאפלט ווענטל איבער דער קיך.

דעם אויבן אן פון אלע שטוב זאכן האט פארנומען דער גרויסער אלמער שווארצער קאמאד מיט די דריי רייעס שיפלאדן. א באשלאגענער, מיט שווערע בלעכענע באשלעגן. אויף אים איז געלעגן א קיילעכיקער אין שפיצן געהעקעלטער סערוועט. אויף דעם סערוועט ווידער אנגעלענט אין דער וואנט איז געשטאנען נישט קיין גרויסער שפיגל ארייגעפאסטער אין פאר־געמטע ביין ־ ראם. ארום אים אלטע, אויסגעטריקנטע פערפום פלעשלעך און צווישן זיי איז געלעגן א גרויס פערלמוטער־שבת־מעסער. די קלינג פארמאכט אין ־עם הענטל, וואס האט אין איין זייט געהאט אויס־געקריצט אין לשון הקודש מיט דרוק־שריפט: „לכבוד שבת קודש" אין דער צווייטער זייט קאליגראפיש: „קארלסבאד". אנגעלענט אין שפיגעל זיינען גע־שטאנען צוויי פאטאגראפיעס. אפגעלאקעוועטע פון דער צייט. אויף איינע האט זיך געזען א נישט הויכער מאן אין שטיוול אין א ספארט־רעקל. דאס פנים א שארפס, ווי פון ווינט צעשניטנס. אויף די נאז, בריקן אין א ביין פאסונג. די צווייטע פאטאגראפיע האט פארגעשטעלט א פרוי. ווען איך האב אויף איר אבליק געווארפן האב איך צו פרידן א זאג געטאן:

— פרידע, דאס איז דאך די מאמע דיינע! אזוי ענלעך איז זי צו איר געווען.

ארום אקיילעכיקן טיש אין מיטן שטוב זיינען געשטאנען אלטע, ווייכע, פאטער שטולן. דער רויטער פלוש אויף זיי איז געווען אויסגעזעסן און אויסגעריבן. אויף די ווענט האבן געהאנגען פארשידענע מאקאטן, אלטע, האנט־ארבעטן געשטיקט פון פארשידן קאלירקן זייד אויף שווארצן ריפס. דאס זיינען מייסטנס געווען בילדער, וואס האבן פארגעשטעלט דאס אויסזען פון בית המקדש, דאס געשטאלט פון אהרן הכהן מיטן חושן ואפוד אויף דער ברוסט. אהרן הכהנס אויגן פון בלישצענדיקע גלעזלעך האבן גע־קוקט מיט רוגזה און מיט עפיס א הייליקן צארן, ווען ער דערנענט זיך צום מזבח. נאך א מאקאט, אויף דער א קעגן איבערדיקער וואנט, וואס האט פארגעשטעלט „רחלם קבר" האט טילדער געמאכט אהרן הכהנס כעס. דער וועג קיין בית־לחם, וואס האט זיך אויף אים געזען — אט דער „אקערלאנד" אדורכגעווייקטער מיט טרערן, ווען גבזרדן האט פארטריבן די יידן און גלות אריין איז אויפן מאקאט געווען באגאסן מיט א זיידן גרין ליכט. אזעלכעס, וואס איז אויסגעגאסן זומער פארנאכט אויף די פאשע פעלדער ווען די זון גייט אויף זיי אונטער.

ווען איך בין צום ערשטן מאל און דער דאזיקער שטוב אריינגעקומען האט געזאגט דער פריינט מיינער האב איך באמערקט, אז דארט צאנקט אן אלט יידיש לעבן און פרידע און די באבע אירע זיינען דאס לעצטע שטיקל קנוים פון אן אלטן יידישן שטייגער.

דער פריינט מיינער איז א ווײלע שטיל געבליבן. טיף אריינציענדיק דעם רויך פון דעם פאפיראס, אין זיינע אינעווייניקסטן ווי ער וואלט געוואלט און זיך עפעס פארגיסן. האט ער א ווײלע נאכגעטראכט און ווידער אנגעהויבן דערציילן;

אין גאנצן זיינען מיר דאמאלס געווען צוויי טעג נאך אונזער חתונה. ווארעמע, פייכטע טעג, לאנגע און אומגעלומפערטע האבן זיך געצויגן. דאס גליק, פון באהעפטונג האט אונז געמאסט פויל, שלעפערוק און גל קלעך. מיר זיינען געזעסן ביים אפענעם פענסטער און די לופט האט געזויגן א דין זומער רעגנדי. א קאץ אין גראז האט מיטן בליק נאכגעיאקט די פייגל, וואס האבן פון בוים אראפגעצוואלט אויף די טעלעגראפן דראטן ארויף און דארט אנגעהויבן טרילן ווי אויף נאטן. דאמאלס, האט מיר פרידע מיינע דערציילט אט וואס;

— איך בין נאך דאמאלס א קינד געווען, דעם זיידן מיינעם האט מען אין שטעטל ווו מיינע עלטערן האבן געוווינט פארקויפט אויף ליציטאציע דאס גאנצע רייכע פארמעגן זיינס. אזוי, אז מיר זיינען געבליבן אביונים. פאר חרפה האבן מיר דאס שטעטל פארלאזט און זיך באזעצט אין קראקע.

דער זיידע האט דאמאלס פארלוירן דאס פארמעגן אומגעריכט, עפּיס א נארישער צופאל האט אונז אומגליקליך געמאכט. דער זיידע האט געהאט אסך ערד, וועלדער, מילן און ווי עס וואלט ווער א האנט אויסגעשטרעקט און ווי פודעלעך שוועבעלעך ווערן פון טיש אראפגעגנבעט אזוי, איז אלעס אויסגערונען געווארן ווי פון אונטער די הענט. פון אלעם איז ווי פון שניי—וואסער געווארן און ווי צו שליסן דאס גאנצע אומגליק איז נאך דעם ווי מען האט דעם זיידן אין שטעטל פארקויפט די לעצטע מויער— איז ער אין א פרימארגן פאר דער שטוב ארויסגעגאנגען און געשטארבן ווי א בעטלער אויף דער שוועל. פון דאמאלס אן איז די שטוב ביי מיין באבען געווארן איין גרויסער פלאנטער. אין אלעמען האט מען נאר געזען „א מזל זאך" א סימן — אויף ווייטערע אומגליקן, וואס דארפן זיך שיטן אויף אונזער הויז. די באבע האט מורא געהאט אפילו א שריט צו שטעלן. א שטערן איז געפאלן פון הימל, א ביסל אש האט זיך פון אויוון ארויסגע־שיט, א פויגל איז אויפן פענצטער ברעט שטיין געבליבן. אלץ, אלץ איז געווען א צייכן אויף עפעס שרעקלעכעס, אויף אומגעריכטעס און אויסטער־לישעס. ווען מיר האבן זיך איבערגעפעקלט קיין קראקע האט דער פאטער מיינער באשלאסן זיך אקעגנצושטעלן דעם גורל. ער איז געווען א דרייסטער, א יונגער און א לעבנס־לוסטיקער. דאמאלס אבער, האט ער טעג גאנצע געשוויגן. ביז אמאל, האט ער אין שטוב הויך א זאג געטאן:

— איך און מירל (דאס איז געווען די מאמע מיינע) פארן אין בראזי־ליען. פרידע, האט ער זיך געווענדעט צו דער באבען. וועט מיט דיר מאמע בלייבן: ביז מיר וועלן פון דארט קומען אויפגערעכטע.

— נו שטעל דיר פאר מיכאל האט די פרוי מיינע צו מיר געזאגט, וואס אין שטוב האט זיך עס אנגעטאן. א שרעקלעך געוויין, ספאזמען, א הענט־ברעכן איז געווען דער ענטפער פון דער באבען. נישט קענענדיק פועלן מיט געוויין סטראשען מיטן שולד פון גורל האט זי נישט אויפגעהערט דעם טאטן מיי־נעם ווייך מאכן מיט:

— ווי אזוי קענסטו ביי מיר אן אלטע, צעבראכענע און ארעמע — איבערלאזן דיין קינד און אוועק דארט ווו די וועלט האט איר עק?

אבער אויך דאס האט נישט געהאלפן און דער טאטע מיט דער מאמען האבן זיך אנגעהויבן גרייטן אין וועג אריין.

פרידע האט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום קאמאד, גענומען דאס שבת מעסער, וואס איז דארט געלעגן און צוטראגענדיק עס מיר האט זי ווייטער דערציילט:

— ביים פארפאקן די זאכן זייערע, האט דער טאטע מיטן שבת מעסער גע־

וואלט עפּיס איבערשניידן איז אַן אומגליק געשען — דאָס מעסער איז אים פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן.

די באַבע, איז בלייך געוואָרן. אַ האַלב טויטע האָט מען זי צום בעט אַוועקגעטראָגן. דאַך, דעם זעלבן טאָג, איז מיין טאַטע און מאַמע אַוועקגעפאָרן און מער האָבן מיר פון זיי נישט געהערט. האָט פרידע געזאָגט און טרערן האָבן געטריפט פון אירע אויגן.

פאַרשטייט זיך, אַז ביז היינט איז פאַר די באַבע מיינע קלאָר, אַז דאָס אַראָפּפאַלן פון מעסער האָט פאַרויסגעזאָגט דעם אומקום פון מיינע עלטערן. צען יאָר שוין טראָגט זי איר ווייטיק. זיצנדיק גאַנצע טעג אַ פאַרגלווערטע אויף די שטולן דאָ. קיין איין וואָרט פון תערומות קעגן דער האַק פון גורל, וואָס הענגט איבער אונזער שטוב האָט איר מויל נאָך נישט אַרויסגעזאָגט. בלויז פון צייט צו צייט, כאַטש זייער זעלטן — צעגיסט זיך אַ טרער צווישן די אַלטע קנייטשן פון איר פּנים. און אַזוי, אַ פאַרגליווערטע, אַ טרויעריקע, היט זי מיט איר בליק צוויי זאַכן: מיך און דאָס שבת מעסער. וואָס ליגט אויפן קאַמאָד, שעהן גאַנצע האָט פרידע געזאָגט קוקט זי אויף דעם שפּאַלט אין פּערלמוטער, וואָס איז געוואָרן דאַמאָלס, ווען דער טאַטע האָט עס פון דער האַנט זיינער אַרויסגעלאָזט. דאָס מעסער היט זי אפשר מער ווי מיך. עס איז אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט אין איר לעבן. נישט איינמאָל, קוקענדיק אויף דעם פּערלמוטערנעם הענטל, וואָס לייכט צו דער זון מיט זיין פּאַספּאַר ליכט זעט דערין די באַבע: מיין ליכטיקע צוקונפט און אין די פאַרנאַכטן ווען דאָס מעסער ליגט פאַר איר אַ מאַטט לייגט זי דערפון אַרויס דעם אונטערגעבן טרויער, וואָס ריקט זיך אַן אויף איר. אין די פּריייטיק צונאַכטן ווידער, ווען די שבת ליכט אין די לייכטער טריפן פון היץ כאַפּט זי, די באַבע דאָס מעסער פון טיש אַראָפּ און תמיד זאָגט זי די זעלבע ווערטער מיט טרערן:

„— דערזען נאָר די ליכט די וווּנד אין מעסער הייבן זיי אָן ווי מיט טרערן וויינען. דאָס זיינען דאָך די טרערן פון מיינע קינדער."

דאָס האָט מיר פרידע איבערגעגעבן האָט דער פריינט מיינער צוגעגעבן און נישט אָפּרוענדיק זיך, לאָזנדיק צווישן זיינע פינגער אויסלעשן דעם פּאַפּיראָס האָט ער ווייטער דערציילט:

— דער זומער, ווען מיר האָבן חתונה געהאַט איז שנעל אַוועק. ווי קיינמאָל נאָך נישט — איר געדענקט דאָך עס ווי איך אַליין. האָט זיך דער באַקאַנטער מיינער צו מיר געווענדעט, אַז דער האַרבסט, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז פול געווען מיט גאָלד און זון. מיט בלאָע הימלען און וווּנדערליכע אויסגעשטערנטע נעכט, ווי די נאַטור אַליין וואָלט חזוק געמאַכט פון מענטש. דער האַרבסט, וואָס האָט געבערענגט די שרעקלעכסטע מלחמה אויף דער וועלט איז געווען ווי בורשטין געדעכט. מיט אַלע זיסקייטן

וואס גאט שיקט אראפ אויף דער ערד. א ווינטל האט נישט א בלעטל אויפן בוים גערירט. קיין וואלקנדל – האט דעם הימל נישט באונרואיקט. א ווייטע, אן אונענדליכע לויטערקייט איבער די צעאקערטע פעלדער, צווישן די האלב באקעטע ביימער. ווי א פרוי, וואס טראגט אויס איר קינד ביזן לעצטן טאג פון איר שוואנגערשאפט אזוי האט דער זומער זיינע פרוכטן דאמאלס אויסגעטראגן. נישט קיין פארפלייצונג, נישט קיין רעגנס, שטורמען, דונערן אדער בליצן – א זיסע רואיקייט ווי עס שטארבט ווער מיט דעם טויט פון א געטלעכן קוש האט דער האר פון אלע וועלטן אונטערגעטראגן דעם מענטשן די ערד און ווי אים געזאגט אט זע א וועלט, וואס דו גייסט פארניכטן. וואס דו גייסט צו חרפה און שפאט צו מאכן! די מלחמה איז געקומען. מן הסתם האט עס דאך ביי אייך אין שטאט אזוי אויסגעזען ווי ביי אונז. יא, די מלחמה האט זיך אנגערופן אויף אלע וועגן. די נאטור איז געווען ווי פריער – א מילדע און א גוטע. נאר אלע שטורמען פון דער וועלט האבן מיט די שטעט און דערפער א הויב געטאן. „אנטלויפן! אנטלויפן!" דאס איז געווען דער איינציקער געשריי. מענטשן, פון דער רעכטער זייט ווייסל זיינען גע־לאפן אויף איר לינקער זייט–און די פון דער לינקער – אויף דער רעכטער. פון פון קראקע איז מען געלאפן קיין ווארשע און פון ווארשע – קיין קראקע און דאס אנטלויפן האבן באגלייט אויפרייסן פון באמבעס, א ווייט געבילעריי פון הארמאטן אין די נעכט. הויך, אין די לויטערע הימלען האבן ווי שפאר־בער גרייט צו פארציקונג געהאנגען די דייטשע אייראפלאנען, אין שלאף און אויף דער וואר האט זייער בינען־גערויש געעגבערט אין דעם הארץ און מח און געוועקט טויט־שרעק. סיי באטאג און סיי באנאכט איז די באבע אונזערע דא־מאלס געשטאנען פאר דער טיר לעבן שאסיי, וואס איז פול געווען מיט פליטים. אן אפגעשוואכטע האט זי מיט אירע אויסגעלאשענע אויגן געזוכט א צייכן אויפן הימל, ביז זי האט אויף אים דערזען א שרעקלעכע פארניכטונג; די וואלקנס איבער אונזער דאך האבן אין אירע אויגן אויסגעזען ווי פיר שווארצע פענער. ארומגעכאפט פון שרעק, א שוואכע, קוים שטייענדוק אויף אירע גע־שוואלענע פיס האט זי געשריגן נישט מיט קיין מענטשלעך קול:

– אנטלויפן, אנטלויפן!

איך בין באלד אוועק אין שטאט אריין. כדי מיט מיין משפחה פטור ווערן פון מיין היים און נישט געפינענדיק קיין פורל — בין איך געקומען א רעזיגנירטער נאך מער פון דעם וואס איך האב געזען:

קראקע איז געווארן אן אויסגעשטארבענע שטאט מיט איינמאל! פארהאקטע קראמען, טראמווייען, זיינען געשטאנען אויף די ליניעס פארלאזטע ווי פאר־שרפטע הייזער. אריינקומענדיק צוריק אין שטוב האט מיך באגעגנט א גיי אומגליק.

מיר איז אקעגנגעגאנגען פרידע. אירע אויגן זיינען געווען פארוויינטע, זי האט שוין דאמאלס געטראגן א קינד אונטערן הארצן. — די געלע פלעקן אויף איר פנים, די צעשויבערטע האר, די איטאדיקע שרעק אין אירע אויגן האבן זי געמאכט אויסזען צו א מענטש, וואס איז אקארשט אראפ פון זינען. זי האט געבראכן זיך די הענט, געריסן זיך שטיקער פון פנים.

— מיכאל אן אומגליק, א שרעק, אויסטערליש. מיכאל! ס'מעסער איז מיר פון דער האנט ארויסגעפאלן!

מער האט זי נאר נישט געקענט ארויסריידן. א פארצווייפלטע, האט זי זיך אראפגעלאזט אויף א שטול און שטארק זיך צעכליפעט.

פארשטייט זיך, אז נאך דעם געשעאיניש מיטן שבת מעסער, וואס זיין צווייט מאל אראפפאלן האט אנגעזאגט אומגליק, האט שוין מער קיין רייד נישט געקענט זיין, אז פרידע מיט דער באבען זאלן די היים פארלאזן און אוועקלאזן זיך אויף וועגן, וואס ווערן באשאסן און באמבארדירט.

לאנג האב איך און מיין פריינט געשוויגן. ביידע האבן מיר דערפילט עפּיס זייער שווערס אויף אונזער געמיט. אזעלכעס, וואס מען קען עס גאר נישט מיט ווערטער איבערגעבן. ווי פארשעמט איינער פארן צווייטן. ווי גע־טראפן פון דער זעלבער שרעק—פאר די שרעק פאר דעם, וואס די דערציי־לונג וועט ווייטער ברענגען האבן מיר זיך ווי ברוגזע אפגערוקט זיך איינער פון צווייטן. מאדנע טונקל איז מיר געווארן אין מח און שווער די לופט צו אטמען. דער פארנאכט האט אנגעהויבן אין גארטן צופאלן. היימלאזע קינדער האבן זיך אנגעהויבן זאמלען צווישן די קוסטעס — כדי דארט דורכצו־שלאפן די נאכט. פון דער ווייטנס, פון א צווייטער אליי האט זיך געהערט א קלאפן פון קולעס, ערגיץ האבן געאיילט שיכורע מלחמה אינוואלידן. מיט א מאדנעם רוסישן ווייטיק האבן זיך געטראגן איבערן גארטן זייערע קללות. ס'איז געווארן ליידיק ארום אונז און מיט אן ארעמקייט. מיט אן אזיאטישער הפקרדיקייט האט אנגעהויבן צופאלן די נאכט; וואס פארשפרייט נישט קיין פליגל פון רו נאר צינד אן אין א יעדן שרעק פאר עפעס ווילדעס, פאר עפעס פלוצלימדיקעס, וואס קען געשען ביז ס'וועט צוריק אויפברעכן אומגעריכט דער קומענדיקער טאג. וויפיל מיין פריינט איז שווער געווען ווייטער איבער דעם אלעמען ריידן האט ער ווי איך האב באמערקט מורא געהאט, אז איך זאל אים נישט איבערלאזן און אוועקגיין. פארדאס, האט ער געאיילט זיך: פארצווזעצן דאס, וואס ער האט געמוזט פון הארצן זיך אראפריידן:

אין מיין פרייער צייט האט ער געזאגט האב איך ליב ארומצוקריכן אויף די טאשקענטער באזארן. איך האב ליב דעם טומל און געפולדער דארט. דאס היזשן פון די אישאקן, (אייזעלאך) מיט אינטערעס: קוק איך מיך צו ווי די מחנות היימלאזע קינדער יאגן זיך מיט די מיליציאנטן ווי א קאץ מיט א מויז.

מיך פארשיקערט דער גערוך פון די ווײַן־טרויבן און דינעס. די פארבן, פון די אוזבעקישע קלײדער. מיט גרויס הנאה קוק איך מיך צו ווי מענטשן באַיאַר־טע. קויפן בײַ אלטע פרויען פאטאגראפיעס פון פרעמדע באבעס און מומעס. ווי הויכע מיליטער לײַט, קוקן, ווי קינדער דורך די גלעזעלעך אין וועלכע מען זעט פאר צען קאפיקעס — נוי־יארק און לאנדאן. איך האב ליב צו שווימען צווישן דער מענטשן מאסע, שרעקן זיך פאר די גנבים, וואס רײַסן ארויס בײַ די ארעמע פרויען דאס ברויט, וואס, זיי פארקויפן פון זײַער מויל אַוועק. דער באזאר, דאס איז דאך דאס אײן אײנציק ווינקעלע איבערן גאנצן לאנד ווו דער מענטש באפרײַט זיך — ווי אין באד פון די לעסטיקע קלײדער אזוי ווערט ער דארט פטור פון אלע געזעצן, פון אלע צוימען, וואס די מלוכה און גאט לײגן אויף אים ארויף. גנבים גנבנען. שפעקולאנטן־שפעקולירן, פראסטיטוטקעס גיבן אוועק זײערע לײַבער. הפקר און פרעך. אפילו דער מיליציאנט דער היטער פון געזעץ פארקויפט זײַן פליכט דארט ביליק און אפן. מענטשן, פון דער העכסטער שטאפל ביז קלענסטן ווערן זיך גלײַך און מען זאגט זיך אויף „דו" בײַ א גלעזל וודקע. אין די ווינקלען אונטער די בודקעס קלאפט מען ברודעריש לחיים; דער באנדיט מיטן שרײַבער. די פראסטיטוטקע — מיטן לערער.

די רוסישע שפראך באקומט דארט איר אמתן קלאנג און קאליר. איר פלוס גײט דארט און דער ברײט, מיט זלזולים אויף גאט און די אײגענע מאמע. אמליבסטן האב איך אבער אויף די באזארן, דא אין טאשקענט די ווינקלען ווו צווישן די לאנגע רײען קארטן לײַגערינס און טרעפערקעס, פארקויפט מען כל ערליי אלטווארק, וואס עס איז נאר אויף דער וועלט פאראנען. איר קענט דא קויפן קוטאזאווס שליפעס און דעם אלטן טאלסטאָיס פיסנ־בענקעלע. אלערלײ ברוכווארק, — באקומען אויף די טישן פון די סטראגאנעס צוריק זײער תיקון. פון אן אלטן אנטיק זײגער ביז — סתם א שערבעלע, וואס טויג מער נישט ווי נאר א טויטן אויף די אויגן ארויפצולײגן.

לעצטנס, ווי איר ווײסט. ליבער פרײַנט, זײַנען די שטעלעס באַרײַכערט געווארן מיט נײַע זאכן; זאכן, וואס די אינוואלידן האבן געברענגט פון פראנט, אזש פון הינטער לובלין. איר קענט שוין הײַנט דא אין טאשקענט אויפן „נאהאלייסקי באזאר" קויפן א חסידישע זשיפיצע, א טלית, מעשענע שבת לײַכטער פון ערגיץ א שטעטל הונטער לודמיר אדער לוצק. די דאזיקע זאכן, וואס מען האט אזש צען טויזנט קילאמעטער ווײַט פון דארט דא א הער פארשלעפט האבן מיר נישט געגעבן קײן רו. ווי פון אנפאנג. ווען איך בין קײן טאשקענט געקומען האט זיך מיר כסדר געדאכט, אז פון דערווײַטנס ערגיץ צווישן מענשן דערזע איך דעם בלאנדן קאפ פון מײַן פרוי אזוי, האבן די יידישע זאכן, דער לעצטער פארווארפענער צײכן פון אונזער

אומקום. אנגעפילט מיך מיט אומרו און שפאצירנדיק מיט די אויגן צווישן די לאנגע רייעס סטראגאנעס האב איך געזוכט צו וועט זיך נישט געפונען צווישן זיי אויך מיינס אן אייגנס, וואס זאל מיר ברענגען א גרוס פון מיין היים? ביז כ'האב געפונען:

איך האב א קוק געטאן אויף מיין באקאנטן ער האט א ביטערן שמייכל געטאן און געזאגט:

— דאס שבת מעסער פון מיין פרוס היים האב איך דא געפונען פול מיט שטוינונג האב איך אים איבערגעפרעגט;

— וואס, דא, אין טאשקענט? טויזענטער קילאמעטער ווייט פון פויקן?

— יא, דא, אין טאשקענט האט ער איבערחזרט מיינע ווערטער. אויף א סטראגאן טיש ביי וועלכן איך פלעג פון צייט צו צייט קויפן פארשידענע קלייניקייטן.

דאס מעסער איז אויף דער שטעל געלעגן מיט אלע זיינע סמנים, מיט דעם ריץ, וואס פרידעס פאטער האט דערין געמאכט, ווען עס איז אים פון דער האנט ארויסגעפאלן, אין די ערשטע מנוט איז מיר איינגעפאלן א געדאנק: פרידע לעבט! פרידע געפונט זיך דא אין טאשקענט און זי, האט דאס מעסער דער פרוי פארקויפט. איך האב דאס מעסער א נעם געטאן און צו מיין גרעסטער דערשטוינונג דערזען, אז אונטער אים ליגט א בריוו געשריבן אויף יידיש. איך האב דערקענט פרידעס שריפט. די פרוי, וואס האט געהאט דאס מעסער צו פארקויפן האט ווייזט אויס באמערקט מיין איבעראשונג ווייל זי האט צו מיר א זאג געטאן:

— דאס מעסער האב איך געקויפט היינט ביי א מלחמה אינוואליד. זי האט זיך אומגעקוקט און געוויזן צום מענטשן שטראם. אט, איז ער אקארשט אוועק. ער איז געקומען פון פוילישן פראנט. ווו ער האט מיר דערציילט, האט ער דעם פארגאנגענעם פרילינג אין פרייען פעלד, ווען דער שניי האט אנגעהויבן טייען געפונען א טויטע פרוי. ארום איר פיס אין א שמאטע איז געלעגן ארומגעבונדן דאס מעסער איינגעוויקלט אין דעם פאפירל.

דער באקאנטער מיינער האט ארייגעשטעקט די האנט זיינע אין דער קעשענע, ארויס גענומען דאס מעסער און זייער אן אלטן, האלב פארפוילטן יידישן בריוו.

דער בריוו איז געווען א געשריבענער מיט בליי. די אותיות אויף אים האלב פארמעקטע. איך האב מיך צוגעבויגן צו מיין אומגליקלעכן פריינט און אט וואס מיר האבן פון אים ארויסגעליינט:

טייערע רייזעלע!

איך שרייב דיר דעם בריוו אין א פוירישע כאטע. אין א פרעמד דארף, וואס איך וויים נישט זיין נאמען. אין גאנצן. איז אצינד א פאר שעה דערנאך ווי

איך האב באגראבן מיין איינציק קינד, מיין פייגאלע. ס'איז היינט ביי זיי א גרויסער יו"ט און אלע זיינען אין קלויסטער. איך בין אין א שטוב ווו ס'איז בלויז דא א האלב בלינדע אלטימשקע. ווייזט זיך אויס, אז זי אריענ־טירט זיך נישט, אז איך בין א יידישקע. איך ווייס נישט צו וועט דער בריוו דיך דערגרייכן און צו וועלן אים די פאסקעוויטשעס אויף וועמענס אדרעס איך שיק אים דיר — אים איבערגעבן. איך בין דא אין דער שטוב אריינ־געפאלן נאך דריי נעכט ארומבלאנקן אין פעלד אויף ווינט און פראסט־מיט פייגאלען אויף מיינע הענט.

קען זיין, אז דאס זיינען מיינע לעצטע מניטן, ווייל ווייטער ווו גיין? ווו זיך באהאלטן — האב איך נישט. דאס איז אודאי דאס לעצטע מאל, וואס איך פיל איבער מיין קאפ א סטעליע. אויב איך וועל ג'עבן ביז פארנאכט; אפשר וועט מיר געלונגען זיך צו צוגנב'נען צו א מענשלעכן ישוב און דעם בריוו אוועקשיקן. ווייזט זיך אויס, אז די אלטימשקע ווייסט יא ווער איך בין ווייל אט לייגט זי לעבן מיר א וועק א שטיק יומ"בדיקע חלה און זאגט מיר: — עס, זאל עס דיר זיין צום געזונט! די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועסטו צוריק זיין א מענש. זאל דיך גאט פירן.

וואס זאל איך דיר דערציילן מיין טייערע. איך בין זייער פיל אדורכ־געגאנגען, זייט איך בין מיטן קינד פון געטא אנטלאפן. וויפיל האב איך מיך אפגעליטן ביי די פאסקעוויטשעס? גאט איינציקער! ווי מיר ווילט זיך שטארבן מער נאך ווי שלאפן. אין א ווארעם בעט מיט א קישן אונטערן קאפ. אוי, ווען דו וואלסט געוווסט ווי אזוי דאס קינד איז אויסגעגאנגען! טאקע ווי א ליכט אין א הייליקן שבת'דיקן לייכטער. מיר זיינען געווען אין פעלד נישט ווייט פון דארף ווו איך געפין מיך אצינד. ס'איז געווען נעכטן — די נאכט פון ווייגאכטן. כ'בין געשטאנען נישט ווייט און געקוקט אזוי ווי א וואלף קוקט צו א מענשליכן ישוב. פייגעלע האט אין גאנצן געברענט אין פיבער. וויפיל טעג האט זי אין איר פארטריקנט מיילעכל קיין ביסן נישט געהאט? דאס דארף איז געווען העל באלויכטן. זיי זיינען געזעסן ביי די יו"ט־טישן און איך —אין פעלד, מיט א שטארבענדיק קינד אויף די הענט. דער פראסט אין דער ווינט האט מיר דאס פנים און די הענט געשניטן. איך האב א פארגליווערטע, נישט געקענט אראפנעמען די אויגן פון באלויכטענעם דארף. דערנאך, האבן זיך די קלויסטער גלאקן אפגערופן. עפעס אזוי, ווי זיי וואלטן פון הימל אראפגעקלינגען—פון ערגיץ זייער הויך. און דערנאך איז שטיל געווארן און ווידער אהייליק געזאנג פון גאנצן דארף האט זיך צום הימל אויפגעהויבן. איך בין געשטאנען ווי א וואלף אין פעלד מיט מיין שטארבנדיק קינד אויף די הענט און איינגעהארכט זיך. געדענקסט אפשר, ווען מיר זיינען פאר א יאר נאך די „אקציע" אין באכניע געלעגן ביי די פאסקעוויטשס אין בונקער? דאמאלס,

איז אויך געווען וויינאכטן, ווי שטיל די וועלט איז דאמאלס ארום געווען
און פון אומעטום האט זיך געהערט דאס געזאנג פון די דייטשן:

שטילע נאכט
הייליקע נאכט.

אזוי האט עס דא אויסגעזען פונקט אין דער מינוט, ווען פייגעלע איז מיר געשטארבן. מיר טוט שרעקלעך באנג, וואס זי איז פון דער וועלט אוועק און מיכאל האט זי אפילו נישט געקענט, ווען ער איז אוועק איז זי נאך אויף דער וועלט נישט געווען. איך שטעל מיר גאר נישט פאר, אז איך האב פטור געמאכט די פאסקעוויטשס און בעטל שוין נישט ביי דעם אלטן מיין לעבן פארן פרייז פון מיין לייב. פון אייך, ווען איך בין אוועק, בין איך ערגיץ אין א דארף ביי א רייכן פויער צוגענומען געווארן אויף ארבעט. איך האב זיי איינגערעדט, אז איך בין א פוילישע. אין גאנצן בין איך מיטן קינד מיינעם דארט געווען נישט מער, ווי איבערן טאג. ווען איך האב די פאדלאגע געוואשן איז דאס שבת מעסער מיר ארויסגעפאלן פון זאק און דעם בעל־הבית טאכטער האט דערויף באמערקט די יידישע אויפשריפט. נאך גוט, וואס זיי האבן מיך נישט פארהאלטן. אבער פייגעלע איז געשטארבן און איך לעב. צו וואס? איך האב מיט די פינגער מיינע אוועקגעקראצט דעם שניי און איר א וויסן ווי א העמדל, ווי א קינדיש קליידל, א קבר געמאכט. די נאכט איז נישט געווען קיין פינצטערע און אירע ראזע בעקעלעך האבן אין פראסטיקן נעפל געלויכטן ווי עפעלעך, וואס ס'האט ווער אין שניי פארלוירן. איך האב מיך אויך אוועקגעלייגט ביי איר. איר הענטל, ווי אויסגעדארט עס איז געווען און דערצו טויט— האט עס מיך געווארעמט. באלד אבער האב איך דערזען ווי אין חלום יענע פרוי. געדענקסט זי? ווען די דארף שגצים צוזאמען מיט די דייטשן האבן זי דער־הרג׳ט און גאנצע דריי טעג איז זי א נאקעטע געלעגן אויפן דארפס וועג און צום געלעכטער פון אלע האבן די שגצים אין איר פארבארגענסטן ארט א שטעקן אריינגעשטעלט און געפרווט זי אזוי ווי א לאמטער טראגן איבער דער גאס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי די ווערטער איז דאס פאפיר געווען אין גאנצן פארפוילט, אז מער האט מען גישט געקענט דערפון עפּיס ארויסלייענען. דער פריינט מיינער איז געבליבן זיצן אין גאנצן א פארשטארטער. איך האב אויף אים א קוק געטאן. דאס פנים זיינס האט געהאנגען א געלס, א אויסגעצויגנס ווי א טארבע. די הענט זיינע אין וועלכער ער האט געהאלטן דאס שבת מעסער און דעם בריוו פון זיין פרוי זיינען די פינגער פון איר פאמעלעך לויז געווארן ווי דאס בלוט און די כוחות וואלטן פון זיי ארויסגעשווימען. נאך א מינוט איז דער בריוו מיט דעם מעסער געלעגן ביי אונזערע פיס.

איבערן גארטן האט געהאנגען דער קאלטע סערפ פון א יונגער לבנה.

טאשקענט מערץ יאר 1944

מענדל ברוידעס לעבט

מענדל ברוידעס האט אין דעם טאג נישט איבריק גוט זיך געפילט. מיד האט אים אויך געמאכט די תמימה, וואס האט זיך פון באלד אינדערפרי געשטעלט אן איבלדיקע און טריקענע.

פון געוווינהייט, לויט זיין שטייגער האט ער אויך היינט זיין ביטער הארץ אויסגעלאזט צום קאפ פון זיין אלטער דינסט מלכלע.

שפאנענדיק אין די ווייכע שעווראנענע־שטיוולעטן אויפן גלאנציקן פארקעט אין עס צימער אהין און צוריק, האט ער'מיט די לאנגע דינע פינגער געציפט זיך די זייד־שווארצע האר פון דער בארד און מיט זיין "אויסגעקעכלטער" שטימע ארייגעשריגן דורך די געעפנטע טירן אין קיך אריין:

— אז אויף דיר, איז דאך אסור לרחם ווי אויף עמלקן! און דערנאך, ווען מלכה׳לע איז א דערשוויצטע אריינגעקומען און צעלייגט, אויפן אויסרוק־טיש א ווייס טישטוך, זילבערנע גאפל־מעסער, אוועקגעשטעלט זאלץ, האט ברוידעס זיך אויסגעצויגן אויפן גרי־נעם דיוואן, קאלטע דראבנע טראפנס שווייס האבן באדעקט זיין שטערן און ער האט אזוי שווער געאטעמט, ווי אט, אט וואלט ער די נשמה אויסגעהויכט.

ווי נאר מלכה׳לע האט דאס דערזען — האט זי זיך ווי תמיד דער־שראקן. שנעל האט זי אוועקגעשטעלט די טעלער און צוגייענדיק צום דיוואן האט זי מיט דער ווייסער שערץ אנגעהויבן פאכען איבער ברוידעסנס פנים:

—באלעבאס לעבן, באלעבאס. איז אייך שוין בעסער? באלעבאס!

כאטש מענדל איז שוין געווען א מאן אין די פערציקער, א הויכער, א ברייטער מיט א געדעכט צעוואקסענער בארד — האט מען אים אלץ נאך גערופן: „מענדעלע ר׳ טוביעס“ וויל וואלט ווער געפרוווט אים סתם רופן „מענדל“, „הער ברוידעס“ אדער "מענדל ברוידעס", וואס פארא ווערט מ׳שטיינס־געזאגט וואלט ער איינגאנצן געהאט אן דעם גאנץ און פאליר וואס דער פאטער זיינער ר׳ טוביה האט אים צוגעגעבן?!

ווייל, ר' טוביה דאס איז נישט סתם געווען א ייד א גביר. דאס איז געווען א דור א גאנצ'ס! דאס איז נישט בלויז געווען: מילן, א ברייי־הויז, פעלדער און וועלדער. א סך שטובן מיט מעבלען, ספרים־שענק פולע מיט מילבן, אלטע פייקע־ציבעכס און בור־שטינע „מונד־שטיקן". פארהאנגענע קילע שטובן אין לאנגע זומערדיקע נאכמיטיקן, דינסטן מיט שליסלן אין די גארטלן, רפואה פלעשעלעך אויף די פענצטער פארשריבענע פון "בא־רימטע אויסלענדישע פראפעסארן".

נאר ר' טוביה ברוידעס דאס איז א חוץ דעם געווען א הויכער ייד, א גראער ווי א טויב. ווי אזשוק אין גראז אזוי, איז ער תמיד אין שטוב ארומגעגאנגען איינגעהילט אין א גרינעם פלוש־שלאפ־ראק. געזעסן אין א טיפער שטוהל אויף א ווייך קישעלע ביי א ברייטן דעמבאווע־שרייב טיש א פארווארפענער מיט חשבונות, א באשטעלטער מיט טינט־פלעשלעך, לעשערס, קאלענדארן. פאר־לייגט מיט פארשידענע בלייערס, וואס אלעס האט אויף זיך גע־האט דעם גלאנץ און חשובות פון גרויס־קאנטרישקייט און אין מיטן, צווישן דעם גאנצן הר־הא איז געלעגן אנ'אפענער זוהר און פענסענעס ארויפגעלייגט אויף אים.

ר' טוביה איז אין שטאט אנגעגאנגען פאר דעם לייטישסטן ייד אין די ווערטער איז געלעגן דער גאנצער באשייד פון זיין גרויסקייט. דאס האט אויסגעטייטשט: זיין עשירות, יחוס, חריפות און חכמה. וועגן זיין חכמה איז דא וואס צו דערציילן:

געארבעט האט ביי ר' טוביה'ן א וואלד־שרייבער: הערשל גאלד־פינגער האט ער געהייסן. א ייד א משכיל! אין קאליגראפיע־שריפט, א מזיק... אנצוקוקן פון אים געשריבענע אדרעסן האבן אלטע יידן ארויסגענ'מען די שפאקולן פון די שיידס צום פענצ־טער צוגעגאנגען, צום טאג־ליכט זיי אויפגעהויבן כדי. בעסער צו זען. הערשל איז געווען „געכאפט" אין קבלה, אין חכמת־היד, אסטראנאמיע. איינער פון די יחידי סגולה, וואס ווייסן דעם סוד פון קאמפאס...

ווען אבער ער איז זונטיק נעקומען צו ר' טוביה'ן מיט די חשבונות: האבן מענשן דערציילט. אז אנגסטן האבן הערשל'ן באגאסן.

ר' טוביה חשבונט נישט נאך זיינע מענשן! ווייל „איז מה בבך, אז צוויי מאל צוויי איז פיר, אז דאס חשבנדל איז גלאטיק מיט א סך־הכל. דער וואלד אבער—איז ווילד, גרויס און די צאל

ביימער ווי דאס זאמד ביים ברעג ים! שווייגט ברוידעס, ווען הערשל חשבונט. שמייכלט פון אונטער די פענסטערס אפער און ווייסט פון פריער:
ווען יא. איז יא און ווען ניין איז ניין!

פארשטייט זיך. מעשיר געווען ר׳ טוביה׳ן האט אליהו הנביא אליין. ווייל האט איר שוין געזען, אז א ייד זאל ווערן א גביר, סתם ווי א גוי — אן אליהוס הילף?

ווי ביי אלע עשרים, וואס גאט וויל זיי געבן; האט זיך נאך דאמאלס, ווען ער ר׳ טוביה איז געווען אן ארימאן איז אמאל צו אים געקומען א פויער מיט א בייטש אין האנט און גערעדט האט ער יידיש:

—ווינט דא ר׳ טוביה ברוידעס?

—איר פארשטייט ווערטער? ווער האט זיי אין שטאט פריער געהערט? אז גערופן האט מען אים נאך דאמאלס טוביה רב ניסעלס און ברוידעס איז ער נאר אין די ביכער געווען פאר־שריבן. נו, איז אוועק א סדרה ברוידעס אויף א גאנץ לעבן, פאר קינדס־קינדער—עד סוף כל הדורות!

כאטש טוביה איז געווען א ייד מיט בארד און פיאות, א צעבראכן הארץ. אפגעהיטן א קאלטן טרינק וואסער אין א פרעמדער שטוב נישט צו טרינקן. ווען ער איז אבער געפארן צו א פריץ איז נאר אין א קאטש. האט ער אונטערגעשריבן א קאנטראקט איז נאר — מיט א גאלדענע פעדער און צו דעם. אלעמען איז ער געווען א הדרת פנים. אז פריצעס זיינען פאר אים די כפרה געווארן. געפרוווט אים די האנט דערלאנגען און נאר אויף פראנצויזיש זיך צו אים געווענדעט:

געפארן איז רב טוביה ברוידעס צו א רבין אויף שבועות. אין דער אכסניה ווו ער האט זיך אפגעשטעלט האט זיך ווישניק ווי וואסער געגאסן!

בשעתן דאווענען אין גרויסן רבינס בית המדרש איז ער געשטאנען ביי דער מזרח וואנט; דער טלית אריבער געווארפן איבערן קאפ. די זילבערנע עטרה — דריי דוימען די ברייט!

אקעגן איבער אין דער הויף אין דער עזרת נשים איז געשטאנען קריינדעלע ברוידעסנס ווייב. אויף די הענט האט זי געטראגן געהעקעלטע שווארצע זיידענע הענטשקעס. פאר איר איז געלעגן א קרבן מנחה סידור אין ווייסן ביין געפאסט. די

ווייבער, וואס זיינען געשטאנען ארום קריינדלן איז דער אטעם אין מויל פארקילט געווארן הערענדיק איר דאווענען: א ווארט אין א ווארט: ווי פערל ארויפגעווארפן אויף א גילדענער שאל!

חיים קליין זארגט זיך

חיים קליין איז געווען א ייד וואס די אלטקייט און גרא־קייט איז אים שוין אריין אין זיין גאנצן „לייב און לעבן". די שיטערע פאר האר פון זיין בארד האבן געשטעקט ביי אים אין פנים ווי שפילקעס אין א געשווילעכץ.

חיים קליין איז געווען פון קדמונים דער נאענטסטער שכן פון די ברוידעסעס. זיין לאנגע פארמער־מויער איז געשטא־נען אזוי אקעגן ברוידעס הויז, אז די פענצטער האבן זיך אין די פענצטער אריינגעקוקט.

אמאל, בימי פראנץ יאזעף, האט חיים קליין געהאט „גאסט צימערן". ווי ס'געבירט זיך; אויף די ווענט, בילדער, וואס האבן געוויזן וווּנדערלעכע פאלאצן, שפעטער, ווען ס'איז געווארן פוילן האט מען אים צוגענומען די קאנצעסיע, איז אים נישט מער געבליבן אין די גרויסע שטובן ווי א ציכטיקע ליידיקייט און אן איינגעזעסענער ריח פון ווין און אקאוויט. וואס האט פארשיכורט ווי מען איז נאר די שוועל איבערגעטרעטן.

חיים קליין איז געווען א וועלט־מענש. אמאל, האט ער געהאט צו טאן מיט בריליאנטן־קענערייִ, לאטעריען־צעטלען. אין זיין יידיש ריידן זיינען געווען אסך דייטשע ווערטער וואס נישט א יעדער האט פארשטאנען זייער טייטש. מען האט וועגן אים דערציילט, אז ווען ער איז יונג געווען איז ער ספעציעל געפארן קיין ווין זען ווי די וואך טוישט זיך ביים קייזערלעכן פאלאץ. זיינע טעכטער האבן ערגיץ אין דער פרעמד חתונה געהאט מיט „דייטש/עך" און ביי זיי אין שטוב איז געווען „טריפה ווי חזיר..."

נאך ר' טוביהס ברוידעסנס טויט האט חיים קליין נישט געקאנט איינרוען. גאנצע טעג איז ער געזעסן פאר זיין טיר און געקוקט אויף ברוידעסנס הויז מיט די אסך פענצטער און באל־קאנען און נישט אויפגעהערט באקלאגן מענדלען—דעם איינציקן יורש פון גרויסן פארמעג נאך זיין פאטער. מיט חוזק, האט ער דערציילט א יעדן פארבייגייער, אז מענדל האט מורא ארײנצו־

גיין אין שטוב ווו ס'ליגן די הויפנס חשבונות, אז ער ווערט צעטומלט פון זיינע אנגעשטעלטעס רייד.

— מילא, האט ער געזאגט ווי לאנג ר' טוביה האט געלעבט האט ער מיט זיין חכמה אלץ פארוויקלט אין וואטע. אפילו באפוילן די לערער, אז זיי זאלן מענדלען נישט „דוצן" נאר זאגן אים פער; „איר" ווי ס'פירט זיך ביי פריצים.

און דאס איז דאך אמת געווען. נאך ווען מענדל איז גע־ווען א קינד האבן אים געשראקן די אותיות פון אלף בית. אין די נעכט האבן זיך אים געחלומט די נקידות וואס געדאכט האט זיך אים. אז זיי קוקן אויף אים ווי גוטע מילדע אויגן. ווען ער איז עלטער געווארן זיינען די אותיות געווארן קלענער, געדעכ־טער און וואס אמאל מער אונפארשטענדלעכער. זעלטענער, האט זיך געוויזן א נקודה וואס זאל אים ביי א שווער ווארט א ווונק טוען און אים ארויסהעלפן. און אנבאהאלפענע־, האט ער דאמאלס געבלאנדזשעט איבער די בלעטער פון חומש ווו פון אונטן האט געשראקן רש"', מיט זיינע קליינע אותיותלעך וואס האבן אים אויסגעזען צו זיין טישלעך און בענקלעך פון שפילצייג.

איז געזעסן חיים קליין פאר דער שטוב, די היץ פון טאג האט אים געקלעפט די אויגן און ער האט געפויקט אין זיין טאבאק פישקעלע. ווער נאר ס'איז די גאס אדורכגעגאנגען האט ער זיך פאר יענעם באקלאגט:

— ווער האט טוביה איבערגעלאזט אזא פארמעגן, ווער מענדלע?

אמאל ווען גראף טארנאווסקי האט פארקויפט זיינע פא־סעסיעס דעם „טישיוער־שליסל" „באגדאנעווקע"! האט די וועלט אויפגעציטערט. די בלויזע פיש־טייכן דארט כא־כא־כא! „די האנדלס־באנק" האט ער עס פאר א קנעפל אפגעקויפט. גע־לייגט א סעקוועסטער. און אז מענדעלע מאכט א תל פון אזא גוטס שווייגט די וועלט?!

די וועלט, האט טאקע געשוויגן. נאר ר' חיים קליינען האט עס צוגענומען די רו בא טאג און דעם שלאף ביינאכט. איז ער געלעגן אין די נעכט אויפן ווייכן געלעגער און געטראכט:

— הערסט ביילציע פלעגט ער דאמאלס זאגן צום ווייב וואס איז געלעגן אין אקעגנאיבערדיקן בעט:

וואלט מענדל חתונה געהאט איז ווייטער ברוידעס — ברוי־דעס און וועלט — וועלט.

ווז א ווייטע קרובה, א ייד א יורד וואס האט געהאט א טאכטער „אויסצוגעבן" האט זיי חיים קליין דורכגעוואָרפן אין זיין קאפ ביז ער האט זיך דערטראכט:

— פסח קאן! יא, פסח קאן, ברוך הבא! — איי, איי, ווי דער געדאנק ארבעט שוין נישט האט ער זיך פארגעוואָרפן. הערסטביילצע, ווייזט זיך אויס אז די עלטער איז טאקע קיין שפילעכל. ווייל, זיי איז עס מיר פריער נישט איינגעפאלן? ווייל, מי לנו גדול מפסח קאן? א ייד א היינטוועלטיקער אמאל, איז ער געווען פארטרעטער פון דער קייסערליכער לאטעריע־צעטלן א ייד. א יודע ספר און די טאכטער, הלואי. אויף אלע יידישע קינדער געזאגט געווארן! אזוי איז עס געשען מאטילדא קאן איז געווארן דאס ווייב פון מענדל ברוידעס.

מענדלס ווייב

די שטאט האט געזאגט „פע" ווען זי האט דערזען וואס פארא ווייב מענדל ברוידעס האט זיך גענומען און זי — האט רעכט געהאט.

א דארע, א הויכע, אין ברילן. גערעדט האט זי צו מענדלען פויליש. געטריבן פון זיך נישט בלויז ארעמעלייט נאר אויך — ברוידעסעס מענטש, וואס האבן פון וואלד אדער מיל געברענגט א חשבון. און אנגעטאען האט זי געברענגטע צרות מלכהלע די באלעבאסטע.

מאטילדע האט פון זיך געבלאזן. איעדן מענטש איידער ער האט זיך דערנענט צו איר האט זי ווי פריער מיט דער שפיציקער דינער־נאז באשמעקט און מענדלן געצווינגן ביים ארבל ער זאל פון דעם באגעגנטן אוועקגיין. זי האט שטארק ליב געהאט טעג, ווען ס'האט גערעגנט, דאמאלס, איז מאטילדע געווען ווי אויפגעלייגט און א גאנצן טאג שפאצירט אונטערן כליאפ. ביים טיש צום עסן איז זי געזעסן אן אנגעפעלצטע ווי ס'וואלט איר תמיד קאלט געווען און געליינט ביכלעך ווז ס'זוערן אויסגעטייטשט גיטע און שלעכטע חלומות.

וויפל שטילקייט ס'איז געליגן אויף ברוידסנס הויז איז זי פארצענפאכט געווארן נאך מענדלס חתונה. ס'ווייב זיינס מא־טילדא האט קיינמאל נישט געלאזט אויפהייבן די ראלעטן פון די פענצטער. פארהאקט טיר און טויער און אויפן גאנצן הויז האט זיך צעגאסן א געהיימניספולקייט א — פארגליווערטקייט.

אזוי איז אוועק א יאר אדער צוויי און ארום דעם הויז איז אויפגעוואקסן א סוד ווי צונעחתמט מיט אן אלטן זיגל.

דאס האט אזוי לאנג געדויערט ביז אין א וואכנדיקן טאג, האט מאטילדע א פראל אויף געטאן טיר און טויער אוועק־געשארט די פארהאנגען און דאס ליכט האט פארפלייצט די שטובן פון ברוידסנס הויז.

מענדל איז געבליבן שטיין פארשעמט אין מיטן שטוב ווי א נאקעטער, מיט אראפגעלאזטן קאפ ווי א חדר יינגל. מאטילדע דאקעגן פארקערט, אן אויפגעקאכטע ביזן דינסטן פאדים אויף איר לייב, די נאז פליגלן האבן איר געציטערט, די געלע אנגעצויגענע הויט אויפן פנים איז רויט געווארן, פון אירע קורצזיכטיקע אויגן האט זיך געגאסן אזויפיל פייער, אזש א שרעק איז געווען אויף איר צוקוקן.

ווייל אין אמת, ווי לאנג האט זי געקענט שווייגן און ווארטן? אז די ערשטע ניין חדשים זיינען אוועק, די צווייטע און די דריטע זיינען שוין געקומען. אלעס אין שאנק איז געלעגן צוגעגרייט. ווינדעלעך און וויקאלעך. קליידלעך און העמדלעך. א שטילקייט ארום: „וועקט נישט ס׳קינד! גייט נישט, ס׳קינד שלאפט!” אן אנגעצויגנקייט ווי די גרעסטע נייגיר וואלט געלעגן אויפן צעבעטן בעט. די ראזאווע אבאזשור פון לאמפ האט צום הונ־דערסטן מאל ארויפגעלויכטן אופן זיידענעם קישן ווי די זון, וואס העלפט צו דער ערד מיט אירווארימקייט אין דער צייט, ווען זי די ערד ווערט באפרוכפערט. דער קאלענדאר אויף דעם קליינעם ווייבערישן טישל האט זיך ווי אליין געמישט און אונטערגעריקט די צייט, ווי ער וואלט געזאגט:

— זעט, נאך א וואך איז אוועק!

מענדלען אבער האט מאטילדעס אויפירונג אינגאנצן נישט געארט. בלויז אין די נעכט האט ער געהאט מארנע חלומות. אמאל: אז... מאטילדע שטייט אויף א הויכן טורם. די טרעפ וואס פירן צום טורם וויגן זיך, האלטן זיך קוים קוים ווי אויף א משקולות.

זי מאטילדע שטרעקט אירע הענט צו אים. רופט אים, לאקט אים, ער וויל צו איר ארויפגיין נאר די טרעפ וויגן זיך, אז אט אט צעשיטן זיי זיך אונטער זיינע פיס.

א צווייט מאל האט זיך מענדל׳ן געחלומט דער פאטער

זיינער. ער שטײט איבער אים און הערט מענדלן נישט אויף צו פרעגן:

— זאג קינד מײנס צו ווײסטו ווי אזוי פון ווענט ווערט א הויז? צו האסטו אמאל, אוועקגעשארט די ערד ארום א וואקסנ־דיקן קארטאפל, דו זאלסט משיג זיין ווי אזוי ס׳שפאלט זיך זיין שאל און דאס זילבער צווייגל וואקסט פון אים ארויס? צו האסטו שוין דערהערט דעם שטילן קרעכץ פון האלץ ווען דער העקער שפאלט עס מיט דער שארף פון דער האק?

דערשראקן פון די חלומות האט ער זיך טיפער איינגע־גראבן אין די ווייכע ווארימע בעטגעוואנטער און ארײנגעשלאפן מיט א הויך שנארכן אין האלבן טאג אריין.

ברוידעס אין דער צייט פון דער אקופאציע

קיין שום אקציע, אויסזידלונג אין דער צייט פון דער אקו־פאציע ביי די דייטשן האבן מענדל׳ן און מאטילדן, נישט אנגע־רירט. טאקע ווי א האנט פון אויבן וואלט זיי געוויזן: דאס טוט יא, דאס נישט. דא גייט יא — דא נישט. מילא, ס׳הויז און ס׳פארמעגן האט ער ווי אלע יידן פארלוירן. מלכ׳לען האבן די דייטשן דערשאסן באלד ביידער ערשטער "אקציע" אזוי. אז געב־ליבן לעבן איז „ס אייגענע בלוט און פלייש" — מענדל און מאטילדע.

ארום דער שטאט זיינען געלעגן ברוידעסנס פאסעסיעס, מילן, בריי־הייזער. נישט געווען איז אין אלע צענדליק דערפער וואס האבן די שטאט ארומגערינגלט פון א קינד ביז א זקן, אז זיי זאלן פון קינדווייז ביזן גרוב, פון אינדערפרי ביז פארנאכט נישט האבן פאר די אויגן דעם הויכן מיל קוימען, וואס האט ווי א רויטער ציגל־זייל אונטערגעהאלטן דעם הימל פון געגנט. א יעדער האט געוווסט, אז סיי די פעלדער, סיי די ריווערס פעלד־וועגן, די שיטערע וועלדלעך און ליים־גרובער געהערן ברוידעס׳

האט זיך געטראפן, אז פאר דער לעצטער „אקציע" אין געטא איז געקומען צו לויפן א יונגער שגץ און אויף זיינע הענט ווי אויף פליגלען, ארויסגעטראגן פון געפאר מענדלן און מאטילדן. ער האט זיי געטראגן איבער פעלדער און אומוועגן. א דער־שוויצטער האט ער נישט אויפגעהערט צלמן זיך און שעלטן. ביז ער האט זיי אוועקגעשטעלט, צו דער שיין פון דער זון. הפקר,

אין מיטן פון א דארף וואס מענדל האט עס ס'ערשטע מאל אין זיין לעבן געזען.

ווער ס'האט אין דארף געלעבט „קינד און קיים" איז גע־קומען זען ברוידעסן מיטן ווייב. א טייל האבן פארוואונדערט:

— איז דאס טאקע ברוידעס?

— אט, האט איר אים, דאס איז דאך ברוידעס! און באלד, איז פון די דארפס איינוווינער געווארן צוויי צדדים. דער ערשטער צד האט געזאגט: — שוין שפאנען פערד און וואגן, ברענגען "געסטאפא" און זיי זועלן שוין איינמאל פאר אלע מאל אנ'ענדע מאכן צו ברוידעסן.

און דער צווייטער צד, צווישן זיי איינער, וואס האט געארבעט ביי די דייטשן, א הויכער יונגער־שגץ האט געזאגט:

— איך ארבעט ביי "זיי" און קען טוען דאס, וואס דארף גע־טוען ווערן. אט אזוי: איך רייס אוים א שטאכיט פון פלויט און מיט איין מעסט מיט אים, איז דער זשיד מיט די זשידאווקא טוים. נאר מיין זיינען: הערט זשידם שיך, דער אנצוג און די זשידוווקעס קליידער.

האט דער שגץ אזויפיל מאל דאס איבערחזורט ביז אלעמען זיינען וויל־געפעלן זיינע רייד און אלע האבן אים צוגעשאקלט מיט די קעפ וויל געזען האבן זיי דאך, אז ער האט רעכט. נאר פלוצלים, איז עפעס געשען:

פון צווישן די פארזאמלטע האט זיך ארויסגערוקט א יונגע פויערטע, א מעוברתדיקע, אויסגעזען האט זי ווי זי וואלט געווען שטארק פארמאטערט פון לויפן וויל, זי האט קוים געקענט פון זיך א ווארט ארויסברענגען און איידער זיי האבן צייט געהאט זי צו פרעגן „וואס שטופסט זיך עפעס אזוי„? האט זי פון אונטער א פאטשיילע ארויסגענומען א ערדענע כלי מיט מילך און דער־לאנגט מאטילדן:

—טרינק, האט זי געזאגט. איך האב אקארשט געמאלקן די ציג, די מילך איז א גוטע, זי וועט דיך אונטערהאלטן. לאז איבער פאר „דיינעם" אויך א ביסל.

אלע האט די דאזיקע געשעעניש אזוי צעטומלט אזש, ס'האט צווישן עולם אויפגעקאכט און פון אלע זייטן האט זיך געהערט א געשריי:

—ווער? טאקע? זיינען מיר קריסטן, אדער נישט? אנדערע האבן געשריגן פארקערט:

—א חרפה, א זשידו! טוים! טוים! נאר ביז זיי האבן זיך באַרואיקט, איז נישט געווען, נישט די פרוי, נישט ברוידעס מיט מאַטילדן.

דאָס באַהעלטעניש איז געווען. א גרוב. א פינצטערער גרוב אונטער דער פאַדלאָגע. אין גרוב איז לעבן מענדלען געזעסן מאַטילדע. זי האָט אים נישט אויפגעהערט זוכן מיט די הענט און פרעגן אים:

— מענדל, מען האָט אונז באַגראַבן?

— יאָ, מאַטילדע, מען האָט אונז באַגראַבן. האָט ער געענטפערט.

דעם ערשטן טאָג ווען זיי זיינען אין גרוב געלעגן: איז ווער צו זיי שטיל אַריינגעקראָכן, צוגעדעקט איבער זיך דעם צודעק. זיי האָבן געהערט נאָנט לעבן זיך א מענערישע שטימע:

— מיין פאָטער, האָט אייערן שטאַרק געליבט, טאָקע א ייד — אַן אַנטיקריסט, אָבער א גוטער איז געווען אייער פאָטער. געלאָזט די קי אונזערע אויף אייערע לאַנקעס פּאַשען. פאַרדאָס, האָבן מיר אייך גענומען צו זיך.

מענדל האָט נישט געהאַט וואָס אים צו ענפערן, האָט ער געפרעגט:

— וועט טאָקע קיינער נישט געוואויר ווערן וווּ מיר געפונען זיך?

דער פּאַרשוין איז אַרויסגעקראָכן פון גרוב נישט ענפערנ־דיק מענדלען אויף דער פראַגע און אַרום איז נאָך מער פינצ־טערער און ביטערער געוואָרן.

א יאָר מיט פינף חדשים איז זיי אַזוי אין גרוב אַוועק. זייער זעלטן. ווען, האָט די בעלביתטע אין דער הויף זיי אַרויס־געלאָזט. דער פּחד, אַז מען זאָל זיי נישט געפונען. איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. אין די נישט ווייטע הייזער פון דעם הויז האָט מען געפונען יידן. צוויי הייזער מיט מענטשן האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן און לעבעדיק זיינען אַלע פאַר־ברענט געוואָרן.

זעלטן ווען, איז יוזעק די ברוידעסעס נייער בעל בית געווען אין שטוב. אין די נעכט, איז ער אַוועק שמוגלען פלייש און ווען ער איז געקומען האָט אים די יוזעפאַווע גערעכנט פאַר א ניי געבוירענעם, ווייל די דייטשן האָבן אים נישט דערשאָסן.

געווען אויך נעכט, ווען זייער לעבן האָט געהאַנגען אויף

E.K

א האר. מייסטנס ווען יוזעק איז אין דער היים נישט געווען. האט די יוזעפאווע פון גרוב זיי ארויסגעשלעפט. פארהאנגען די פענצטער און מענדלען און מאטילדען געניים, מיט איר אין קארטן שפילן, אין דרויסן. לענג אויס די הייזער, זיינען ארומגעקראכן די, וואס האבן פארדינט ביים כאפן יידן. זיי האבן זיך אונטערגענבעט צו א יעדער הויז, צוגעלייגט זייערע אויערן צו די ווענט און איינגעהערט זיך, ווייל געוווסט האבן זיי אז נאך האלבער נאכט קריכן די יידן פון די גריבער און לעכער ארויס.

די יוזעפאווע איז געווען א הויכע צעגאסענע גויע. אפנים האט זי געהאט וואס איינמאל, איז די גאנצע וועלט גוטסקייט דערויף געלעגן און דאס צווייטע מאל. האבן זיך אנגעצונדן אזעלכע פייערלעך אין אירע גרינע אויגן. אז אין מאטילדען האט דאס הארץ געפלאקערט. ווייל געדאכט האט זיך איר. אז אט, אט, וועט די יוזעפאווע עפנען די טיר און א באפעל טוען:
— גייט אייך!

זיינען די קארטן, וואס זיינען ביי דער יוזעפאווע אין דער ברייטער שויס געלעגן. געווען פאר איר צו געווינען, איז זי געווען א לוסטיקע. דאמאלס. האט זי זיי דערציילט וויפל מאל זי האט איר יוזעקן פאראטן און אויב א מינדעסטער שארך האט זיך פון דרויסן געהערט איז זי אויף די שפיץ נעגל ארויס. לאנג זיך איינגעהערט צי הערט מען ערגעץ ווו נישט קיין מענטשליכע טריט. ווען יא — איז זי מיט א פינגער ביים מויל אין שטוב אריינגעלאפן און זיי אין גרוב אריינגעטריבן. ווען אבער חלילה, די קארטן זיינען געווען אנדערע: איז איר מויל ווי ברייטער געווארן. געווארן — ווי א מויל פון אן אלטן פיש. אירע הענט האבן בייז געווארפן די קארטן און אזוי געשריגן האט זי, אז מענדלען האט זיך געדאכט, אז אט עפנט זיך די טיר און מען קומט זיי נעמען. וויפל מאטילדע האט איר געבעטן:

— פאני יוזעפאווא, אפשר וועט אויף היינט זיין גענוג. מיר זיינען מיד. דאמאלס, איז זי אין נאך גרעסערע רציחה אריינגעפאלן.

אמאל, נאך אזא קארטן שפיל האט זי ארויסגעכאפט דאס פיר קאנטיקע שפיגעלע פון דער וואנט דערלאנגט עס מענדלען און געזאגט:

— ס'איז נאך האלבער נאכט. ווי אזוי מען זעט זיך נאך האל־בער נאכט אין שפיגל אזוי געשעט מיטן מענטשן.

מענדל האט אריינגעקוקט אין שפיגל, ער האט זיך נישט דערקענט: גרא. געבוירגן, דאס פנים אנגעשוואלן פון דער קעלער נעץ — פארשימלט.

— זעסט דיך מיט אן אפגעהאקטן קאפ? האט די יוזעפאווע געפרעגט.

— ניין.

— איז ביי דיר די צינג אפגעשניטן?

— ניין.

— הענגסט אויף א בוים מיטן קאפ אראפ?

— ניין.

די יוזעפאוועס פנים איז מילד געווארן. א טרער האט זיך איר באוויזן אין אויג. זי איז צוגעגאנגען צו דער איקאנע, וואס האט געהאנגען אין ווינקל אנידערגעקניט און תפילה געטאן. דערנאך, האט זי זיך צוריק אויפגעשטעלט און געזאגט צו זיי ווייך:

— געלויבט איז גאט! וואלט איר אייך געזען אין שפיגל טויטע, וואלט איך פאר מיינע קינדער העמדלעך אויפגענייט. יוזעקן פאראכטן דעם אנצוג, ווייל אויב יא וואלטן אונז די דייטשן דערהרגעט וויל איך, מען זאל אונז ווי לייטישע מענשן באגראבן.

צומארגנס נאך איינע פון די געשעאינישן איז געקומען „געסטאפא" דריי זשאנדארן זיינען זיי געווען, היבע ס.ס.־יונגען מיט פיסטאלעטן אין די הענט גרייט צו שיסן. זיי זיינען געווען דורשטיק און האבן ביי דער יוזעפאווע געבעטן טרינקן. האט זי זיי געגעבן באַרשטש און זי האט געזאגט:

— ער איז אביסל ביטערלעך דער באַרשטש. איר פארשטייט, נישטא פארוואס צו מאכן א גוטן.

האט איינער פון זיי אויף דעם איר געענטפערט:

— יידן האלסטו. האסט ביי זיי ס גאלד צוגענומען און קיין גוטן באַרשטש האסטו נישט פארוואס צו מאכן?

האט זיך אויפגעשטעלט יוזעק און געזאגט:

— מיר האלטן נישט קיין יידן.

איינער פון די דריי ס.ס.־מענער האט אויף אים א קוק געטאן און געזאגט צו זיינע חברים:

— ביי זיי איז דא יידן. ער האט דעם ווייב זיינעם איבער־ריסן די רייד, ווייל ער האט מורא, אז זי וועט זיך מיט א ווארט ארויסכאפן.

די אַנדערע צוויי, האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ ווי זיי וואָלטן געזאָגט: — אַזוי איז עס.

גאַנצע דריי שעה האָבן זיי געזוכט. נישט געווען אַ שטויבל אין גאַנצן הויז זיי זאָלן עס נישט אויפהויבן. דורכגעפּויקט די ווענט, דעם בוידעם, געזוכט אין די כלים און געלאַכט:

— יידן זיינען טייוולאָנים. זיי קענען זיך באַהאַלטן אין זאַלץ-מעסטל.

ווען די זשאַנדאַרן זיינען מיד געוואָרן צו זוכן האָט איי-נער פון זיי אַרויסגערופן יוזעקן אין טונקעלן פאָרהויז, גע-לויכטן מיטן לעמפּל אים אין די אויגן אַריין און געזאָגט צו אים אַזוי:

— מיר צאָלן פאַר אַ ייד: פינף קילאָ אמתן חזיר-קאָלבאַס.

אין דער מנוט איז אַ צווייטער ס. ס. אַרוים פון שטוב און צוגעגעבן:

— און דריי קילא זאַלץ.

יוזעק האט אויפגעהויבן דעם בליק צו זיי און געענפערט:

פינף און דריי ס'איז גענוג.

דער זשאַנדאַר האָט דערפילט אין יוזעקס ווערטער חוזק ווייל, ער האט מער גאר נישט געזאגט נאר באפוילן:

— פאראוים!

דער אויטא וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר האָט אַ בורטשע געטאָן און זיי האָבן מיט זיך יוזעקן מיטגענומען.

פאַרנאַכט האָבן שכנים יוזעקן געברענגט אַ האלב-טויטן. מ'האָט אים געפונען אויפן שניי אין פעלד. איין אויג איז איב געווען אויסגערינען. א גאנצע נאכט האט אים די יוזעפאווע געלייגט קאלטע טיכער און פארטאג, האט זי געעפנט די דעק צום גרוב און אריין געשריגן צו מענדלן:

— ער האט אייך נישט אויסגעגעבן. א גאנצע נאכט האט ער פון זיך קיין ווארט נישט געקענט ארויסברענגען ערשט, אצינד האט ער מיר געזאגט: — ווייל זיי ווילן וויל איך נישט!

פון דעם טאג אָן, ווען די זשאנדארן האבן יוזעקן אזוי צעשלאָגן איז מענדל געוואָרן אַן אַנדערער. דאָס, וואָס יוזעק האט זיך געלאזט הרגנען און זיי נישט אויסגעגעבן האט

אים אָנגעפילט מיט פרייד און האָפענונג. צוויי געפילן וואָס קיינמאל, אפילו אין די בעסטע צייטן האט מענדל זיי נישט געקענט. אייביק א זאטער, אפולער מיט כל טוב — האט ער נאר א טעם געפילט אין גוט זיך אויסשלאפן. אלע זיינע יארן האָט ער געליטן פון אַן אָנמעכטיקייט, וואָס איז ווי בליי געלעגן אין זיינע אדערן און ערשט ווי אין דער מנוח און רגע זיינען צו אים די נייע געפילן געקומען פרישע ווי די ערשטע געפילן, וואָס קומען צו אַ קינד. פון דעם טאָג האָט ער זיך אנגעהויבן שרעקן פארן לעבן מער ווי תמיד. אייביק א גלייכגילטיקער צו מאטילדן איז זי אים אצינד, געווארן ליב און טייער. די טראָפנס טויט־שרעק, וואָס אַ יעדער טריט ערגיץ אונטער די ווענט פון קעלער האָבן אין אים אַרוים־גערופן, האָט ער אויסגעמישט מיט דעם לעצטן ביסל וואַרים־קייט פון מאטילדעס לייב און נישט איינמאל, טולענדיק זיך צו איר האט מאטילדע אים איינגערוימט:

— מענדל, אין מיר וואַרפט זיך עפעס ווי אַ פישל.

די צייט איז געגאַנגען. פון דער ערד האָט געצויגן אַ הארבע קעלט און אסך מאל, ווען די פראסט איז געווען א גרויסע האט זי דורכגעצויגן די ווענט פון קעלער, אז געדאכט האָט זיך מאַטילדן, אין אַ זילבערנעם קאסטן ליגן זיי באגראבן.

יוזעק און די משפחה זיינע, זיינען נישט איינמאָל פאַרשוווּנדן. — דאָס זיינען זיי אַוועק צו אַ קרוב אין אַ צווייט דאָרף דערוואַרימען זיך און גוט אָפּעסן. דאָך, איז אַיעדער פאָר טעג געקומען די יוזעפּאַווע און אראָפּגעוואָרפן אין גרוב אריין: אַ פּאָר קארטאָפל. איז איר וויזוט אויסגעפאלן זונטיק — האָט זי אויך געברענגט: אַ פלאַש טיי. זעלטענער — ברויט.

זייער אפט אבער, האט זי אין זיי פארגעסן און אַ לאנגע צייט זיך נישט געוויזן, דאמאלס, האבן זיי אויסגעצאנקט.

פארגעסענע פון זייערע באַשיצער, פאַראורטיילטע פון דער גאַנצער וועלט צום טויט. די איינזאַמסטע איבער אַלע איינ־זאמע. פארמוטשעטע: פון הונגער און לייז. האָט זיך מענדלן געדאַכט, אַז ער איז אַ בעליק, אַ פאַרשטיטער בעליק, וואָס איז געבליבן נאָך אַ שרפה.

אַמאָל, נאָך אַזאַ צייט, האָבן זיי געהערט אַ קראַץ ביי

דער הויז־טיר און ווי אין דרימל האָט צו זיי געריעדט דאָס געפרוירענע אייזן פון דער רינגל:

מען גייט, א מענטש גייט און די הערצער זייערע האבן א פלאַטער געטאָן: טויט אָדער ברויט.

סאיז געקומען יוזעק. ער האט אויפגעדעקט דאס ברעט איבער זייערע קעפ. ער האט געריעדט שנעל און אויפגערעגט:

— קריכט אַרויס, שוין קריכט אַרויס!

די כלאָפּצעס פון דאָרף ווייסן שוין פון קעלער. מען כאַפּט צו דער אַרבעט קיין דייטשלאַנד — ווילן זיך די כלאָפּצעס באהאלטן אין קעלער. גיימ! א מנין איז יוזעק געשטאַנען שטיל און דערנאך צוגעגעבן:— מיכאל האט רעכט, א מענטש, וואס איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן גיט מען נישט קיין רפואות. צווייטנס, איר קענט אַרויפקריכן אויפן בוידעם. אויב מען וועט אייך דארט נישט געפונען, וועט איר סיי ווי סיי אויסגיין פון הונגער און קעלט.

דער בוידעם איז געווען ליידיק. א רויער ווינט האט געצויגן דורך די שינדלען. אין אַ ווינקל, זיינען געשטאַנען אפאר פאַרשטויבטע פלעשלעך. די פאַציאַט־ברעטער אלטע אויסגעטריקנטע, האבן געהאט ברייטע שפּאַרעס צווישן ברעט און ברעט אזוי, אז מענדלען האָט זיך געדאַכט: ער זיצט אין א הינערשטייג. דעם ערשטן טאָג האָבן ביידע געניגט צו דער זעט זיך נישט געקענט אפעסן מיט דער פרישער לופט, מיטן ליכט פון טאָג. באלד אָבער, האָט זיך צו זיי דער ווינט פאַרקליבן צווישן די אויסגעדארטע און פארפוילטע ביינער. מענדל האט ערשט צום שיין פון טאָג דערזען מאַטילדעס מעוּברתדיקן בויך, איר דאר פנים הויט און ביין.

דער ווינטער איז געגאַנגען צו ענדע. דער שניי האט זיך געעפנט און אויפגעדעקט אַ דורכגעווייקטע טרויעריקע ערד. אין אַן אינדערפרי איז ווער דורכגעגאַנגען הארט לעבן יוזעקס הויז. מענדל האט געהערט ווי דער דורכגייער האט צו וועמען דארט א זאג געטאַן:

זיי זיינען שוין אין באָגולאָמאָוויץ. פון יענער זייט טייך זעט מען זייערע רייטער. זיי טראגן גראע פעלץ־היטלעך אויף די קעפ מיט א רויטן שטערן פון פארנט.

מענדל האט א פלאטער געטאן:

— מאטילדע, מאטילדע! מען זעט שוין זייערע רייטער! פון גאס האט זיך געהערט יוזעקס שטימע. ער האט צו ווען געזאגט:

— מען ווערט דערטרונקען אין די בלאטעס. די שטיוול זיינען מיר פול מיט וואסער. ארום מיטאָג־צייט, האָט מענדל אַ קוק געטאָן דורך די פּאַציאַט־ברעטער אויפן פעלד אַרויס, ער האָט געזען: אַ קליינער אויטאָ אין וועלכן ס'זיינען געזעסן דריי זשאנדארן איז שנעל צוגעפארן צום הויז. נישט לאנג האט געדויערט, האָבן זיי פון שטוב ארויסגעפירט יוזעקן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געהערט אַ שאָס. מענדל אין גאַנצן איינגעגראָבן מיטן פנים אין די ברעטער־שפּאַלטן האָט געזען: יוזעק איז שטיין געבליבן. פלוצלים, האט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ זיינעם און אַ קוק געטאָן צום בוידעם ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געוואלט געזעגנען. ער האט געוויזן א פנים א פארקרימטס אין ווייטיק פון גסיסה. אַ סעקונדע, האָט ער צו זיי אַרויפגעקוקט און דערנאָך, אַ טויטער, זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער ערד.

פאַרנאַכט, זיינען געקומען מענטשן און געפּאָרעט זיך ארום יוזעקס טויטן קערפער. רעדער פון א וואגן האבן געסקריפּעט. אין פינסטערניש, האָבן מענטשן געטאָפּטשעט אין שניי. דער נאָך האָט זיך געהערט אַ געוויין. דאָס האָט די יוזעפאווע באוויינט איר מאן. מענדל איז געזעסן מיט פארשלאסענע אויגן. פון נישט עסן, אדורגעמוטשעטער פון דעם, וואס עס איז געשען האָט ער די אויגן נישט געקענט עפענען. פון די יוזעפאווס געוויין האט זיך אין אים ווי עפּיס אויפגעבונדן און ער איז צוריק לעבעדיק געווארן. ווייל, מיטן טרויער און ווייטיק האט אים אויך א ווארימער שטראם א דורכגעגאסן, אז אפילו די לייז אין זיין פאַרפוילט העמד, האָבן צוריק אין אים דערפילט אַ לעבעדיקן מענטש.

צומאָרגנס פאַרטאָג, האָט ברוידסן אויפגעוועקט אַ פרילינג־זון. דער מאָרגן־רויט, אַ געשליפענער דורך קריסטאַלענע אייז־צאפּלעס איז געלעגן אויפן בוידעם מיט זיי. ערגעץ נאָנט האָבן ציגן געפרווּט אויפברעכן אַ טיר פון אַ פאַרמאַכט שטעלעכל, דורך וועלכן זיי האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע ווייכע־מאָרדעס. אין דער לופט האָבן געקלינגען די קייטלעך אויף זייערע העלזער.

פלוצלים, האָט זיך דערהערט אַ שאָס. מאַטילדע האָט אַ ציטער געטאָן. באַלד, אַ צווייטער און דערנאָך אַ דריטער. ניד־ריק איבער די פעלדער זיינען געפלויגן פייגל. אַ לאַנגע שורה סאַרנעס, דערשראָקענע, זיינען געקומען צו לויפן אויף די דינע אייז־טאָוולקן. זייער דערשראָקן היזשן האָט געציטערט אין הלל. פון ברוידסן האט זיך ארויסגעריסן א געשריי נאך א געשריי:

— מאַטילדע! מאַטילדע! ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווען ער האָט אָוועקגעריסן די ברעטער פון פאַציאַט און ווי נאָר דאָס איז געשען: האָט ער פון גאַנץ ווייט דערזען דעם הויכן קוימען פון זיין מיל. מיט אַלע כוחות וואָס ער האָט געהאט האט ער ווי ער וואלט אראפ פון זינען צו אים געוווּנקן. נישט גלויבנדיק, אז עס לעבט ווער אויף דער וועלט איז דאס הויז אויף וועלכן ער איז אצינד געשטאנען געווען פאַר אים ווי פאַר נחן די תבה אויף וועלכער ער האָט פאַר־אַנקערט אויף דער ערד.

די פרייד האט געשטראַמט פון אלע מענדלס גלידער. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט אַ מאָדנעם ריח, וואָס איז געגאַנגען פון דער ערד. זי האָט אַצינד אויפגעטייעט נאך די שווערע ווינטערס. אונטער קוסטעס, אויף ברוידסנס פעלדער זיינען שווער געגאַנגען טאַנקן. אייראפלאנען האבן נידריק געקרייזט איבער די דעכער פון דאַרף.

ס׳דאָרף איז געלעגן אויסגעשטאָרבן. דערשראָקן האָבן די פוירים געקוקט פון זייערע לעכער אַרויס. בלויז איין יוזעפּאָוואַ האט ברייט פארלייגט אירע הענט אויף די לענדן און ארויף געשריגן צום בוידעם:

אַראָפּגיין! אַראָפּגיין!

מענדל האָט די יוזעפּאָוועס געשריי באַלד נישט דער־הערט. עס איז פאַרטויבט געוואָרן אין מאַטילדעס קרעכצן. זי איז אַצינד געגאַנגען צום קינד.

דאס יאר 1942

(טאשקענט, די שטאט פון ברויט)

— טאשקענט די שטאט פון ברויט ! דער אויסגעשריי איז געפאלן פון א צוג, וואס איז א ווייסער פון שטויב, א פארסאפעטער, צוגעפארן צום טאשקענטער וואקזאל. דאס קול פון אויסשרייער איז געווען א קינדיש און אקלינג געטאן מיט אזא פרייד, וואס אזעלכעס קען זיך נאר ארויסרייסן פון א מענטשן, וואס איז אט אנטרינען געווארן פון טויט און ענדלעך, האט ער זיך דערשלאגן צו א זיכערע ברעג.

אכצן מעת לעת איז דער צוג מיט די עוואקואירטע פון אוקראינע, ווייסרוסלאנד, בעסאראביע דא אהער געלאפן. א באקלעפטער מיט מענטשן, אן אנגעפראפטער מיט הונדערטער משפחות, מייסטנס יידן. פאר די וואס האט אויסגעפעלט פלאץ אינעווייניק אין די וואגאנען זיינען געלעגן אויף די דעכער, געהאנגען אויף די טרעפ, געקוועטשט זיך אויף די, בופארן פון וואגאן צו וואגאן.

אין אוקראינע, בעסאראביע, אין די ארעניבורגער סטעפעס דורך וועלכער דער צוג איז דורכגעפארן איז שוין אין דער צייט געוון טיפער ווינטער — דא אבער אין טאשקענט איז ערשט געווען פריער הארבסט. די זון האט געלויכטן מיט א לימאנען ליכט. א ליכט, פון א שטויב־לאמפ א צוגעטונקלטס. די לופט א דורכזיכטיקע, א דעפרישענדיקע האט געמאכט נענטער די פימעער בערג, וואס זייערע גראע בארג־אקסלן זיינען געלעגן פארלייגט איינער איבערן צווייטן. צו דער זון האבן די בערג פארלוירן פון זייער מאסיווקייט און זיינען געווארן וואלקנדלעך, וואס אט אט צעשווימען זיי איבערן הימל.

דאס איז געווען אין דער צייט ווען דער בוימוואל אין אוזבעקסטאן ווערט צייטיק. פון די וועגן, פון די געלע־ליימענע געסלעך ארויס, האבן צו באן־ראמפעס געצויגן קאראוואנען פון קעמלען, וואס האבן אויף זיך געטראגן זעק מיט בוימוואל. דיגרויסע קיילעכיקע אויגן פון די חיות האבן פייערדיק געגלאנצט. זייערע קרומע ברוינע העלזער האבן אויסגעזען ווי אויסגעשניצטע פון האלץ.

די מענטשן פון צוג, האבן שוין דעם פירעקיקן אספאלטירטן באן־פלאץ געטראפן א פארלייגטן מיט עוואקואירטע, וואס זיינען פאר זיי מיט צענדליקער באנען דא אהערגעקומען. א יעדער איז דא געלעגן מיט זיין האב און גוטס אונטערגעלייגט אונטערן קאפ און דאס איז געווען אלץ,

וואָס זיי האָבן געקענט צוזאַמען מיט זייער לעבן אַרויסראַטעווען, אַנטלויפנ־דיק, ווען צו זייערע שטעט און שטעטלעך האבן זיך דענערט די דייטשע האָרדעס.

אַחוץ די עוואַקואירטע האָט אויפן פּלאַץ געווימלט מיט פּוילישע יידן. משפּחות און איינצלנע, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן דורך דער סאָוועטישער מאַכט. אָן אַ היים, הפקר, זיינען זיי קיין טאַשקענט געקומען מיט אַלע וועגן; דורכן קאַספּישן ים, אַראָפּגעלאָפן פון די אוראַלער בערג ווי שאָף, וואָס אַנטלויפן פון אַ שטורם.

טאַשקענט האט געשמעקט מיט רייפע ווייגטרויבן און בוכאַרער דינעס און דער באַן־פּלאַץ מיט פעסט און טויט. בלויז, פון צייט צו צייט האָט דער וווּנדערליכער אוזבעקישער הימל געגידערט איבער די שטאַרבנדיקע און געשענקט זיי זיין גענאָד. אַ יעדער צען מנוט זיינען געקומען און אַוועק־געגאַנגען באַנען, וואָס האָבן געבראַכט עוואַקואירטע און צוריקגעפירט אויפן פראָנט סאָלדאַטן. די באַנען האָבן אויסגעשפּיגן פאַרמאַטערטע אויף טויט ווייבער, וואס זייערע מענער זיינען שוין געווען אויפן פראָנט פון דער ערשטער מנוט מלחמה. די ווייבער, האָבן נאָך זיך געצויגן זייערע קינדער. האָבן געשלעפּט שמאַטעס און די ביטערע דאַליע זייערע. דערשוויצטע, צעפלאַמטע, האבן זיי נישט געוואלט איבערלאָזן דאס ביסל מיסט — זייער בעל־בתישקייט משטיינס געזאָגט, וואָס איז געווען דער לעצטער סימן און שפּור: אַז דאָס זיינען זיי אויסגעריסן געוואָרן פון אַ היים. אַ יעדן פרימאָרגן זיינען זיך צונויפגעפאָרן אויפן באַן־פּלאַץ פורלעך פון נאָענטע קאָלכאָזן צונעמען פון די ניי־אַנגעקומענע, אַרבעטער פאַר זיך. אויך אַנדערע פורלעך האבן זיך דאָרט באַוויזן — פורלעך, וואס האבן צוגענומען די געשטאַרבנע, וואס זיינען בנאַכט אויסגעגאַנגען.

מענטשן, וואָס האָבן נישט זוכה געווען נישט צום ערשטן און נישט צום צווייטן — האבן מיט אויגן פול קנאה און רעזיגנאַציע נאָכבאַגלייט אַט די צווייערליי פורלעך.

אַמאָל אין אַזאַ פרימאָרגן האָט אַ הויכער פאַרשוין, נאָכגעשריגן צו איינעם וואָס איז אין אַזאַ פרימאָרגן געזעסן אויפן וואָגן גרייט אַוועק־צופאָרן:

— חבר פּיזשאַק! למען השם אַ בריוול. ווי נאָר איר וועט דאָרט גע־פינען אַ ווינקל דעם קאָפּ אַוועקצולייגן נעם איך מיין אַלטע און היידאַ! איינער, וואָס האָט געלאָדנט אַ טויטן אויף אַ פורל אַרויף האָט אונטער־געכאַפּט:

— גאָטס ערד איז גרויס. סוועט פאַר אייך אויך סטייען: פיר איילן. אט וועט אייך סטייען: כא — כא — כא! האט זיך אַ יינגל ליגנענדיק

אויף זיין פעקל צעלאכט. ס וועט אייך דא אין אובעקסטאן סטייען! צוועלף שעה ארבעטן אונטער דער צעגליטע זון און בנאכט — א האלבע לעפיאשקע, א צאָן נישט אויסשטעכן.

ביי ד׳ וועגט פון וואָקזאַל, אונטער די פארשטויבטע אָפגעטרי־קנטע ביימלעך האבן מאמעס געלויזט די קעפלעך פון זייערע קינדער און נישט אויפגעהערט צו אכצן איינע צו דער צווייטער:

— גוטע רייזע, אָך און וויי צו אונז, דערלעבט זיך. ס׳לייב און לעבן אין דער היים איבערגעלאָזט. יאָ, יאָ, דערוואָרט זיך! מיין באָרי האָט שוין אויף אקטיאבערסקע באדארפט ענדיקן דעם אינסטיטוט און די מאמע זיינע ווערט דא אונטער א פלויט אויסגעריסן. פון דעם טאטן זיינם פון פראנט האב איך שוין נישט ווי לאנג קיין בריוול דערהאלטן. זי האט אנגעהויבן וויינען.

א צווייטע יידענע, וואָס איז געזעסן אויף איר „האָב און גוטס“ האט זיך ווי אין אבילות צוגעשאקלט צו דער ערשטערס ווערטער און אנגעהויבן:

און איך, אז וויי איז מיר און ווינד! ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגע־הויבן האָט מיך שוין גאָט פאר אן אלמנה געמאכט. מיינער איז דאָך דעם ערשטן טאג פון א באמבע אומגעקומען און מיך געלאזט אן עלענטע ווי א שטיין. זי האט אויפגעהויבן צוויי דינע פרויען הענט ווי צו א תפילה, נאר שטאט צו באקלאגן איר מאן האט זי אנגעהויבן מיט א געוויין:

— און די ניקלנע בעט און דער ראיאל, דער קרעדענס. אלעס איבער־געלאזט אוי, אלעס! דאזשילי, דאזשילי!

נישט ווייט פון זיי האט פון א קופע שמאטעס ארויסגעגליט אין פיבער־אפאר אויגן פון א זקן. ער איז געלעגן אליין. דאס לייכטע נאך מיטאג, ווינטל האט זיך געשפילט מיט די האר אויף זיין בלאסן שטערן. פארטראכט, איינגעשפארט האט ער געקוקט אין הימל אריין, וואס איז איבער אים געהאנגען.

ער האָט איבער זיין קאָפּ געזען א מצבה מיט גאָלדענע יידישע אותיות, זי איז געווען מיט פראָסט־פליטערלעך באשיט. ער ליינט זי און שטוינט זיין נאָמען: „לעזער גראבליק“.

אן אויבעק מיט א צעכאָסטעטע העמד, א שוואַרצער ווי א נעגער איז דורכגעגאנגען — געבליבן שטיין לעבן זקן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּיס דערמאנען. — ערגעץ געזען האט ער א טראכט געטאן. אנגעשטיפּט זיך א פול מויל מיט גרינעם־אוזבעקישן־טאבאק און ווייטער אוועק זיין וועג. דער זקן האָט אין זיין דמיון געזען זיין שטעטל. ס׳איז ווינטער, שבת, נאָכמיטאָג. ער איז א יינגל, אין דער היים ביי טאטע־מאמע. דער טאטע

שלאָפט אין אלקער. אויפן טיש שטייען די צוויי מעשנע — לייכטער פאַרלאָפנע מיט אַ קילע פאַרע. אין שטוב וועפט אוים די שבתדיקע ווארימקייט. דער שנייאיקער־דרויסן קוקט אַריין מיט ברכי נפשי אומעט. די מאַמע זיצט ביים פענצטער און זוכט אין הימל, וואָס דעמערט און ציטערט אין פראסט — דעם ערשטן שטערן פון גאָט פון אברהם יצחק און יעקב.

— פאָטערל, אָ, פאָטערל, פרוווט אליין. האָט דערהערט דער זקן אַ שטימע. פון די קראַנקן־שוועסטערס כאַלאַט איז געוואָרן דעם זקן העל אין די אויגן. דעם מיידלס פנים אַן אויזבעקישס, אַ שוואַרצס, האָט זיך שארף אפגעצייכנט פון דעם ווייסן כאלאט, וואס זי האט געטראגן. דער ריח פון יאָד האָט דעם אַלטנס שלייפן אויפגעוועקט.

ער לעבט! האָט דאָס מיידל אויסגערופן מיט פרייד.

לעבן באַן־פלאַץ, רעכטס, נישט ווייט פון די מאַגאַזינען געפינט זיך אַ קליינער סקווער. אַ פּאָר ראַכיטישע ביימלעך, איינגעהילטע אין שטויב, ארומגעשטעלט מיט בענק. אין מיטן סקווער: אַן אַלט פאַרעיפּושט פאנטאנדל. די עוואַקואירטע האָבן דאָס סקווערל גערופן „ס׳סעדל". כאָטש קיין אָנדייט אויף די ביימלעך איז נישט געווען פון אַ פרי. אביסל ווייטער: עטלעכע עפענטליכע לאַטרינעס און אַ לאַנגער הילצערנער באַראַק — אַן אָפּרו אָרט פאַר קינדער און קראַנקע.

ווי די היץ פון אוזבעקסטאַן, ווי די חולאַתן, וואָס האָבן קיינעם נישט געמיטן פון טויזנטער טויזנטער, וואָס זיינען דאַמאָלס טאַשקענט דורכגעגאַנגען ווי עפּעס אַ קאָרידאָר — ווי איינער גייט רעכטס און דער צווייטער לינקס. איינער צום לעבן דער צווייטער צום טויט. אזוי האָט אַ יעדער געמוזט אין סעדל שלאָפן, אין שטויב זיינעם זיך טאָרן, פון זיין עיפּוש קראַנק ווערן און פון די לייז דאַרט — פולע אויף די בענק, אויף די ביימער אויפגעגעסן ווערן.

דער גרויסער פירעקיקער־פּלאַץ האָט מיט זיין רחבות, מיטן אספאלר צודעק, מיטן אויסקוק אויף דער שיינער שיעווטשענקאַ גאַס כאָטש געמאַסטן דעם גורל פון די מענטשן מיט העכערע קאַטעגאָריעס. פון דעם פלאַץ איז מען אַוועק אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. דאָרט, האָט מען דורך גרויסע מעגאַפאָנען גערופן די „בירגער עוואַקואירטע" צו איינאָרדנען זיך. פון דאָרט, זיינען יונגע מיידלעך פרייוויליק געפאָרן אויפן פראָנט ראַטעווען מאָסקווע.

דאָס סעדל דאַקעגן, וואָס איז האַרט געלעגן לעבן פּלאַץ — דאָס איז שוין געווען — דער מיסט־הויפן, וואָס די מלחמה האָט דאָ אַוועקגעוואָרפן. דאָס איז עפּעס געווען ווי אַ טויטן־קאַמער אין אַ שפּיטאָל ווי מען טראָגט

אריין די שווער קראנקע — פאראורטיילטע צום טויט. אויב אויפן פלאץ האט די מיליץ געהיטן און נאך ווי געהאלטן אָרדענונג — איז אין סעדל אלץ געווען הפקר.

אוקראינישע פארברעכערס באפרייטע פון די תפיסות האבן אין סעדל געשניטן זייער שניט — צווישן די שווער קראנקע, צונעמנדיק ביי זיי דאס לעצטע.

די נעכט זיינען געווען קאלטע. אנאויפהערלעך, האבן זיך די קראנקע אויפגעהויבן און געשלעפט זיך צו די לאטרינעס, טאן זייער מענטשלעך באדערפעניש נישט שעמענדיק זיך מער מענער פאר פרויען.

אין דער פרי, צום אויפגיין פון דער זון אין דעם וונדערפולן אוזבעקסטאן, אינם לאנד פון „טויזנט און איין נאכט“ — איז דאס בילד אין סעדל געווארן אויסטערלישער. הויפנס קראנקע איינגעוויקלטע אין פארשידן קאליריקע קאלדערעס. צעשאטענע פרויען־האר זיינען געלעגן אויף אויסגעמירטע קישנס. ארום זיי: קינדער קעפלעך, קעפ פון זקנים, פארוויקלטע פיס אין פיס. אויפגעדעקטע לייבער מער זיך נישטצו שעמען. פנימער צעשנארכטע. אויגן פארגלייזטע צום הימל פארהאלטנע אין א טויט־דערשראקן קייכן, אין א לאנג דויערדיקן פארהאקטן געניץ. שוין א פארקילטער, א פארשטיינערטער — זיינען זיי אלע געלעגן און אויסגעזען ווי שטיין פיגורן אין א אימאדיקע פויזע — נישט צולאזנדיק צו זיך דעם טויט און נישט אויפוועקנדיק זיך מער צום לעבן.

דער פלאץ דאקעגן, האט געלעבט. טויזנטער יידישע יינגלעך, וואס זיינען געקומען קיין טאשקענט פון די לאגערס — האפערדיקע און גדיקיעבע בארוישט פון דער פלוצלימדיקע פרייהייט, מיט פאפירלעך אין בוזעם, אז: „פריי זענט איר און איר קענט אייך באזעצן אומעטום ווי איר ווילט“. געשוואלנע זיינען זיי געווען, פארוואקסנע ווי חיות, אפגעריסענע, אויסגעשמירטע מיט שמוץ. געוויקלט ארום די לענדן א שטריק. מיט א בלעכן־קענדעלע אויפן שטריק — ווי ס'זאל זיך אמאל נישט מאכן. טאמער ערגיץ ווו א ביסל זופ, א ביסל טיי. און דאך — מידע פון וואכן נישט שלאפן — האבן זיי מיט זייער באוועגליכקייט. מיטן ווילן זייערן צום לעבן, טראין אלעם, איבער אלעם — געמאכט דעם פלאץ פאר א כוואלע. ס'איז געגאנגען א האנדל: ווער מיט אלטע פארלויזטע הויזן, צעריסענע העמדער, פארשוויצטע קאפ היטלעך. א ברעקל זייף, א קאפ פון א הערינג און וואס נישט? אפילו מיטן אויסזאגן איינער דעם צווייטן אן ארט ווו צו שלאפן, אויך מיט דעם האט מען געהאנדלט.

דאס האט נאר אנגעהאלטן פארמיטאג. נאכמיטאג, ווען ס'האט זיך דענערט דער ווינטערדיקער אוונט—האט אויך דער פלאץ אנגעהויבן גליווערן.

ווי ס'האָט נאָר ווער געקענט איז ער פון פלאַץ אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין לעכער און אין גריבער. געהיט זיך פאַרן שטרענגן מיליציאָנערס אויג, וואָס האָט פאַרהאַלטן א יעדן פרעמדן, וואָס האָט נישט קיין ווינרעכט „אין רעזשימנע גאָראָד טאַשקענט" און געצאָלט האָט מען פאַר דעם פאַרברעכן מיט טונקלע תפיסות צווישן פאַרברעכער און גנבים. די אָבער, וואָס זיי האָט געפעלט מוט צו גיין אויף דעם געוואַקטן טריט — זיינען געבליבן אויפן פלאַץ ווי פאַראורטיילטע. ווי קראַנקע־הינער האָבן זיי איינגעצויגן זייערע העלזער אין די פופייקעס און שטייענדיקערהייט געדרימלט. די קעלט און די לייז האָבן קיין רו נישט געשענקט. דערווינט האט דורגעשאקלט די ביינער און די לייז האבן צעגעסן די הויט. דאַמאָלס, האָבן זיי געוואַגט אויף עפּעס מער — אַריינצובאַקומען זיך אין גרויסן וואָקזאַל־זאַל, וואָס איז געהיטן געוואָרן דורך שטרענגע רוסישע ווייבער, וואס האבן נישט געקענט קיין רחמנות. נישט געהאלפן האט געבעט אָדער קינדיש געוויין. דער באַפעל פון באַן־נאַטשאַלניק איז געווען נית צובייגן „קיינעם נישט אריינלאזן" און דאך, מיט טויזנט שפיצלעך האבן מענטשן דורכגעריסן די קייט און פול געמאכט דעם זאל אזוי: אז נישט געבליבן איז מער פלאַץ ווי נאָר צו שטיין איינער אויפן צווייטנס פיס און אזוי דרימלען. די היץ, דער געשטאַנק, דער שוויס פון די לייבער, האָט געמאַכט די גאַנצע מאַסע אויפיערן. פאַרוויקלט זי אין אַן אויסטערלישע, נישט מענטשליכע ליבע פון לייב צו לייב וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ צופעליק טרעפן זיך פון ווייבער מיט מענער, וואָס האָבן זיך דורך דעם באהעפט. דאס האט אזוי לאנג געדויערט ביז פארטאג האט מיליץ די צונויפגעקוועטשטע און צוזאמענגעוואקסנע מאסע מיט א שטראם קאַלט וואַסער באַגאָסן און שלעפנדיקערהייט זי אריינגעשטופּט אין אַ באַזן וואָס האָט זי געפירט גאָט ווייס ווו אַהין. דאָך, אויף צומאָרגנס, ווי נאר די זון האט אויפגעשיינט איז ווידער אויפן פלאץ היימלעך געווארן און סהאט דארט געהאנגען א טומל נאר טויב צו ווערן. די לופט א פולע מיט שטויב, א דורכגעווייקטע מיט א נערזך פון צייטיק צוגעפוילטע אויבסט פון סוף זומער. דער פלאַץ, אַ פאַרוואָרפנער מיט מיסט האָט דערמאָנט אַ שטעטלדיקן מאַרק אין אַ ערב יומכפורדיקן נאָכמיטאָג אין אַ היימיש שטעטל. די זעלבע אונרואיקייט ווי ערב יום כפור האָט געציטערט אין דער לופט. דער זעלבער געאייל פון אקעגן גיין עפּיס אנבאקאנטעס און אנרואיקעס. אוזבעקן שווארצע אין זייערע ברוינע זשיפּיצעס אויף אייזלעך האָבן געכיטרעוועט אַהין און צוריק מיט שווארצע אויגן. אַמאָל אויף טרויריק און אַמאָל, אויף פריילעך. קינדיש און רוצחיש. נעגלעט זיך די שוואַרץ צוגעשניטענע בערדלעך און געשטייכעלט ווי פערד הענדלער

ווען ס׳געלונגט זיי אַ משאַ ומתן: — „מיילאַ, מיילאַ, יאַכטשע!" זיי האָבן פאַרוואָרפן די ברייטע אַרבל פון די זשיפּיצעס און אין די גרויסע זעק געשטיפט מלבישים, וואס זיי האבן געקויפט ביי פוילישע יידן פאר א מעסטל טריקענעם אוריוג, פאַר אַ גלעזל שטרוי־ניסלעך אָדער פאַרפוילטע עפּאַלעך. דערוויילע, האָבן דינע דינינקע שפּינוועבס פעדים געבייכלט און געלענגערט זיך אויף רינוועס און דעכער און אויסגעשפּינען אַ שווערן ווינטער.

אַ קליינער גראָער וואָלקן איז הענגען געבליבן איבערן טאַשקענטער הימל. אכט חדשים אין יאר איז דער הימל אין טאַשקענט אַ זאַפּירינער. נישט אַ פלעק אויף אים! אַ דורכזיכטיקער ווי די לופט אליין.

ניט זיך אַ מאָל זומער־צייט אַ הויב אויף; גאָט ווייס פון וואַנען אַ ווינט און גיט אַ שמיץ די רייפן זיינע מיט כעס אויף די וואַסער־טאָוולן הויבט זיך אויף דער הימל אַ פּאַרדראַסיקער — נאָך העכער, נאָך בלאָער און ברייטער. אַצינד אָבער איז דער גראָער וואָלקן געבליבן הענגען אַ פאַרגליווערטער און אָן איינגעשפּאַרטער איבער דער שטאָט. אַ ווינטל האָט געפּרוּווט אַ דריי טאָן מיטן אויסגעטריקנטן גאַסן־מיסט. צעשויבערט די שפּיצן פון די ביימער. פון ערגיץ ווייט האָט זיך געהערט אַן אָפּהילעך פון קלעפּ און אַ בייסיקער שוועבל גערוך האָט פול געמאַכט די לופט — דאָס האָט אַ בליץ אין די בערג די פעלזן געשניטן און צום לעצטן מאָל מיט כעס אַ פרעג געטאָן: „וועט זיין אַ רעגן אָדער נישט? און ס׳איז אַ רעגן געוואָרן.

אין דעם טאָג איז סאַלעק אַ זיבעצן יאָריק יינגל געקומען קיין טאַשקענט.

דער פלאַץ האט דאס יינגל צוגענומען ווי א מוטער נעמט צו איר קינד. . . . נישט צו פרעגן אים: וואס און ווען. פרעמדע מענטשן האבן אים מיט זייערע לייבער צו זיך צוגעטוליעט און דערוואָרימט. דער פלאַץ האָט דאָס יינגל אויפן דריטן טאָג פון זיין אין טאַשקענט ברייט ווי עס געבירט אַן אורח — מתנה געוועזן: מיט אַ אוזבעקישע קרענק „פּעטאַ פאַטש" וואָס האט פון אים אויסגעפּלומפּט, דאס לעצטע ביסל כח און באלד אן אדערויף אים צוגעטיילט איין און פערציק גראַד פּיבער. נאָכן פּיבער, קעלט, וואָס האָט אים אכט טעג געדראָשן און אויסגעשאָקלט די ציין אין מויל.

ליגנדיק איינגעוויקלט אין זיך אליין. אויף אַן אָרט ביי דער מזרח־וואנט פון סעדל, הארט ביי די לאַטרינעס, האט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן נאַסן עיפּוש פון די אומריינקייטן און נישט איינמאָל האָט אים אַ נאַסער שני, וואָס האָט פּאַר טאָג געראַשעט לייכט, ווי מיט אַ ווייס־ליילעך אים צוגעדעקט עפּיס אַזוי, ווי אַ מאַמע דעקט צו איר קינד.

אין יענע טעג האָט אוזבעקסטאַן א רייד געטאָן אויף יידיש. אין דער גאַנצער ברייט אירער און איר לענג. אלע באַנסטאַציע-ווענט, וואַרטע-זאַלן, די וואַגאָנען פון אינעווייניק און אויסנווייניק האָבן זיך ווי איבער נאַכט צוגעדעקט מיט יידישע שריפט. שריפט — פון מאַמעס וואָס זוכן זייערע פאַרלוירענע קינדער. פרויען, זייערע מענער. א ברודער זוכט א ברודרל. פון די ווענט האט אראפגעווײנט די ווייטיק פון מענטשן, וואס זוכן זייערע נאנסטע און זיי האבן נישט געוווסט, אז מייסטנס זיינען זיי אומגעקומען ביי באמבארדירונגען און אצינד דעקט שוין די ערד צו זייער אומקום.

ס'יידישע פאָלק, פאַרטריבענע פון זייערע איינגעזעסענע היימען, האָבן זייערע נייע קינות אויפגעשריבן אויף די ווענט, וואס זיינען שפעטער אפגעמעקט געווארן ערגיץ דורך א פארשלאפנעם אוזבעק, וואס האט עס מיט קאַלך פאַרשמירט ווייל „ריין מוז זיין. גיגעניע, איז דער געבאָט פון דער שעה".

אויף וואגאנען, וואס זיינען געווען איינגעשלאסן אין צוגן און זיינען שנעל סטאַציעס דורגעלאפן האט מען אומעטום געזען יידישע אויפשריטן פון קרייד: „ווו ביזטו רייזל?" משהלע, די מאמע דיינע איז אין סאמער-קאנט" וואלאדיא, זיץ שבעה. דער טאטע איז דיר ביי מאהילעוו געפאלן".

מתנות פוילישע יידן ערשט נעכטן פרעמדע דאָ. ווייטע, אנבאַקאַנטע האט מען זיי שוין צומארגענס געטראפן אין אלע פאבריקן, שאכטן. ארבעטן אויף די באנען ביי פארשידענע ארבעטן. די גרויסקייט פון רוס-לאנד, אירע אַנענדלעכע שטחים, די פארשידנקייט פון די קלימאטן, שפּראכן און מענטשן הויטן האט אין די יידן אויפגעוועקט טיף באהאלטנע באגערן צו גיין דורך רוסלאנד אין איר לענג און ברייט. דאס באהאלטנע וואנדער-אָדרל, וואָס שטעקט אין א יעדן ייד האָט זיך א ריר געטאָן און איבער גאַנץ רוסלאנד ווי ברייט און לאנג זי אז ביז הארט צו דער גרעניץ פון כינע, פערסיען, האָט א שמעק געטאָן מיטן לאַדזשער-באלוט, פינטשעוו אין לעמבערג.

סאַלעק איז געווען איינער פון זיי. פון צייט צו צייט האָט אים גע-טראָפן א ייד פון זיין שטעטל און באַווײנט אים: אוי, א בראָך ווי דו זעסט אוים! יאָ, דאַכט זיך איך האָב ערגיץ דאָ געזען דעם טאַטן דיינעם.

סאלעק האט אויפגעציטערט: דעם טאטן, דעם טאטן? און מער האט שוין סאלעק פון קיין רו נישט געוווסט. פון פארטאג, ווי נאר די נאכט איז בלייך געוואָרן האָט ער דעם טאטן זיינעם געזוכט. דעם פאָטער, וואָס ער האט אין דער היים איבערגלאזט.

דער רעגן האָט געגאָסן און די ערד האָט א טרויער איינגעהילט. דער

הונגער אין שטאָט האָט זיך געשטאַרקט. דריי טעג האָט מען ביי אַ קראָם באַדאַרפט וואַרטן — כדי, שפּעטער, צווישן די טויזנטער לעכצנדיקע נישט קענען זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל ברויט. מענטשן זיינען פון הונגער ווילד געוואָרן ווי חיות און אַ טייל — פון צווייטנס הונגער רייך געוורן ווי קרח — ביים פאַרקויפן אַ שטיקל ברויט דעם צווייטן.

די שטאָט איז געלעגן אַ באַצווינגענע פון דער נעץ. די שטילקייט האָט דורכגעשניטן דעם ווילדן רויש פון די טייכן, וואָס זיינען קאַרקברעכעריש אַראָפּגעפאַלן פון די בערג. די וואַסערן, האָבן זיך מיט געלשוימיק פּויסטן איינגעשרויפּט אין די אָפּגרונטן. דער פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל איז געוואָרן איין גרויסער טייך און די מענטשן מיט זייערע זאַכן — אינזולעך. דאָך, האָט דאָס לעבן אויפן פּלאַץ זיך נישט איבערגעריסן אויף איין סעקונדע. אויף די שויסן פון די מענטשן איז אוזבעקסטאַן געלעגן ווי אויף אַ קאַרטע. אַ יעדער קאָלווירט, זאַוואָד, ווו אַ ראַיאָן אַדעסטאַציע, האָט מען אויפן פּלאַץ געקענט זייערע נעמען. געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט דאָרט. ווו מען קען נאָך געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווו די ערד און דער טשעקמען איז אַ לייכטער אָדער ווו דאָס ברויט איז קאַרג און די ערד אַ פאַרעקשנטע און האַרטע.

לענג אויס דעם טייך, וואָס טיילט אָפּ די שטאָט טאַשקענט פון וואָקזאַל. אויף דעם טייכס ברעגעס ווו אין די זון-טעג האָבן די פּליטים געזוכט אַביסל גרינס — כדי, דאָרט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס פאַרלויזטע העמד, אויסציען זיך אויפן גראָז און ווי אַמאָל אין דער היים קוקן שלעפעריק אין הימל אַריין — האָט אַ צינד אין דער צייט פון רעגן, ווידער די ערד אָן אַטעם געטאָן מיט איר פאַרצייטיקער ווילדקייט. אַ ווילדקייט פון יענע צייטן, ווען טאַמערליין האָט פון דאַנעט אַרויסגעפירט זיינע ווילדע חילות אויף מלחמות. נישט ווייט פון די ברעגעס זיינען געלעגן זייטיקע באַן ליניעס ווו ס׳זיינען געשטאַנען אַלטע וואַגאָנעס. די וואַגאָנעס זיינען געוואָרן דער מקום מקלט פון גאַנצן אָפּפאַל, וואָס די מענטשן כוואַליע האָט דאָ אַהער געשלעפּט. דאָרט זיינען זיך צונויפגעקומען: אָפּגעריסענע, פאַרלויזטע, גאַסן-מיידן און קרימינעלע פון די אוקראַינישע תפיסות. אין די נעכט, האָבן זיי אין די טאַשקענטער גאַסן געלויערט אויף קרבנות און בטאָג — די צייט פון אָפּרו האָבן זיי געטריבן די ווילדסטע אָרגיעס מיט זייערע מיידן.

גראַד צווישן זיי האָט דער גורל באַשערט סאָלעקן זיין אָפּרו אָרט און פון די אָפּפאַלן פון זייער „טיש“ האָט אים גאָט געגעבן זיין תיונה.

אָן אויפהערלעך האָט דער רעגן ווייטער געוואַשן די שטאָט. אַ יעדן טאָג האָט מען געמוזט איבערמאָלעווען די אויפשריפטן אויף אַלע ווענט

אַרום דעם וואָקזאַל: „עס ווערט געזוכט סטאָלאַרעס, גלעזער, לאַקירער" די פּלויטן האָבן גערופן, געבעטן און געדרויעט. זיינען יידן אַוועק אין די נאַפּט גראַבנס פון באַקו, אין די קוילן גראַבנס פון קאַזאַכסטאַן צו קאַנאַלן אַרבעט אַרום דער וואָלגע און ווו נישט? אַ טייל זיינען געוואָרן סטאַכאַנאָווצעס און אַ טייל — האָט די פרעמדע ערד צוגעדעקט און אויפגעשיקט אַ בערגל איבער זיי.

סאַלעק האָט צוביידע נישט געהערט. ער איז אַוועק מיט די, וואָס זיינען פאַרנאַכט אין די הונדערטער געשטאַנען פאַר די טיי-הייזער מיט געבעט, מיט גוט באַצאָלטן כּאַבאַר אַריינבאַקומען זיך אין טיי-הויז דורכצושלאָפן די נאַכט. דאָרט איז מען געשלאָפן אונטער די טישן, איינער אויפן צווייטן, אין די דורכגענג. געשלאָפן אויף איין פוס ביז פאַרטאָג, ווען דער אוזבעק האָט אָן רחמנות אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

ביי די טיי-הייזער,אין די גרויסע איינפאַר-הייף איז געווען דער אַפּרו-פּלאַץ פאַר קאַראַוואַנען, וואָס האָבן געפירט: ווייצן, רייז, סאַמום אויף די מלוכישע-זאַמעל-פּונקטן. דאָרט צווישן דעם קעמל-געשריי האָבן זיך די פּוילישע „יאַטן" געדרייט „געהאַנדלט" ווער מיט אַ היטל, ווער מיט אַ פּאָר אַלטע נאַטקעס, מיט אַ ביסל גרינע סאַמאַרקאַנדער-טיי.

אויך דאָרט האָט מען סאַלעקן געטראָפן.

אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך סאַלעק אַוועקגעזעצט אויף אַ שוועל. כאָטש, דער ווינט האָט דאָ שאַרפער דורך די אָפענע טוירן אַדורכגעצויגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָ איז היימישער דורכצושלאָפן די נאַכט.

פּלוצלים האָט האַרט אונטער זיינע פּלייצעס זיך אָן עפן געטאָן אַ טיר און אין איר איז שטיין געבליבן אַ פרוי. דערזענדיק סאַלעקן האָט זי פאַרצווייפלט אַ געשריי געטאָן אין שטוב אַריין:

— אָט, האָסטו נאָך איינעם, זינאַ?

— נו, זאָל ער אַריינגיין האָט די שטים אינעווייניק געענפערט.

— שנעלער, קליינער, האָט אים די פרוי וואָרעם אַ רוף געטאָן און נאָך זיין אַריין גיין פאַרמאַכט די טיר.

סאַלעקן האָט אַרומגענומען אַ געדעכטע, דומפּיקע וואַרימקייט. זיצן איז שוין נישט געווען ווו. האָט זיך סאַלעק מיט כּח צו וועמען צוגעקלעפּט, און אַזוי געבליבן הענגען אַ גאַנצע נאַכט.

די וואַרימקייט פון שטוב, דאָס, וואָס ער האָט פּלוצלים אַרום זיך דערפילט פיר ווענט — האָט סאַלעקן אויפגעוואַרימט. ווי אַ פאַרע פון אַ שויב האָט ער דערפילט ווי די קעלט וועפּט פון אים אויס. די פּופּייקע, דאָס היטל, דאָס פּנים זיינס און די האָר האָבן אויף אים אויפגעיורן און אַרויסגעגעבן אַן איבלדיקן געשטאַנק. גלייך מיט דעם אָבער איז אים

באַפאַלן אַזאַ וואַרימע, אַזאַ אַנגענעמע שוואַכקייט, אַז וויפל ער האָט נישט געפּרוּווט זיך אַ קעגנשטעלן — האָבן זיך אים אַלץ שטאַרקער די קניען געבראָכן און ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט אויף די שלאָפנדיקע.

די נאַכט איז געווען אַן אַנענדלעכע. וויפיל מאָל סאַלעק האָט נישט געפּרוּווט איינשלאָפן, האָבן אים די לייז אויפגעוועקט. זיי האָבן אים באַרוישט און פאַרמאַטערט. זיי האָבן אים צעשינדן און צוריק צונויפגעלייגט ביז זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן חלום.

— — — — — — — —

ער בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. דער טאָג אַ ווינטערדיקער — אַ קורצער אַ שטאַרק טונקעלער. די וועגן מיט שניי פאַרשיט. אין יוצא ואין בא.

דער וואַלד רוישט שטיל. די אַלטע סאָסנעס באַוועגן שווער זייערע קרוינען. פון די נאָנטע קוסטעס הערט סאַלעק כאָרטשען דעם ווילדן-חזיר. באַלד ציט אָן אַ שניי שטורם. דער שניי פאַלט געדעכט און שניידט אים דאָס פּנים. פאַרטויבט ווערט ער פון ווינט געוואוי, פון געהייל, פון די ווילדע וואַלד-רוחות.

דער חלום וועבט זיך ווייטער, שענער, שרעקלעכער. די נאַכט איז אַ העלע, אַ רואיקע, די שטערן קוקן פון הימל. טיף אונטער די שנייען וואַקסן שוואָמען. סאַלעקן דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען קליינע מענטשלעך אין גרויסע קאַפּעלושן. גוט איז די קליינע שוואָמען אין וואַלד. זומער וואַקסן זיי באַהויכט און באַשפּריצט פון די פרימאָרגן-טויען, פון די קילע שאָטנס צווישן די ביימער: ווינטער — פון דער וואַלד-שטילקייט. פּלוצלים אַ געשריי, וואָס רייסט זיך אים פון דער קעל אַרויס: „מאַמע, מאַמע” די קליינע שוועמלעך שטעלן די אוירן אויף.

— האַ, ווער שרייט עס אין טיפן וואַלד אין אַ ווינטערדיקע נאַכט? פרעגט איינס דאָס צווייטע. אין וואַלד ווערט אַ האַרמידער. די שוואָמען פאַרוואַרפן זייערע געלע פעלערינקעס אויף די אַקסלען. אַנדערע בינדן זיך מיט שטריק אַרום און מ'הייבט אָן זוכן. די קליינע שוואָמען וואַקסן אַצינד פון די שנייען אַרויס ווי הויכע ווילדע רויזן. ערגיץ ווו שלאָפט נאָך אַ שוואָם קלאַפּט מען איר אין פענצטערל אַריין פון אויסגעטראַכטן שטיבל:

— העי, וואָס שלאָפסטו דאָרט ווי דער נאַרישער באָרסוק אין ווינטער? צי הערסט דען ניט דאָס רופן?

און אַלע ווי איינער, מיט שטריק, מיט העק און זעגן נעמען זיך שניידן דעם וואַלד און בויען אַ בריק פאַר סאַלעקס וועגן.

פון אַ צווייטער זייט גייען שוועמלעך שירות נאָך שירות. זיי טראָגן

לאַנגלעך אָנגעפּילטע מיט מילך און פּאָר זיי די ערשטע — חיה גיטל סאַלעקס מוטער.

סאַלעק זעט זי: אָן אפּגעריסענע, אָן אפּגעשליסענע. די האָר אויפֿן קאָפּ צעשויבערט — האַרטע ווי די דראָטן. די שיך אויף אירע פּיס בלאָטיקע, דאָס קלייד וואָס זי טראָגט איז אַ גרינס, אַ ברייטס, אַ צעפּליקטס. אין דער האַנד האַלט זי אַ שטעקן מיט אַ סך וואָרצלען אויף אים.

סאַלעק זעט זי ווי זי וואָלט אין וואַסער געשווימען. זי איז ענלעך צו גרויסן מאָרנעם פיש. דאָס גרינע קלייד פליסט אַרום איר, ווי פליספעדערן. סאַלעקן איז געוואָרן דערפון אזוי גוט. ער ליגט אויפן שניי. די נאַכט אַ העלע. די לבנה אַ פולע, אַ פּראָסטיקע איז — אַרויסגעשווומען אויפן מיט הימל. ליגט ער סאַלעק און לייענט ביי איר שיין דאָס מעשה־ביכל, וואָס איז אין דער היים געלעגן אַמאָל אין דער עטאַזשערקע צווישן די מחזורים און סליחות.

ער וועקט זיך איבער. די שלאָפנדיקע אַרום אים קראַצן די צעבלו־טיקטע לייבער צעביסענע פון די לייז.

סאַלעק שלאָפט ווידער איין. אָן אַרויסגעפירטער אויף די ברייטע וואַסערן פון שלאָף — פילט ער, ווי צו אים שווימט עפּעס צו. ער טאַפּט עס שוין אָן מיט די הענט. יאָ, אַ מענטשן קערפּער איז עס. אַ שווערער, אַ נאַסער פאַלט ער אויף סאַלעקן ווי אַ שווערע משאָ. ער שטיפּט אים פון זיך אָפּ. ער פאַלט ווידער אויף אים און אזוי הערט נישט אויף דער געראַנגל צווישן די צוויי שלאָפנדיקע אַ לענגערע צייט. סאַלעק פילט אויף זיך יענעמס נאַסע מלבישים. אויפגעוואַרימטע, וויקלען זיי זיך אַרום אים ווי אַ נאַסער קאָמפּרעס צו זיין לייב. ער פילט דעם פרעמדן אויף זיך ווי אַ גרויסער קיילעך וואָלט אים צוגעדעקט און געשטיקט.

סאַלעקס מידקייט איז אָבער שטאַרקער פון אַלעמען. מער ווי די פּייניגונגען פון די לייז, מער ווי די שווערקייט און געשטאַנק פון פרעמדן גוף — שטיקט דער שלאָף. ער שרויפט אים פשוט דעם מת צונויף.

פאַרטאָג, האָבן זיך געעפנט די צוויי קליינע טירלעך פון צווייטן צימער און אין זיי האָט זיך באַוויזן אַ יונגע בלאָנדע פרוי. אויף איר ברוסט , האָט זי געטראָגן אַן אָפּצייכענונג פון אַ טראַמוויי־אַרבעטערין. אין דער פרוים הענט האָט פריילעך געזאָטן אַ ניקלנער סאַמאָוואַר. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און אַ פרעג געטאָן הבריש:

— ווער טרינקט טיי?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי זיך אַ וועג געמאַכט צווישן די שלאָפנדיקע און אַלע געוועקט.

— נו, אַ, באַרישנאַ, קריך אַראָפּ פון דיוואַן דאָס שטוב־מיידל האָט געברענגט אַן איבערבייס.

— און די פעטערל? האָט זי זיך געווענדעט צום פאַרשוין, וואָס איז געלעגן לעבן סאַלעקן.

זי האָט אים אַ פּאָר מאָל אַ שטורקע געטאָן. ער האָט זיך נישט גע־רירט. אין דער מנוט האָט אין דער פרוים בליק אַ שיין אויף געטאָן שרעק.

זי האָט אוועקגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און גענומען דעם פרעמדן אין אירע הענט אריין ווי מען נעמט אַ ראָל פּאַפּיר, ווען מען וויל אים אויפוויקלען. פּלוצלים, איז די פרוים פּנים געוואָרן שטאַר. אַ געשריי איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף אירע ליפּן.

סאַלעק האָט אַ קוק געטאָן אויפן טויטן. יענעמס קאָפּ איז שווער אַראָפּגעפּאַלן אויף דער ברוסט. אַ מוראָדיק געשריי האָט זיך אַרויס־געריסן פון יינגלס קעל;

— טאַטע! טאַטע!

אַלע אַרום זיינען געלעגן און איינגעהערט זיך אין יינגלס שטיל באַ־קלאָגן זיך. געשראָקן האָט זיי נאָר, דאָס פאַרגליטשטע אָפענע אויג פון טויטן, וואָס האָט געקוקט איבערן צימער.

פּאַמעלעך, האָט זיך אויסגעליידיקט די שטוב, ביים אַרויסגיין האָבן אַלע אויפגעשטעלט די קעלנער פון די אויבער־מלבישים, באַהאַלטנדיק די קעפּ טיפער אין די אַקסלן זיינען זיי פאַרשוווּנדן אין רעגנדיקן דרויסן. זיי זיינען אַנטלאָפן פון דעם יינגעלס געוויין אין וועלכן זיי האָבן געהערט דעם באַשייד פון זייער אייגענעם גורל.

ער און זי

בײדע האָבן זיך אין דעם זעלבן טאָג אַהײמגעקערט פֿון די דײַטשע לאַ־גערן קײן לאָדז.

װען זי איז אַרױסגעגאַנגען פֿון דער באַן און שטײן געבליבן אױף דעם װאָקזאַל, האָט זי נישט געהאַט, װוּ צו גײן אין דער שטאָט. װוּ זי איז גע־בױרן געװאָרן, אַלע אירע יאָרן אַדורכגעלעבט. נישט האָבנדיק קײן אַנדערע ברירה איז זי אַװעק צו דער שטוב װאָס איז איר אַמאָליקע הײם געװען.

געעפֿנט האָט איר די טיר אַן עלטערע פּױלישע פֿרױ מיט אַ גרױען קאָפּ האָר. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן ברילן, װי זי װאָלט אַקאָרשט איבערגעריסן לײע־ן אַ בוך. אין דער ערשטער מינוט איז די פֿרױ איבעראַשט געװאָרן. װען זי האָט זיך דערװוּסט װער דער „גאַסט" איז. שטײ־ענדיק מיט דער אַנגע־ומענער אין דער געעפֿנטער טיר, האָט זי מיט אומ־געדולט אױסגעהערט די דערצײלונגען אירע: װי אַזױ מען האָט זי מיט איר פֿאַמיליע, פֿון דער שטוב אַרױסגעטריבן אין געטאָ אַרײַן, װי אַזױ בײַ דער ערשטער סעלעקציע האָבן די דײַטשע זשאַנדאַרן איר צװײ־יאָריק מײדעלע פֿון די הענט איר אַרױסגעריסן, און בײַ דער צװײטער אַקציע ־ האָט מען זי מיטן מאַן צעשײדט.

די פֿרױ האָט געשאָקלט פֿרום און באַרימהערציק מיטן אַלטן גרױען קאָפּ.

— אָך. אָך. אײַער אַלטער צװײ טױזנט יעריקער חטא. װען װעט דער אַלמעכטיקער שױן אײַך אַ ם אַמאָל מוחל זײַן?

דערנאָך האָט די אַלטע מיט דער זעלבער פֿרומקײט פֿאַמעלעך הינטער זיך די טיר פֿאַרמאַכט, און זי געלאָזט שטײן אין פֿינצטערן קאָרידאָר.

אין הױף פֿון הױז האָט זי באַגעגנט דעם סטרוזש. דער זעלבער, װאָס האָט זי, װען זי איז נאָך אַ קינד געװען אױף די הענט געטראָגן. יאַן אַ גע־עלטערטער, האָט זי אַנגעקוקט מיט אַ פּאָר װאָסערדיקע אױגן און ער האָט זיך געהאַלטן אין אײן איבערפֿרעגן זי, נישט קענענדיק זיך דערמאָנען:

— האָ. װער ביזטו?

— געדענקסט מיך נישט. יאַניע? איך בין עלטשאַ. געדענקסט נישט עלטשאַן?

— אַהאַ, נאָ. עלטשאַ, כ,געדענק. כ געדענק. און גלײַכגילטיק זיך גע־נומען װײַטער קערן דעם הױף.

* * *

אויך ער, איז אוועק גלייך צו זיין אלטער היים. ער איז געגאנגען צו דער שטוב זיינער מיט א געפיל פון א מענשן, וואס קערט זיך צוריק פון א קורצע רייזע. צוקומענדיק צו זיין וווינונג איז ער איבעראשט געווארן, ווען אויף דער טיר האט ער געטראפן צוגעקלאפט א פרעמדע וויזיטקארטע. און ווען ער האט זי דערזען איז אים קלאר געווארן אלץ... האט ער זיך א קער געטון און אנגעהויבן צוריק אראפלויפן פון די טרעפ אזוי, אז אין הויף האט אים דער סטרוזש נאכגעקוקט, ווי מען קוקט נאך א גנב.

* * *

באקענט האבן זיי זיך, ער און זי, אין נאכטלעגער־הויז פאר היימלאזע אויף יאקובא 16 אין לאדזש. ניטא האבנדיק א גאנצן טאג, וואס מיט זיך צו טאן, האבן זיי די ערשטע טעג ארומשפאצירט איבערן גרויסן אויסברו־קירטן הויף. און צוגעהערט זיך צום טומל וואס האט זיך דא אהערגעטראגן פון דער שטאט. ערשט שפעטער ווען זיי האבן זיך צוגעוווינט צום ארום, זיינען זיי אוועק צום חורבן געטא, וואס ליגט ווי ביים שוועל פון נאכטלעגער־הויז. זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף א ציגל פון א־צעשיטער מויער. זי האט אים דערציילט פון איר אמאליקער היים, פון איר טויטן מאן, פון איר טויט קינד. ער האט איר כמעט דאס זעלבע דערציילט. און ווען עס איז גע־קומען מיטאג־צייט זיינען זיי אוועק אפעסן די געשענקטע זופ.

פון טאג צו טאג זיינען זיי געווארן היימישער מיט זיך. זי האט שוין פאר אים יעדן אינדערפרי צוגעגרייט טיי און ער — האט פאר די לעצטע פאר גראשן געברענגט עפעס עסן. נאכן אפעסן האט זי אים ווידער דערציילט פון איר היים, פון איר מאן און קינד, און דאס זעלבע האט ער געטאן — אזוי, אז ביידע האבן שוין געוווסט, ווי אזוי דעם צווייטנס קינד האט אויסגעזען, ווען עס איז שלאפן געגאנגען, וואס פאר א חכמות עס האט געזאגט. ער האט שוין געקאנט איר אומגעקומענעם מאן. געוווסט: זיינע חסרונות און מעלות. זיין עלטער און בראנזשע. און זי ווען זי האט אים געהערט דערציילן וועגן זיין פרוי, האט זי אנציקט אויסגערופן:

— אך! ווי שיין איז זי געווען?

* * *

ניטא קיין ליבע, נאר די איינזאמקייט האט זיי ביידע פארבונדן. ער האט נאך א קורצע צייט אנגעהויבן, צוביסלעך, ביי זיין אלטער בראנזשע פארדינען: האבן זיי חתונה געהאט, געדונגען א שטיבל. זיין עלנטקייט האט אין איר געעפנט א קוואל פון פריינדשאפט צו אים. מיט גרויס ליבשאפט האט זי אליין דאס שטיבל אויסגעקאלכט. מען האט געקויפט א טעפל, א מעלער און א לעפל. נאך אזויפיל פינצטערע יארן, האבן זיי ווידער אנגע־הויבן עסן ביי אן אייגענעם טיש. אין אוונט האבן זיי דאס פארהענגל איבערן

איינציקן פענצטער אראפגעלאזט, אז די היימישקייט פון זייער ארעמען ווינקל זאל זיי ארומנעמען.

זי האט אים זייער ליב געהאט. דאך, נישט איינמאל, ווען ער איז פארנאכט פון דער ארבעט א היים געקומען, האט געטראפן, ווען זי האט אים גערופן צום טיש, האט זי אליין נישט געוווסט פארוואס, עס רייסט זיך איר פון מויל ארויס:

— לעאן! קום עסן!

לעאן דאס איז געווען דער נאמען פון איר אומגעקומענעם מאן. ער ווידער, איז אמאל, מיט איר אין קראם אוועק א קליידל איר קויפן און פלור־צים האט ער צווישן אלע קליידלעך דארט דערזען איינס, א טונקל־רויטס. די בארדא פארב האט אים אזא שלאג געטאן אין די אויגן, אז דאס פנים זיינס האט זיך אים איינגאנצן אנגעצונדן. ער האט זיך דערמאנט: זיין אומ־געקומענע לאלא האט דאך די פארב אזוי ליב געהאט.

זיין פארפייניקטע פרוי און איר פארפייניקטער מאן האבן זיך אויף אזא אופן אריינגעמישט אין זייער לעבן, אין דער ליבע זייערער, זי האט געקויפט דאס. וואס איר לעאן האט אמאל ליב געהאט צו עסן. ביידע האבן זיי געלאכט מיט דעם געלעכטער, געוויינט מיט דעם געוויין פון יענע, וואס זיינען מער נישט צווישן די לעבעדיקע געווען און פאר־הוילן האבן זיי — זי. ווען זי האט אים א קוש געטאן — אז זי קושט אים אין שטערן ווייל, — אין שטערן האט זי דאך איר לעאנען געקושט; און ער פארנאכט, ויען ער איז מיט איר ביים פענצטער געזעסן: האט ער איר האנט אין זיינע געהאלטן, געגלעט זי, געשפילט זיך מיט אירע פינגער און גע־טראכט האט ער דאמאלס: וואס פארא פרעכטיקע פינגער האט מיין לאלא געהאט!

אזוי, האבן ביידע געלעבט מיט דעם געפיל, אז זייער אמאליק לעבן איז נישט איבערגעריסן געווארן, נאר פשוט, עס איז ווי איבערגעגאסן גע־ווארן אין אן אנדערע כלי, און ווייל פון טאג צו טאג איז דאס דערמאנען די טויטע ביי זיי געווארן אלץ אפטער און אפטער האבן זיי זיך ווי דער־שראקן פאר דעם און איינער האט אנגעהויבן מוסר זאגן דעם צווייטן:

— שוין גענוג, הער אויף, ווי לאנג איז דער שיעור צו דערמאנען? ווי לאנג?

ביז, אמאל אין א מיטן נאכט אין שלאף איז עפעס אויסטערלישעס צווישן זיי ביידע געשען, אים האט אויפגעוועקט אירס א שטיל געוויין, ער האט די אויגן אויפגעריסן, דאס שטיבל זייערס איז געווען מיט לבנה־ליכט באגאסן, ער האט א קוק געטון אויף זיין פרוי; איר פנים איז געווען בלייך

ווי קיינמאל נישט, די שווארצע האר אירע זיינען געוועזן צעשיט אויף דעם קישן, און די אויגן — נאסע פון געוויין.

— עלטשע, וואס איז געשען? — האט ער מיט שרעק און ליבשאפט געפרעגט.

— גארנישט, מיין טייערער. מיר האט זיך א שלעכטער חלום געחלומט, — האט זי זיך פאר אים פארענטפערט: — שלאף, מיין ליבער, ס'וועט אדורכגיין.

אבער, ווען ער האט איר קיין רו נישט געגעבן און האט דווקא געוואלט ארויסבאקומען די סיבה פון איר געוויין, האט זי א הויב געטאן דעם קאפ פון קישן, אויף אים א קוק געטאן אזוי: ווי זי וואלט געוואלט זען, ווער עס ליגט לעבן איר, און דערזענדיק אים, האט זי ארויסגעלאזט א שרעקלעך כליפן:

— לעאן! לעאן!

אין דער סעקונדע האט ער ווי אין איר געוויין דערהערט דאס קול פון זיין געהרגעטער פרוי, וועלבע ער האט נישט געקענט פארגעסן נישט אין חלום און נישט אויף דער וואר.

ער איז אפאל געטאן אויף דעם קישן און צוזאמען, ביידע, האבן זיי זיך בימער צעשריגן אין שטיבל נאך האלבער נאכט.

דייטשן

געקרייציקטע ביימער

מיין פריינט גיט מיר קיין רו נישט. טאג איין טאג אויס דערציילט ער מיר ווי אים געפעלט נישט דאס שיינע בייערן־לאנד.

אירע מילדע גריגע בערגלעך, אירע אויסטערלישע פינצ־טערע פעלזן' — נעמען אים נישט.

מיר שפאצירן איבערן דארפס־וועג. לענג אויס דער גאס, אונטער די רויטע ציגל־דעכער איז די שטילקייט עפיס א דער־דריקענדע. אזוי, אז ס'דאכט זיך: דאס איז נישט קיין שטיל־קייט פון רו. נאר גיכער א שטילקייט ווי מען וואלט געטשייעט פון אונטערן פלויט אפער אויף וועמען. א דרויענדיקע, א גאטלעס־טערנדיקע שטילקייט איז דאס!

ס'איז די צייט פון היי־שניט. די שענסטע צייט פון זומער. דער פריינט מיינער וואס איז מיין בן־עיר דערמאנט אט די צייט ביי אונז אמאל:

פון איין זייט שטעטל זיינען געלעגן היי־פעלדער. פון דער צווייטער זייט — דערפער. שוין דריי פארטאג האט ביזן שוהל־געסל דערגרייכט דער קלאנג פון די קאסעס — דאס גע־זאנג פון די שניטערס דער זומער, איז ביי אונז תמיד געלעגן ווי אן אויפגעשניטענער רייפער אפל. מען האט אים געפילט אין ברויט, וואס מען האט געגעסן, אין דער מילך, וואס מען האט געטרונקען. אן אונ ואיקער א פולער מיט שטורעם און גוטסקייט! אויף אונענדליכע ווייטקייטן און אין די נאענטסטע נאנטקייטן האב; מיר אים ארום זיך געהאט. ער האט פון שטעטל אראפגעריסן די אלטקייט, די באלעבאטישקייט.

די עלצטע, די פרומסטע יידן: די בעסטע „ווי־לערנערס“ האבן געווארט אויף די צייט נאך דער ספירה צו באהעפטן זיך מיטן טייך, כדי צו קענען איידער ס'קומען אן די ימים־נוראים צו זינדיקן מיט גאטס־וועלטל.

מיר — איך און דער פריינט מיינער זיינען נאך דאמאלס קינדער געווען. פארטאג. האט מען געטריבן פון דער פארשטאט די סטאדעס איבערן שטעטל צו די פאשע־פעלדער.

דעם פאסטוכס הארן האט אונז פארטאג אויפגעוועקט. ארויסגעלאפן אין די העמדלעך פאר דער שטוב — האבן מיר אויפן וועג אין א שטויב־וואלקן. וואס די סטאדעס האבן אויפ־געהויבן געזען; די זון אויפגיין. איר פייערדיקע קויל האט זיך ממש געוואלגערט אונטער די בהמות קלאען און די פי, האבן מיט איר געשפילט — ווי קינדער שפילן מיט א באלעם — איינע צו דער צווייטער. אזוי אז וואס נענטער די סטאדעס זיינען צו דער גאס געקומען אלץ מער זיינען מיר איינגעטונקען געווארן אין דער זונס־ליכט.

די חמימה פון תמוז האבן די סטאדעס פארטאג אין שטאט אריינגעבראכט ווען זיי זיינען צו דער פאשע געגאנגען און פארנאכט — זי פארלאשן, ווען זיי האבן זיך מיטן ערשטן שטערן אויפן הימל צוריקגעקערט א היים.

און דא. ביי זיי, גיב א קוק!

ס׳איז צען אזייגער פארמיטאג. ס׳דייטשע דארף ליגט פאהעמערט אויף צען שלעסער. אירע איינוווינער זיינען אין פעלד. מ׳שניידט היי. מען פירט היי און מיר זעען עס נישט... דער עיקר. מען פילט עס נישט...

ארום די הייזער זייערע איז אזוי נישט אנגענעם אויסגע־קערט. אזוי כסדר יומטבדיק ווי מען וואלט צוזאמען מיטן שטויב אויך דאס לעבן פון דאנעט אוועקגעקערט. ווי דאס גאנצע דארף וואלט אין א וויטרינע געשטאנען — א מוסטער צו פאר־קויפן!

מיין פריינט רעדט מיט חוזק, מיט גאל און שנאה.

געדענקסט, די צייט ביי אונז אין דער היים? דאס קוואקן פון די זשאבעס אין די פארנאכטן? דאס הירזשן פון די גע־פענטעטע פערד אויף די לאנקעס? דאס קוואקן פון די הינער ארום די שייערן?

דער באלעבאעס פון מיין שטוב „דער דייטש מיינער" טרייבט נישט זיין סטאדע אויף די פעלדער ארוים פונקט ווי קיינער אין דארף טוט עס נישט

— „ס׳לוינט נישט" זאגט ער „צופיל גראז ווערט צעטרעטן" און אויף דער וואנט אין שטאל האט ער א גרייטע טאבעלע הענגען נאך מאבות־אבותיו. א שלחן ערוך פון אכזריות: דורכדעם. וואס די בהמות שטייען א גאנצן זומער אין שטאל דאט מען אן עודף פון גאנצע איינס און א האלבן פראצענט היי" און איבער

די וואנדערשיינע בייערישע־בערג הערט זיך נישט דאס שאלן פון פאסטוכס הארן. מען הערט נישט דאס קלינגען פון די גלעק־לעך אויף די שאפס העלזער. מען זעט נישט טרייבן די סטאדעס פון די בערג אראפ; אנצוטרינקען זיי אין די טייכן. דא אין בייערן דערציילט מען נישט די קינדער קיין מעשיות ווי אונזערע מאמעס האבן אונז דערציילט: „וועגן א פאסטוכל און זיין פאר־בלאנדזעט שעפעלע...״

מיין פריינט רעדט מיט חוזק, מיט שנאה און גאל;

— דערמאן זיך, געדענקסט אונזערע אמאליקע זומער־פארנאכטן? די געזאנגען פון דער יוגענט ביזן גראען פארטאג אריין? גע־דענקסט די ליבעס אין די סעדער? דא איז דער סאד א פאבריק פון עפל, בארנס. אדער פלוימען, וואס נאך זעקס א זייגער אוונט ווערט זי געשלאסן. אויפן העסלעכסטן אופן, האבן זיי די נאטור ראציאנאליזירט. מעכאניזירט!

מיין חברס רייד מאכן מיך אביסל מיד. דאך איז מיר ליב צו הערן די אמתן, וואס ער דעקט פאר מיר אויף. די אמתן — וואס איך האב כמעט נישט באמערקט:

— צען קילאמעטער פון אונזער דארף פליסט דער דאנאי. דער שענסטער טייך אין אייראפע. אין אונגארן טאנצט מען ארום אים אין די טויזנט־קאלירקסטע פאלקס־מלבושים. אין דער סלאוואקיי, זינגט מען וועגן אים די וואנדערלעכסטע פאלקס־לידער אין בייערן איז ער נישט מער ווי א גרוב ווו מען קען פיש כאפן.

די ווייסל איז געלעגן צען מאל אזוי ווייט פון אונזער שטעטל ווי דא דער דאנאי פון דארף און דאך. געדענקסט „די געשיכטע וועגן וואנדא״?, וועגן מלכה שבא, וואס אונזערע מא־מעס האבן אזש פון אופיר, דאס לאנד פון גאלד און איידל־שטיינער צו דער ווייסל געברענגט און געהייסן זי די מלכה שבא פארנארן מיט איר שיינקייט און רייץ נישט דערפארענע יונגע־מענער ווען זי קעמט אויף די כוואלעס פון דער ווייסל אירע שווארצע צעפ מיט א גאלדענעם קאם. געדענקסטו די שמחות פון די פויערים ביי די ברעגעס פון די פוילישע טייכן נאכן שניט?

מיין פריינט לאזט נישט נאך. זוכענדיק צו באנעמען די דייטשנס מידות זייער כאראקטער גייט ער ווי נאך פיס־טרייט:

צי האסטו שוין אין דארף דא אמאל באמערקט א בעט־לער, אן ארעמאן וואס זאל א נדבה בעטן? צו האסטו שוין געזען א האנט וואס זאל זיך דורך א פענצטער אויסשטרעקן און א הונגריקן א שטיקל ברויט דערלאנגען? און נישט ווייל ס'פעלט ארעמע צווישן זיי. ווייניק, וואלגערן זיי זיך ארום אין די שטעט אויף די ביידעם שטיבעלעך אין די קעלערן. נאר דער ארעמער ווייסט, אז דא ווו די שפייכלערס זיינען פול מיט ברויט, די שטאלן מיט מעלק־קי וועט מען זיין הונגער נישט זעט. זיין דורשט נישט לעשן. און אצינד מאל דיר אויס א יידיש שטעטל אן א חברה „הכנסת כלה" אן א „בקור חולים" אן הכנסת אורחים און אן אליהו הנביא, וואס ברענגט בסתר דעם ארימאן א אוצר און מאכט אים גליקלעך אויפן גאנצן לעבן.

ווען אין יאר 1945 האט מען די ברידער זייערע — דייטשן פון שלעזיען, בעטמען, דא אהער פארטריבן וויפל צוואנג האט מען באדארפט אנווענדן כדי די בייערן זאלן וועלן פאר זיי אפטרעטן פון זייערע צען און צוועלף צימערדיקע וווינונגען א ווינקל כאטש? און נאך היינט. ווען זיי ליגן ביי זיי פארווארפן אויף די ביידימער אין די קעלערס אין הונגער און נויט צי וועט אים דער ברודער זיינער דער „פאלקס־גענאסע" נישט אקעגן גיין מיט א ווידלע ווען דער „פרעמדער" וועט פרווון פון די הויפנס קארטאפל פון די גערטנער גרינס א מיירל אדער א קארטאפל צוגנבנען? און צי — האבן זיי ווייניקער פיינט זייערע „ברידער" ווי זיי האבן אונז פיינט? פאר דאס, ווייל, זיי האבן די העזה געהאט אין זייער „קדשי קדשים" ארייננצודרינגען — א פיצל פון זייערע היימען צונעמען.

איך האב געלאכט. עפיס קאמישעס איז געווען אין דעם אלעמען, איך האב אויך געלאכט פון א פרייד, וואס האט מיך אין דער מניט ארומגענומען. מיין פריינט אבער איז געווען אויפגערעגט. ער האט אין גאנצן געציטערט.

— אזוי זען זיי אויס דאס קלאסישע פאלק פון שנאה צו יענעם און — ליבע צו זיך!

* * *

די זון האט זיך געזעצט. דאס דארף, די הויפנס רויטע דעכער, די גערטנער אויף די שפועים פון די בערג הויבן זיך מיט בענקשאפט צום בלאען הימל, וואס פארציט זיך מיט א פינצטערניש ווי אין א רויך וואלט אים ווער איינגעהילט. דער

גלאנץ פון אספאלט אויפן וועג — פרירט אין דעמערונג.

מיר גייען א היים. מיין פריינט איז ווייזט זיך אוים מיד געווארן פון זיינע רייד, — שווייגט ער. אבער פלוצלים, ווען מיר ביידע זיינען אריין אין ערשטן דארפס־געסל האט ער אויפגעוואכט: — גיב א קוק! האט ער כמעט אויסגעשריגן.

איך בין שטיין געבליבן און כאטש. איך וווין שוין אין דארף א יאר צייט האב איך ערשט ווי אויפגעוועקט פון מיין פריינטס געשריי, דערזען דאס, וואס קיינמאל אויף אזעלכעס נישט געזען — עפים אמהיימלעכעס, עפים אויסטערלישעס!

הארט ביי די ווענט פון די כמעט נייע הייזלעך האבן געוואקסן עפל און בארן־ביימער. די שוין גענוג פולע צווייגן זייערע זיינען געווען צוגעשלאגן צו דער וואנט אזוי, אז אויסגעזען האט עס ווי מען וואלט א מענש אוועקגעשטעלט ביי א מויער און אים אויף איר געקרייציקט. מיר האבן געשפאנט צווישן צוויי רייעס געקרייציקטעביימער מיט אויפגעבראכענע צווייגן ווי גלידער פון א מענשן, ווי הענט און פוס צוגעשלאגן אויף א קרייץ. די ביימערס שפיצן האבן ווי קעפ איבער צעבלוטיקטע לייבער — פארחלשטע אראפ־עהאנגען אזוי אז עפים ווילדעס, אנהיימלעכעס, האט עס מיך דערמאנט און אין זכרון האט זיך אויפגעוועקט:

תליות, תליות.

דער חבר מיינער האט מיר אויסגעטייטשט:

— זיי גלייכן אוים די צווייגן, שלאגט זיי אויף די ווענט ארויף, אז מער זון זאל זיי באשיינען, די פירות, וואס די ביימער וועלן, פון זיך ווי אין יסורים אויסברעכן — זאלן זיסער זיין, זים פאר זייער גומען!

קיינמאל, וועלן פייגל אין די ביימערס צווייגן מער נישט זינגען, זייערע צווייגן וועלן זיך מער נישט איבער פלויטן שטרעקן, דער ווינט וועט זיך מער נישט שפילן צווישן זייערע בלעטער, האט דער חבר מיינער, כמעט, מיט א געוויין באדויערט „די געקרייציקטע ביימער".

* * *

איבערן דארף וואס איז שוין געשלאפן אין טיפן שלאף איז שנעל צוגעפאלן דער אוונט. איך און מיין פריינט, פרעמדע, נישט גערופענע וועכטער האבן געשפאנט אויפן שטיינערדיקן ברוק און שטיל, האט איינער צום צווייטן געמורמלט:

— ווי טרויריק א גאס! ווי טרויריק!

אין בייערן־לאנד, יוני 1947.

די פארזשאווערטע אייזערנע פויסט

(אויסצוגן פון אן אלטער כראניק)

אין יאר 1742 אין דער צייט פון דער עסטרייכיש פראנ־צויזישער מלחמה האט א קליינע פראנצויזישע מיליטער אפטיי־לונג פארנומען דעם שלאס־בארג אין אונזער דארף ק. נידער־בייערן.

באלד, נאכן באזעצן דעם בארג, האבן די פראנצויזן אפגעפייערט פון א קליין־קאלעבריקן ארמאט — א זאלפ איבערן דארף און די קויל. וואס איר וואג איז געווען 420 גראם געמאכט פון אייזן האט דורכגעלעכערט דעם דאך אויפן הויז פון דעם זייער געשעצטן בירגער פון דארף ק. — פראנץ ווירט.

דער דאזיקער בארבארישער טאט — צום גליק און יעזו צו דאנקן האט נישט געברענגט קיין מענטשלעכע קרבנות, בלויז דער דאך פון הויז איז געלעכערט געווארן און דאס צעגליטע שטיק אייזן פון דער קויל איז געבליבן שטעקן אין דער וואנט פון דער מויער.

באלד, נאך דעם ווי די פארפלוכטע פראנצויזן האבן פארלאזט דאס דארף. האבן זיך אויפגעהויבן די חשובסטע דארפס בירגער און זיינען ארויס באראויקן די אויפגעברויזטע פאלקס־געגנאסן. אויפן אנעפנטלעכן פלאץ האט דער דארפס־עלצטער זיגפריד לעמל גערעדט צו דער באפעלקערונג בזה הלשון:

— „געשעצטע בירגער! א נישט דערהערט פאברעכן פון באר־בארן איז איבער אונז באגאנגען געווארן. פראנצויזישע הארדעס, האבן אין מיטן העלן־טאג. באשאסן אונזער דארף און פאר־אורזאכט אונזער זייער געשעצטן בירגער פראנץ ווירט א שאדן פון אכט עסטרייכישע פלארינען *) זאל דער דאזיקער שענ־

---

*) א קליינע עסטרייכישע מטבעה

דלעכער טאַט קיינמאל דורכן בייערישן קעניג און זיין פאלק נישט פארגעסן ווערן..."

כדי, צו פאַראייביקן דעם דאַזיקן אומווירדיקן טאַט פון אונזערע שונאים האָב איך באַפוילן דעם געמיינדע סעקרעטאַר דעם גאָר געשעצטן האַנס מייערל צוזושטעלן נישט שפּעטער ווי ביז צען טעג אַ טעקסט פון אַן אָנדענק־טאַוול, וואָס זאָל קינדס־קינדער דערציילן ווער און וואָס ס'זיינען די פראַנצויזן. דער דאָזיקער טאַוול און די אויסגעשאָסענע קויל זאָל אַריינגעמויערט ווערן איבערן הויפּט איינגאַנג צום הויז פון אונזער געשעצטן בירגער פראַנץ ווירט.

אין צענטן טאָג האָט דער געמיינדע סעקרעטאַר צו־געשטעלט אַ טעקסט. אַ געלערנטער שטיין־קריצער האָט אין גראַניט אויסגעהאַקט:

„אין יאָר 1742 לויט די קריסטלעכע צייט־רעכנונג אין דער צייט פון קריג צווישן עסטרייך און פראַנקרייך, האָבן פראַנצויזישע האַרדעס געשאָסן פון שלאָסבאַרג און געטראָפן האָט די אייזערנע קויל אין דעם הויז"

זומטיק נאָכן געשעאייניש איז ביי אונז אין קלויסטער פאָרגעקומען אַ פייערלעכע מעססע. אַלע בירגער, האָבי הייס געבעטן די הייליקע עליזאַבעט, די באַשיצערן פון דער פאַראַ־פיע: זי זאָל זיך באַמיען אין די הימלן: אַז דער הער גאָט זאָל פאַרניכטן די פאַרפלוכטע פראַנצויזן.

דערנאָך, האָט דער פאַרער מאַטעאָוס לידל געהאַלטן אַ פּרעדיקט. און פון אַן אַלטן משפחה דאָקומענט פון דער פאַ־מיליע ווירט וועמענס הויז ס איז באַשעדיקט געוואָרן אַרויסגעלייענט דעם יחוס פון דער פאַמיליע:

„אין 11־טן יאָרהונדערט האָבן דעם הער ווירטס עלטער זיידעס, רימער און קריגער געשמידטע און שטאָל, געקעמפט אין די פלינקע רייען פון די הייליקע קרייצזוגלער און צוגעהאָלפן פאַרניכטן די אומגלויביקע יידן. אין דעם יאָר 1335 ווען פון הימל האָט מען מגלה געווען אונזער פאַלק:

„זיינט אייך נוקם אין די נישט גלויביקע!" האָבן זיינע אורעלטערן אנגעשלאָסן זיך אין די „אַרמלעדער" כדי אַ תל צו

מאכן פון די יידן אין עלזאס, שוואבן און שפעטער אין דענג־דארף.

נאך די רעדע פון גייסטליכן לידל האט א גרויסע פראַ־צעסיע פון גלויביקע, וואס האבן געטראגן הייליקע קירך־פענער אוועקגעטראגן דעם אנדענק שטיין און די אייזערנע קויל באַ־שפריצטע מיטן הייליקן וואסער צום הויז פון אלט־איינגעזע־סענעם פראנץ ווירט. דארט זיינען זיי געווארן איינגעמוירט איבער דער איינגאנגס טיר. צווערשט, די אייזערנע קויל און אונטער א ר—דער אנדענקס־טאוול ווו זיי געפונען זיך: עד היום.

די פאמיליע ווירט איז ביי אונז די אמעלצטן איינגעזע־סענע משפחה. די צווייגן אירע זיינען צעשפרייט איבער אונזער אלטן דארף. כמעט א יעדער צווייטער בירגער טראגט אין זיך דאס בלוט פון די ווירטס, באַרימטע מעצקערס און גאסטוויר־טשאפט אייגנטימער.

די שטריכן צו באקענען זייער אפשטאם און כאראקטער זיינען: הויכע שיינע בלאנדע מענער, בראַווע קריגערס און גוטע פאטריאטן. זייט דעם פאַל, ווען די פראנצויזן האבן פאר־לעצט דאס הויז פון זייער זיידן: ווייסן זיי נישט קיין רחמנות אין קאמף מיטן שונא פון דייטשנטום. אומעטום, ווו זייערע פיס באטרעטן דעם שונאס ערד זייען זיי פארניכטונג און פאר־שפרייטן פייער — ברענגענדיק, רום דעם פאטערלאנד און אייביקן לויב דעם אורפאטער פון זייער אפשטאם.

א יעדער מאן פון זיי איידער ער גייט אין מלחמה קניט אנידער פאר דעם געדענק־טאוול ביים עלטער־זיידנס הויז און מאכנדיק זיין האנט צו א פויסט אזוי ווי ס׳זעט אוים די איי־זערנע איינגעמויערטע קויל, שווערט ער: געטריי צו בלייבן די אלטע טראדיציעס פון זיינע זיידעס. פארדאס, איז קיין וווּנדער נישט, וואס ביי אונז אין קלויסטער זיינען די פאמיליען נעמען. ווירט, אמייסטנס פארטרעטן אונטער הייליקן אנדענקס טאוול „אונזערע העלדן" און די פרומסטע ווייבער לייגן בלומען אויף די קרייצן, וואס זיינען פאר זיי דארט אוועקגעשטעלט.

* * *

איך בין אוועק צום הויז ווו ס'געפינט זיך דער אנדענק־מאוול און די איינגעמויערטע קויל. וואס זעט אוים ווי א פאר־זשאווערטע געביילטע פויסט, וואס דרויעט דער וועלט מיט פארניכטונג.

אין דער טיר פון הויז האב איך געטראפן אן אלטע פרוי. זי האט מיר דערציילט, אז דעם מאן האט זי פארלוירן אין דער מלחמה פון די יארן 1914־1918. אין דער מלחמה 1939־1945 האט זי פארלוירן צוויי זין. און ווער ווייס אויף וועלכע שלאכט־פעלדער, האב איך געטראכט, זי וועט פארלירן אירע אייניקלעך, אויב די וועלט וועט זיך נישט איילן צו באצאלן איר די אכט פלארינען, וואס איר אורזיידע האט הזיק געהאט. אדער מען וועט נישט חרוב מאכן דאס הויז צוזאמען מיט דער פארזשא־ווערטער ערטעאייזערנער פויסט.

דער מאן מיטן הונט

דער מאן מיטן הונט איז א שיינער הויכער מאנסביל. ווען ער שפאנט אויפן דארפס־וועג און רייבערט זיין קורצע לולקע, וואס ער האלט צווישן די ציין זעט ער אויס ווי אן ענגלענדער ער איז אבער א דייטש. וואס וווינט אין א דארף אין ביירישן־וואלד.

דער מאן מיטן הונט זעט אויס צו זיין אן איינזאמער מענש, ווייל תמיד טרעף איך אים שפאצירן אליין ווייט פון דארף. פאר אים לויפן א צען ווייסע־שעפסן און א גרויסער בישט געגנוג שיינער וואלף־הונט טרייבט זיי אונטער.

דער מאן׳ מיטן הונט איז נישט קיין פאסטוך. א מענש מיט אזא גאנג, מיט אזא ׳ פיין געשניצט־מענעריש־פנים און אזעלכע טיפע גרויע אויגן, מיט אזא גראציע אין טריט איז נישט צוגעפאסט צו אזא פראפעסיע. דאס איז מיר קלאר געווארן, ווען איך האב אים צום ערשטן מאל דערזען.

ווען דער מאן מיטן הונט גייט אויפן לאנד־וועג און ארום אים לויפן די שאף און דער הונט זיינער פליט צו אים אראפ פון אקעגנאיבערדיקן בארג — גלייכט ער זיך אויס און פארוואַרפט דעם קאפ עפּיס אזוי, ווי אן אפיציר, ווען ער שפאנט פאר די זעלנער זיינע און ערשט דאמאלס, דערקענט מען; אז דער גאנג זיינער, דאס לויפן פון די שאף איז זיין פאס׳ע, אז דאס וויל ער אויסשפּיקן א ליידנשאפט פון וועלכער ער האט זיך געמוזט אפזאגן. ווער ווייס איבער וועלכער סיבה...

איך האב מיך אנגעהויבן נענטער צו אים צוקוקן.

צעערשט, האב איך באמערקט, אז דאמאלס. ווען דער הונט זיינער טרייבט צענויף די שאף גייט אויפן מאנס פנים א דין שמייכעלע אויף.

דאס שמייכעלע צעגיסט זיך אים צוערשט אויף זיינע גאנץ דינע ליפן און וואס מער די ווילד געווארנע חיה בייכט זיך איין מיט א רעווע און די לעמערס לייב — אלץ ברייטער ווערט דאס שמייכעלע אויף זיין פנים און דאמאלס, גלימשט עס זיך אים צו דער נאז ארויף אזוי, אז פון פרייד פארשארצט זי זיך אזש.

א צווייט מאל האב איך געזעז:

דער הונט האט די שאף אראפגעטריבן פון וועג אויפן פעלד ארויף. איך האב מיך פון דארט געפונע אויף א קליינעם מרחק און צו מיר האט קלאר דערגרייכט דאס ביטערע געוויין פון די לעמער, וואס זיינען אנאויפהער פארפאלגט געווארן פון דעם הונטס יאגן און בייסן.

ער אליין, אנגעטוען אין קורצע בייערישע לעדער הייזלעך מיט נאקעטע פיס איז געשטאנען אויפן וועג די הענט אונטער־געלעגט אויף די זייטן, האט ער נישט אויפגעהערט פייפן און שרייען צום כלב:

— רעקס! רעקס!

דאס האט ער אזוי ארויסגעגעבן באפעלן דעם הונט.

פלוצלים האט זיך דער מאן ארים געטאן פון ארט און אנגעהויבן לויפן. מיט איין שפרייז איז ער אריבערגעשפרינגען דעם טיפן ריוו. ארויפגעדראפעט זיך אויפן נישט הויכן בערגעל, כדי שטיין צו בלייבן ביי זיין סטאדע.

די שאף, וואס האבן פריער געפרוווט אנטלויפן פארן הונטס פארפאלגונגען, דערפילנדיק זייער באלעבאעס לעבן זיך זיינען פארגליווערט געווארן. איך האב געזען, ווי זיי לאזן אראפ די עקן, ציען איין טיפער די קעפ אין די ווייסע געדעכטקייט פון זייער וואל און אונטערווילעכץ — האבן זיי זיך צוגעשארט איינע צו דער צווייטער.

ס'איז געווארן פארנאכט. די זון קיילעך איז ווי א גרויסער פייערדיקע בלום אויפגעוואקסן אויפן פעלד אזוי נאנט איז זי די זון שוין געווען צו דער ערד. און ווי תמיד אין די מנוטן האט זיך א געטלעכע־שטילקייט אויפן ארום צעלייקט. אזוי, אז דעם מאנס געשרייען האבן זיך אין דער שטילקייט געהערט; בולטער, העכער, גרויזאמער. וואס דאס האט געמאכט: אז ביי א יעדן געשריי, זיינען די שאף געווארן: נידריקער, נעבעכדיקער. דאס האט דער מאן זיי אזוי באצווינגען מיטן בלויזן בליק זיינעם מיט דער „פייטש". וואס האט געצטערט אין זיין האנט. און ער האט געשפאנט ארום זיי ווי ער וואלט געשפאנט לענג אוים מענטשן רייען און דער הונט — ווייזט זיך אוים אויך ווי די שאף אדערשראקענער, האט אראפגעלאזט דעם ווי דל. דעם פיסק, און זיך געוויקלט ארום זיין באלעבאעס פיס און קיין ארט זיך נישט געקענט געפינען.

דערנאך. האט דער מאן פארלייגט זיינע הענט פון הונטן און מיט געציילטע־שטייפע שריט געשפאנט ווי און די קאצעט ציימן האבן עס געטאן ס. ס.־מענער:

— ארויף, אראפ!

א יעדער טריט — א שמיץ מיט דער „פיימש". א יעדער טריט ווי ער וואלט מיטן קנאפל זיינעם וועמען אויפן הארץ ארויפגע־טרויטן ווי די ערד וואלט אונטער אים זיך געשפאלטן. די זון האט זיך ביי זיינע פיס געוואלגערט. די גראזן און די ביימער און דער גאנצער וועלט־באשטאנט האט אן איינגעהאלטענע מורא ארומגענומען.

— ארויף! אראפ!

דאס האט דער מאן אזוי געשפאנט ווי א ס. ס.־מאן. וואס גייט און ציילט זיינע קרבנות פארן פירן זיי צום טויט. א יעדער שפאן — א מענטש, איעדער שפאן — א לעבן. וואס ער ציילט דעם מלאך־המות אין דער האנט אריין: און ווי ער וואלט אים געזאגט: „אט האסטו, איך שנייד אונטער לעבנס פאר דיר. ארעמער, אנבאהאלפענער, נעבעכדיקער, מלאך המות!"

איך האב פון דער ווייטנס געהערט ווי דער מאן האט זיך אפגעשטעלט. (יא. הערן האט מען עס געמוזט כדי, עס צו דערפילן און זען) ער האט צו די שאף אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנט און באפוילן: „א י ב ע ר ש ט ע ל ן ז י ך"!. די שאף, האבן און דער טיפסטער שטילקייט איבערגעשטעלט זיך. ווען דאס איז געשען האט ער אנגעהויבן שיטן אויף זיי שפאט־רייד, קללות און חוזק און זיך טריקן זיגעריש צעלאכט.

פלוצלים, האט דער מאן א הויב אויף געטאן די האנט, וואס ער האט געהאלטן אויסגעשטרעקט. אויפגעהויבן זי אזוי, ווי צו א שבועה און ווען אין דער זעלבער מנוט האבן אים די לעצטע זון שטראלן באגאסן מיט זייער ליכט האט זיך מיר גע־דאכט: אז ער איז פארגליווערט געווארן אין זיין גאנצער הויכקייט, מאסיווקייט און אט שטייט פאר מיר א מאנומענט פון שטאל געגאסן אדער, פון שטיין געהאקט. א מאנומענט, פון א רוצח, וואס נאך איז זיין האנט אויפגעהויבן איבערן ערד־קיילעך. און נאך איז זיין ס סישע פיימש נישט געגוג אויסגעצוואגן אין מענטשן־בלוט און א דורשטיקע, א לעכצנדיקע נאך נייע לעבנס רעוועט זי, קנאלט זי.

קנאל, קנאל!

ער דער רוצח דרויעט נישט בלויז די וועלט נאר אויך צו די הימלען און צו כביכול איז זיין ארעם אויסגעשטרעקט.

האנס הונטמייער

האנס הונטמייער איז נישט שולדיק אין די יידן שחיטות. האנס הונטמייער איז א גוט דערצויגענער, א פיין פילעגדיקער, פרומער דייטש. פארדאס, איז האנס הונטמייער געווארן מיין פריינט.

אזוי האב איך געטראכט נאך א קורצער צייט ווי איך האב אים דערקענט. זיין שטילקייט, זיין לייטיש באנעמען זיך מיט מענשן. זיין באלדיק רעאגירן, ווען ער האט געהערט דערציילן פון שוידערלעכקייטן איבער יידן האט מיך אין דעם איבערצייגט און איבערצייגט האט מיך אויך — זיין שנאה צו היטלערן און יענעמס לייט, וואס האנס האט אויף טריט און שריט צו זיי ארויסגעוויזן.

אין דער גאנצער צייט פון דער מלחמה איז הונטמייער לויט זיינע דערציילונגען געווען אן אפיציר פון דער רייכסווער. נישט קיין פראפעסיאנאליסט חלילה, נישט קיין „שטיוול" ווי מען רופט אפיצירן. וואס האבן ליב אן אוניפארם און פיסטאלעט. געווען איז ער פאר דער מלחמה אין א דייטשער פראווינץ שטאט א געהילפס טעכניק אין ארטיקן מאגיסטראט. ערשט אין קריג האט היטלער און זיין כנופיה, „אן זיין ווילן" אים געמאכט פאר אן אפיציר. היינט איז ער א קראנקער, צעבראכענער, ארעמער מענש. אן אנטוישטער אין דער גאנצער וועלט, אן אפגענארטער און לויט דעם הילוך און אויסזעען — וואלט אים געפאסט: צו זיין לעבן א באן סטאנציע א פאפיראסן אפפאל קלויבער. נישט מער!

דערקענט האבן מיר זיך ביי אויסטערלישע אומשטענדן. אומשטענדן, וואס זיינען אזוי אייגן פאר א ייד א קאצעטלער און פאר אן אפגעקלאפטער אפיצערישע הושענה ווי עס איז האנס הונטמייער. געשען איז עס אזוי:

א קעגן איבער מיין שטוב. צו דער זון שטייט א הויכע געלע וואנט פון א מויער, די זון באשיינט זי מיט דער גאנצער מילדקייט אירער, וואס זי פארמאגט. קיין ווינטל קומט דארט נישט צו און ווו איז נאך אזוי גוט צו זיצן ווי אויף די שטיינער וואס ליגן דארט און אויסווארעמען די אייגענע פוסט און פאסקייט? דארט טאקע, אונטער דער וואנט — האב איך אים דערקענט,

די וואנט רופט מען אין דער גאס ווו איך ווין „די אונטערשטע וואנט פון דער וועלט". דעם שיינעם צונאמען האט זי באקומען דערפאר, ווייל צו איר קומען געניסן פון דער זון מענשן עלטערע, צעבראכענע, וואס האבן

מיט זיך מער גאר נישט וואס צו טאן און גאר נישט מער דערוואַרטן זיי פון לעבן א חוץ א ביסל ווארעמקייט, וואס די דאזיקע מויער קאן זיי געבן.

אין די ערשטע טעג ווען איך האב אים דארט באמערקט זיצן נישט ווייט פון מיר אויף א שטיין, האבן מיר צו זיך גאר נישט גערעדט. כאטש, פון ערשטן אויגנבליק האט דער מענש מיך אינטערעסירט און ווייזט זיך אויס, אז אויך איך האב זיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגן. אזוי האב איך באמערקט, אז זייער אפט ווען מיר זיינען געזעסן אוועקגעלייגט אונזערע הענט אויף די קניען ווי עס טוען עס קראנקע, וואס געבן זיך אין גאנצן איבער דער זון, האט ער, ווי פארשעמט צו מיר צוגעווארפן בליקן פיל נייגער. דאך, האט דער תהום פון שנאה, וואס מיר פילן צו דייטשן מיר נישט דערלויבט דערנענטערן זיך צו דעם דאזיקן מענשן.

ביז אמאל, אומגעריכט האט דער פרעמדער זיך צו מיר געווענדעט:

— א קאצעטלער?

— א קאצעטלער, האב איך באשטעטיקט.

איך קאן נישט זאגן, אז געווען איז עס א קרעכץ, ווען ער האט מיין ענטפער געהערט. נאר מער ווי א זיפץ פון מיטלייד, וואס דאס ווארט ברענגט מיט זיך האט ער יא געטאן און ווי ברייט און גרויס זיין פנים איז געווען, ווי שארף זיינע ברילן־גלעזער אפילו מיט זיין לאנגער האקן־נאז האט ער מיר שטים אויסגעדריקט אזויפיל מיטלייד וויפל נאר א מענש קאן פון זיך ארויסגעבן.

דאמאלס האב איך אים א פרעג געטאן.

— און זי?

— איך? יא איך. איך וואר רייכסווער אפיצער, מיין הער!

האנס איז א הויכער, א דארער, אונטער דער נאז זיינער טראגט ער א קורץ צוגעשוירן ברוין וואנצעלע, וואס ליגט צוגעפרעסט איבער זיין מויל ווי א ביסל טיטון ליגט צוגעפרעסט אין א ביכל. דאמאלס, ווען איך האב מיך מיט אים צום ערשטן מאל געטראפן האט ער געטראגן א גענוג אפגעטראגענעם שווארצן אנצוג, וואס איז געניית האלב ווי אן אוניפארם און האלב ציוויל. אויף די קלאפעס האט ער געהאט ארויפגעזעצט דעמבאווע בלעטלעך פון גרינעם שטאף. אויפן קאפ, ווי א טשייניק שטערצל האט ער געטראגן א יעגער־קאפעלוש מיט א חזיר־בערשטעלע אריינגעשטעקט אין דער באנד: אזוי, אז באהאנגען איז ער געווען מיט דער גאנצער אפגעלאקעוועטער ביליקייט און גלימער — טרעלוזאלעך און מעדיאלאנען, ווי עס פאסט פאר אן אמתן בייער.

פארשטייט זיך, אז דער אנהויב פון די געשפרעכן צווישן אונז איז געווען אונזער גרויס אומגליק. ווייל ווי אנדערש קאן מען אנהויבן רעדן מיט

א דייטשל וועט נישט וועגן דעם, וואס זיי האבן מיט אונז געטאן. ער האט געשוויגן און געשוויגן. בלויז זיין לאנג דאר פנים איז פון מינוט צו מינוט בלייכער געווארן און טרויעריקער. זיין בליק — דער בליק פון א לאם אין גלאנץ פון שוחטס חלף און ווען איך בין צוגעקומען צו דער פרשה פון דערציילן ווי אזוי מען האט קינדער געשאכטן: דאמאלס איז ער ווי אן אנ־געבריטער אויפגעשפרונגען. פארהילט דאס פנים זיינס מיט די הענט און מיט דער גרעסטער ווייטיק האט ער אנגעהויבן קרעכצן:

— און קינדער אויך. אך ווי שרעקלעך. הייליקע מוטער ווי שרעקלעך!

און דערנאך אין גאנצן באגאסן מיט שאנד איז דער קאפ זיינער אונ־באוועגלעך אים געבליבן הענגען אויף דער ברוסט.

א לאנגע צייט האט אזוי געדויערט די פארגליווערטקייט צווישן אונז ביז — ווי ער וואלט געוואלט דעם קאשמאר פון זיך אראפווארפן האט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— נו יא, פריינט מיינער. ווער האט עס געזאלט וויסן ווער? איך בין איבער דער גאנצער צייט פון דער מלחמה פארווארפן געווען אין א ווייט סערביש דארף. אין א ארטשאפט אן א באן און אן א טעלעגראף אפילו אן א ראדיא בין איך דארט — אין די וויסטע בערג געווען. קעל?*)

— קעל! האב איך באשטעטיקט.

צומארגנס ווען מיר האבן זיך ווידער אונטער דער וואנט באגעגנט האט ער מיר מער ווי פריינטלעך געדרוקט די האנט.

— פארשטייט דער הער, די געשיכטן זיינע, זיינען א זעלכע אנהיים־לעכע, אז א גאנצע נאכט גלויבן זי מיר האב איך שלאפן נישט געקענט, א גאנצע נאכט.

איך האב אים ווידער דערציילט און ווידער — האט ער בא־דויערט און ווידער — האט ער דעם קאפ זיינעם פון שאנד אויף דער ברוסט געלאזט פאלן. מיר האט א הנאה געטאן, ענדלעך, האב איך געטראפן א דייטש, וואס לאזט זיך אריינזאגן! א דייטש, וואס שפירט נישט מיט שנאה אויף מיר, פארקערט. ער האט אויפגעשטעלט מויל און אויערן מיט אזא ניי־גער מיט אזא פארוווּנדערונג ווי א מענש, וואס קאן נישט באנעמען דעם גאנצן גרויל פון דעם שרעקלעך געשעענעם. און ער האט נישט אויפגעהערט איבערחזרן:

— ווי אזוי, ווי אזוי, האבן זיי עס געקענט: פון מענשן־פעטס — זייף מאכן. פון פרויען־האר — מאטראצן. א. יעזו איינציקער!

און ווי וועלענדיק כאטש מיט עפים מיר פארגעלטן האט מיר האנס אנגעבאטן זיין טאבאק. דאס טייערסטע, וואס ער האט פארמאגט. און דער־לאנגענדיק דאס בלעכענע פושקעלע וואס איז געלעגן אין א לעדער זעקל

*) קעל — יא.

מיט א רימן ארומגעבונדן האט ער צו מיר געזאגט: — פאַרוויכער מיין פריינט!

אין די דריי ווערטער דאכט זיך איז געלעגן אלץ. ער האט מיר זיין הארץ געשענקט...

נאך א צייט איז האנס מיינער, געווארן דער גרעסטער בקי אין „אק־ציעס" „אויסזידלונגען" „טויטמילן" „הענגען ביי די פיס" מיט דער גאנצער דייטשער גרינטלעכקייט האט ער דערלערנט „דאס גאנצע פאך" און כאטש, דורך דעם אלעמען האט ער א סך געליטן און זיין אויסגעמאגערט פנים איז געווארן נאך מאגערער און לענגער — האט ער דאך נישט אויפגעהערט טראכטן „וועגן דעם אלעמען". ווי ער האט געזאגט „טאג און נאכט". א בי־טערער שונא איז ער געווארן זיינע פאלקס־גענאסן — די דייטשן. און טאג איין טאג אוים האט ער זיי אין מיינע אויגן נ,שט אויפגעהערט פאר׳מיאוס׳ן און מסרן.

— א, פריינט מיינער! ביזט דיך אין גאנצן טועה אויב די מיינסט, אז אונזערע האבן עפעס פון דעם אלעמען געלערנט. דו קענסט נישט אט דאס גאנצע רויבער געזינדל. האט ער מיט דער האנט זיינער געוויזן צו דער גאס ווו ס׳זווינען דייטשן.

איך האב געשוויגן. מיר איז געווארן פריקרע צו הערן פון א דייטש אזוי רעדן וועגן דייטשן, כאטש פון דער צווייטער זייט האט מיר אהנאה געטאן, ווען איך האב געהערט וועגן זייער געפאלנקייט דוקא פון א דייטשס מויל.

אזוי זיינען א סך טעג אוועק. צו דער שיין פון דער בייערישער זון האבן מיר נישט אויפגעהערט מיט ווערטער, אפצורעכנען זיך מיט מיינע שונאים, וואס זיינען אויך געווארן די שונאים פון מיין פריינט האנס הונטמייער.

אבער פלוצלים, איז מיט האנסן מיינעם געשען אן אויסערגעוויינלעך געשעעניש. לויט ווי דאס האט אויף אים געווירקט, לויט ווי ער איז פון דעם טאג געווארן אן אנדערער קען נאר אזעלכעם געשען איינמאל אין לעבן פון א מענטשן...

די אלטע מוטער זיינע ביי וועלכע האנס האט זיך אויפגעהאלטן האט פון אירס א ברודער א בייערישן „באוער" באקומען א מתנה כדי איר לייכ־טער צו מאכן דאס לעבן — א ציג. אמת, אז אין ערשטן אויגנבליק, קען עס אויסזען קאמיש. אבער גענוג געווען צו זען די פרייד מיט וועלכן האנס האט מיר דאס נייעס געברענגט כדי זיך איבערצוציינן, וואס דאס האט פאר אים באדייט. אלץ, וואס האט אויף דער וועלט פאסירט און פאסירט ווייטער איז ביי אים אוועק אין א טיפער פינצטערניש. פון גאר נישט מער האט ער

געקענט רעד: און וויסן, מיט גאר נישט זיך מער פרייען ווי נאר — מיט דער דארער געלער ציג, וואס האט געמעקעט ביי די מוטער זיינער און קעמערל. זעלטענער האט ער זיך שוין באוויזן אונטער דער „זון־וואנט" און האט ער זיך שוין יא דארט באוויזן, איז עס געווען צווישן איין און צווייטן ציגישן מאלצייט. ווען איך האב אים געטראפן האט ער מיט א בלייער אין דער האנט מיר געוויזן פארשריבן א גאנצן טאוול, ווי אין א שפיטאל איבערן קאפ פון א קראנקן — די וואג פון שפייז וואס די ציג זיינע פארצערט, די וואג פון דער ציג און דאס, וואס זי נעמט אויף זיך פלייש א יעדן דריטן טאג. ער האט איבערחשבנט איר מילך. וויפל פראצענט פעטס זי האט אין זיך און אין גאנצן אן אויפגעלעבטער האט ער וואס אפטער צווישן איין חשבון און צווייטן ארויסגענומען זיין לעצט ביסל טאבאק און פון צעטראגנקייט פארגעסן מיר, זיין „בעסטן פריינט" אנצובוטן א פאפיעראס. צום וויפילטן מאל האט ער מיר איבערחזרט:

— פארשטייסט א געלע איז זי, א געלע, פון מיטלאייראפעאישע ציגן־ראסע, פארשטייסט מיין פריינט?

— קעל, האב איך געענטפערט.

— ביי געהעריקע אויסנוצונג פון איר פרוכטבארקייט קען מען נאך דריי יאר. האט ער האנט געקוקט אין פאפירל אריין ווו ער האט אלץ גע־האט געהעריק פארשריבן. קען מען — אפשפארן פון דער וואל, מילך און ציגן: געגנוג געלט אויף צו קויפן א יונגע קו און דאמאלס מיין פריינט, הויבט זיך אן א נייע ערא אין מיין לעבן. ער האט זיך א מינוט פארטראכט א פערציג געטאן זיין האקן־נאז:

— אט זעסט דאס הויז מיינס. הא א שיין הויז? א הויז מיט כמעט א נייעם קעלער און מוזט וויסן, אז די מוטער מיינע איז שוין זייער אן אלטע פרוי און איך בין דער איינציקער יורש. האט זיך האנס הילכיק צעלאכט.

מיר איז א צוטער א דורך מיין לייב. אין דער מינוט איז אין מיר אויפגעגאנגען דאס הייליקע געשטאלט פון מיין פארברענטער מאמען. מיין שוועסטער האב איך דערזען, וואס כאטש זי האט זיך געקענט ראטעווען איז זי א פרייוויליקע מיט מיין מוטער געגאנגען אין אויוון — פארברענט צו ווערן. און אט זע איך אים „מיין פריינט", וואס האט געוואלט צו מיין איינזאקייט זיין א שותף — נישט אויפהערנדיק מיר צו זאגן.

— ביידע זיינען מיר, דאך אזוי איינזאם!

ער, וואס האט א מאמע און א היים און אט וויל ער, זי, די מוטער זיינע איבער דער ציג פון דער וועלט אוועקשיקן. דאך איז האנס ווייטער „מיינער" געווען. אמת, אז זייט די מוטער זיינע האט באקומען די

צינ האט זיך לייכט עפעס געענדערט אין טאן פון זיין ריידן. ער איז שוין מער נישט אזוי זשעדנע געווען מיט א שנארער שע אונטערטעניקייט נאך א א שטיקל ברויט ווען איך האב מיך מיט אים מיין מאלצייט, געטיילט. עפעס שטייפער איז ער געווארן אין זיין האלטונג און פלוצלים, ווען איך האב אים ביי א געלעגנהייט דערציילט וועגן א יידיש יינגל, וואס האט אין קאצעט באקומען פון די דייטשן הונדערט שטעקנס אויפן נאקעט, לייב און דערנאך גלייך, א פארבלוטיקטער געמוזט זיך אומקערן צו דער שווערער שקלאפן־ארבעט איז ער האנס געווארן אזוי אויפגעבראכט, אז דאס ערשטע מאל האב איך ביי אים אזעלכעס געזען:

— עפעס גלויבט זיך מיר נישט די געשיכטע מיט דעם יינגל. ניין ס׳איז נישט מעגלעך! האט ער אזש צו מיר א פויסט געמאכט! א דייטש וועט אזעלכעס נישט טאן. איך האב אויפגעריסן די אויגן: פון אים, פון האנסן אזעלכעס צו הערן?

— סטיימש? האב איך געפרעגט, צו זיינען דיר נישט באקאנט נאך גרויזאמע־רע טאטן זייערע?

— נו יא, האט ער זיך גלייך צוריקגעצויגן דאס יא, האט ער מיר גאנץ קאלט געענטפערט. אבער פארשטיי — נאו׳ „דום קעפ“ קענען אזעלכעס טאן א א קראנקן צו שיקן ארבעטן, וויל וואס קען א מענטש אין אזא צושטאנד לייסטן? צי וואלט נישט בעסער געווען, ווען „דער קערל“ רום א צווי טעג און ערשט דאמאלס פון אים עפים רעכטס פארלאנגען. קעל?

איך האב אויף „מיין פריינט“ א קוק געטאן און געענטפערט: קעל.

פארשטייט זיך, אז אין דער דאזיקער מינוט האט זיך אונזער פריינט־שאפט געענדיקט. ווידער בין איך געבליבן א ייד און ער — א דייטש. מער איז ער אויך צו דער וואנט נישט געקומען: איבערלאזונדיק ווייזט זיך אויס פאר מיר דעם גאנצן געגנום פון דער ווינטער זון. פון צייט צו צייט האב איך אים געטראפן אין גאס. דער גאנג זיינער איז געווארן שטייפער. דער אויס־דרוק פון פנים אן ערנסטער און באטש: געטראגן האט ער דעם זעלבן אנצוג, איז אויך ער אויף אים אצינד געלעגן בעסער, צוגעפרעסטער. ער איז שוין געגאנגען אונטערגעלעגנט אויף א סוקעוואטן שטעקן מיט א הירשן הערנדל.

איינמאל איז האנס צו מיר צוגעגאנגען אין גאס אן אויפגערעגטער. דאס מויל זיינס האט דאמאלס פון כעס קיין ליפן נישט געהאט אזוי דין און פארביסן זיינען זיי געווארן:

— האסט געהערט? ביער גייט מען פארביטן, צי ווייניק גערשטן זאגן זיי איז פארהאנען. א, מיט אזעלכע מיטלען וועט מען פון אונז קיין דעמא־קראטן נישט מאכן! האט ער א זאג געטאן און איז פון מיר אוועקגעגאנגען.

דאס איז געווען מיין לעצטער „אינצידענט“ מיט אים און איך וואלט אים אוודאי שנעל פארגעסן ווען נישט דאס. וואס צו מיר איז דערגעגאנגען אז האנס ליגט קראנק. וואס האט דערפירט אז איך זאל דעם דייטש באזוכן ווייס איך נישט, נאר נאך אין זעלבן טאג בין איך אוועק צום הויז ווו ער האט געוווינט. אין א טונקעלן, פינסטערן קארידאר מיט א נאסן אויסגעוואשענעם דיל ווי א טהרה ברעט האב איך געזוכט א טיר. איך האב זי געפונט. אין בעט האב איך דערזען האנסן. ער איז געלעגן א לאנג שוין נישט ראזירטער, און אנגעטוענער אין א שפּענצער געמאכט פון א טלית. הונטמייער דערזעענדיק מיך האט אין איין אײלעניש, נישט האבנדיק מער קיין צייט זיך באהאלטן אונטער דער קאלדרע, האט ער געפּרוווט מיט די הענט זיינע צו פארדעקן די שווארצע טלית־פּאסן.

איך האב געפּרוווט עפּיס זאגן, שרייען, אבער דער אטעם מיינער, די אויגן מיינע זיינען פארגליווערט געווארן. מיט אן אפּן פארשטארט מויל, מיט א פארקילט געשריי אויף די ליפּן האב איך אויף אים געקוקט. האנס האט עפּיס צו מיר גערעדט, דאכט זיך, אפילו געוויינט עפּעס ביי מיר געפּאדערט אדער געבעטן:

קעל ? האט ער אין מיר אריינגעשריגן אן אויפהער.

און איך האב געקרעכצט

א, האנס, א, הונטמייער !

ג ל ו י ב ן

דער הארבסט. וואס איז ערשט מיט א פאר טעג צוריק געהאנגען אויף די שפיץ בוימער אין די צווייגן, האט איבער נאכט אויסגעטאן זיין „שעם הימעל." און ווי מיט איין מאך מיט דער האנט נאקעט געמאכט דעם גארטן, די בוימער, וואס זיינען א גאנצן זומער געשטאנען ווי צוגויפגעוואקסן — א בוים צו א בוים: האבן זיך פלוצים ווי אפגעריקט איינער פון צווייטן און א שווערער ברוגז האט זיך איבערן גארטן צעלייגט נאך אזא גאלדענעם זומער פון בליען און רייף ווערן.

איז נישט קיין וואונדער. וואס דער גאנצער הויפן פון אומעט און פארביטערונג, מיין היימלאזיקייט און טרויער, וואס איז אין מיר באהאלטן געלעגן איז ארויסגעקראכן און דערקוטשעט מיך מער ווי אין אנדערע טעג.

איך בין באלד אין דער פרי אנטלאפן פון מיין שטיבל און שפאצירט אין גארטן. דער פארמיטיק איז געווען א נעפלדיקער. און די נעץ האט מיך ארומגענומען מיט א פוילקייט. וואס האט געמאכט געלעמט מיינע טריט און באוועגונגען.

און איך האב געבעטן: זאל זיך שוין ענדיקן די נעפלקייט. וואס הייסט טאג און קומען זאל די נאכט. וואס וועט מיך צוריק ברענגען אין מיין שטיבל צו „מיינע פריינט" די דויטשן ווו איך וווין.

דערווייל. איז ערשט געווען פארמיטיק. פון א שבתדיקן טאג, ווען עס דערמאנט זיך די יום טובדיקייט פון דערהיים. איך זע אין מיין דמיון. דעם טאטן מיינעם ווי ער זיצט ביים טיש פארן דאווענען און איז מעביר די סדרה. איך הער אין מיר דעם ניגון זיינעם. וואס שרויפט זיך ערגיץ אין מיר ארויף מיט ווייטיק. וואס א מאל העכער ווי געדרייטע טרעפ — דער „שלשלת". וואס דער טאטע מיינער האט מיט אזא זיסקייט אין איינאטעם אויסגעזינגען.

איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף א באנק. ארומגעוויקעלטער אין מיין דינעם פאלטא און מיך אונטערגעגעבן דעם ווינט און מיינע מחשבות, וואס האבן מיך נישט אויפגעהערט דערקוטשען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

באלד נאך דער באפרייונג בין איך דא אין שטאט געקומען. א חוץ א פאר הייזער לעבן דער באן־סטאציע איז די אלטע־דייטשע־שטאט געבליבן א גאנצע. די שטילע גאסן. די ווילעס. טיעף אין די גערטנער שטייען הייגט אזוי ווי זיי זיינען געשטאנען פאר דער מלחמה. די מענשן. וואס וווינען אין זיי פירן ווייטער א שטיל באלעבאטיש־לעבן, שלאפן ווייטער אין ווייסע בעט־געוואנטער, עסן צו דער מינוט און רגע זייער מיטיק. און זונטיק פארטאג גיט אנגעטאענע איילן זיי, ווען זיי דערהערן דאס קלויסטער געקלאנג „צום געבעט“ צום דאנקן זייער גאט פאר דער רו. וואס ער האט זיי געגעבן, פאר די היים און קינדער. וואס ער האט זיי באשערט.

און די מינוט וויל זיך אליין מיר נישט גלייבן. אז זיי, אט די אלטע און יונגע, זיי אלע. וואס טרעפן מיך אין גאס און מיט אזא לייטזעליקן שמייכעלע פיל מיט גענאד און אונטערטעניקייט באגריסן זיי מיך. אט די העפלעכע: זיינען עס געווען די, וואס האבן אונזערע מאמעס דערשטיקט אונזערע טאטעס דערשטאכן.

און דא איז הייגט ווידער אזוי שטיל און ווידער אזוי גוט און פרום און ווידער אזוי איידל, העפלעך און גלאטיק.

און ערשט נעכטן אין אוונט איז דער גארטן פול געווען מיט „פריי־לעכע“ דייטשע מיידלעך יונגע און שיינע. אין גארטן האט מוזיק געשפילט און די מיידלעך זייערע מיט געשניצטע פנים׳לעך מיט פארחלומטע בלאע־אויגן האבן מתנות ווייז נאכגעיאגט די זעלנער. ווייל, זיי האבן אין די זעלנערס קעשע־נעס א שטיקל שאקאלאד דערפילט – האבן זיי געפינקעלט מיט זייערע אונטערגעמאלעוועטע אויגן און געשנירלט זייערע ליפלעך און די געטאקטע פיסלעך געהויבן און גרייט געווען צו טאנצן און גרייט געווען... פאר א שטיקל שאקאלאד. פאר א ציגארעטל מיטן נעכטיקן שונא, מיט זייער באזיגער ערניץ אין די קוסטעס זיך באהאלטן און ווי א הונט־זויג – זייער לייב צו פארקויפן.

און אן עקל האט מיך ארומגענומען אט „צו די נאסע קאנעריקלעך“. וואס דורכן זייער דינע קליידלעך זעען זייערע לייבער אויס ווי פון גלאז. ווייל ס׳קען זיין, אז אט די טאקע, אט די בלאנדע די אויסגעלאסענע אין דעם קורצן־קליידל. וואס האט מיך נעכטן נאכגעיאגט, אז זי טראגט אויף איר גענוצט לייב דאס העמד פון מיין געהרגעטע שוועסטער. אט דאס ווייסע העמד וואס צוואנציק יאר האט די מאמע מיינע אין דער שאנק עס איבער־געלייגט. זיין נייקייט מיט אזא ליבשאפט ארומגענומען. מיט אירע אלטע מידע פינגער אין אים בלימלעך פון זייד אויסגעשטיקט. אט דאס אויסשטייער־

העמד און וועלכן מיין שוועסטער האט באדארפט איר ערשטן ציטער פון ליבע אדורך לעבן.

און עפעס א וואונדערלעכע קלארקייט און פרייד איז מיר אצינד אויפגעגאנגען — א פרייד פון נקמה. וואס אט די שלוה אין די שטוב זייערע איז מיט בלויז פארפלעקט און, אז אט די מיידלעך זייערע פארקויפן זיך פאר א ציגארעטל.

קען זיין, אז לאנג וואלט איך נאך אזוי געזעסן און מיט מיין דאזיקן געדאנק זיך געפרייט, ביי דעם נקמה געפיל זיך געוואַרעמט, ווען נישט דאס. וואס עס איז וועך לעבן מיר אין גארטן אדורכגעגאנגען און א געשריי פון פרייד האב איך דערהערט.

— באסקעל?

— רייזל?

יא זי איז עס געווען, זי די שכנ׳טע פון מיין געבוירן־שטאט. איך האב אויף איר א קוק געטאן און זי דערקענט. כאטש, איר פנים איז געווען געעלטערט מיט דיגע קנייטשן אדורכגעאקערט. אבער דאך, איז איר אמאליקע שיינקייט דערפון נישט פארשוווּנדן. דער גלאנץ פון אירע שווארצע אויגן, דער אלטער אזוי גוט מיר באקאנטער שמייכעל, איר קינדישער בליק און פארשעמקייט האט מיך ווידער מיט יענע וואונדערלעכע זעליגקייט ארומגענומען און אזוי זאנפט מיך באהויכט, ווי דאמאלס, ווען מיר האבן זיך געליבט און אונזער ליבע איינער דעם צווייטן זיך געשעמט צו פארטרויען.

ווייזט זיך אויס, אז די יארן פון לאגערס, פון פיין, באליידיקונג און טויט האט עס איר נישט געקענט פון די אויגן אויסוואשן, פון די ליפן אראפברענען און זי איז געבליבן די זעלבע און בלויז — די בלאע שטרייפן אונטער אירע אויגן, די קנייטשן ארום דעם מויל און דער אויסטאטירטער נומער אויף איר האנט איז דער איינציקער צייכן, וואס איז איר פון די פיין־יארן געבליבן.

און מיר האבן זיך געפרייט און פון פרייד ביי די הענט זיך געהאלטן און טרערן פון גליק האבן אונזערע באקן באגאסן, ווען זי האט מיר דערציילט ווי אזוי זי האט זיך מיט ציין און נעגל געווערט, געביסן, ווען זיי האבן געפרווט צו איר לייב זיך צורירן...

— יא, זיי האבן פון מיר געריסן דאס העמד. האב איך מיין לייב מיט מיינע פארבלוטיקטע הענט פארשטעלט. זיי האבן מיך געשלאגן ביז איך האב דאס באוווסטזיין פארלוירן, אבער די הענט מיינע אליין: האבן זיך ארום מיר ווי צוואנגען געוויקלט און קיין כוח איז נישט געווען זיי אוועקצונעמען. וואכן לאנג, האבן זיי מך געפייניקט מיט איינצל־קאמער, מיט

קעלט און הונגער, מיין ליב, מיט אייזערנע־קאמען געקעמט און איך האב מיך נישט אונטערגעגעבן.

ווי אזוי גאט אין הימל! די פרייד מיינע באשרייבן? ווען איך האב אירע ווערטער געהערט. ווי גרויס און גליקלעך, ריין און דערהויבן האבן מיר זיך דערפילט אקעגן די דריי דייטשע מיידן, וואס האבן אין גארטן זיך באוויזן אין די קורצע קליידלעך און ווי הונט־זיינן געשנאפט נאך א זכר.

ברייטער זענען געווארן די אלייען, ווו מיר האבן שפאצירט. דער הימל האט זיך אויסגעלייטערט און הויך זיך אויפגעהויבן איבער אונזערע קעפ און גלייך מיט דער פרימארגן ליכטיקייט איז א גלויבן א ריינס אן און ערלעבעס אין מיר אויפגעגאנגען, א גלויבן, אז מיין רייזלס אונשולד איז פאר זיי, פאר די הענקערס אויג און גאווהדיק גליסטן געבליבן פארשלאס. און אמאל, ווי מיט יארן צוריק דאמאלס. ווען מיר האבן ווייט אונטערן שטעטל שפאצירט געארעמטע. פארליבטע, האב איך אויך אצינד אנגעהויבן זינגען מיט פסוקים פון שיר השירים:

הנך יפה רעיתי הנך יפה...

2 קורצע דערציילונגען

1.

* * *

... — די מאַמעס קרעכצן פון יסורים האָט געקענט דערהערט ווערן פון די שכנים, וואָס זייערע וווינונגען האָבן זיך גענרעניצט מיטן צימער וווּ מיר זיינען געלעגן באַהאַלטן און דאַמאָלס וואָלטן זיי געברענגט דייטשן, וואָלט איך און דער טאַטע מיינער געווען פאַרלוירן. אַזוי אַז איר טויט, איז געווען פאַר אונז; ממש, אַ רעטונג.

ווען זי איז געשטאָרבן איז אונזער פוילישע באַלאַבאָסטע געווען פאַרייזט און מיר זיינען געווען אַליין. (אויף דער דרויסנדיקער זייט פון דער טיר האָט געהאָנגען אַ שווערער-שלאָס—אַ צייכן, אַז אין דער וווינונג איז קיינער נישטאָ.) גאַנצע דריי טעג; האָב איך און דער טאַטע מיינער זיך געבראָכן די קעפּ: וווּ מקבר זיין די מאַמע? מיר האָבן זיך קלאָר געמאַכט, אַז ביים קלענסטן פרווו אַרויסצוטראָגן איר קערפּער פון דריטן שטאָק, פון אַ געדעכט-באַוווינטן הויף אַרויס, וועלן מיר מיטן לעבן באַצאָלן. צווייטנס, ווען ס׳געלונגט אונז אפילו וווּ וואָלטן מיר זיך דאַמאָלס מיטן בר-מנן אַהינגעטאָן?

מיין לייזערן האָבן די הענט געציטערט, אַ יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך באַראַרפט מיטן מעסער צו דער מאַמעס קערפּער צורירן.

יאָ, אַן איידעם איז נישט קיין טאָכטער. אַ טאָכטער איז דאָך, אייגן פלייש און בלוט. אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען ביים בלויזן געדאַנק, אַז אַ יעדער ווייַלע קען אונזער פוילישע-באַלעבאָסטע קומען און טוען דאָס, וואָס זי האָט מיט אַ יאָר צוריק געקלערט צו טאָן, ווען די מאַמע מיינע איז קראַנק געוואָרן. — „זי וועט די טויטע אויף שטיקלעך שניידן און אין קאַנאַל אַראָפּשווענקען."

איך האָב מיין האַרץ פאַר אַ שטיין געמאַכט. נאַכט ביי נאַכט האָב איך די מאַמע מיינע צו קבר ישראל געברענגט. ברענענדיק איינציקווייז איר פלייש,בלוט און ביינער אין צעפלאַמטן אויוון.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין רעגנדיקן-גראָען-פאַרטאָג האָב איך געזען פאַנים אויסגעצערטע-קראַנקע-פנים. — נישט דיזעלבע פאַני האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

גלייכגילטיק, פויל, האָט זי זיך אויפגעשטעלט פון דער וואַגאָן-באַנק, אַרויסגעקוקט דורך דער צעבראָכענער שויב פון פענצטער און טויקן אַ זאָג געטאָן:

— די פאַסקודנע פּאַגאָדע, פאַרטיאוסט דאָס לעבן.

* * *

2.

* * *

אָסקאַר זיידליץ האָט אויסגעליידיקט זיין קאַווע צוריק אַוועקגע־שטעלט די שאָל און צוגעגעבן אַן אויפגעליינטער:

— איינמאָל אין לעבן האָב איך ביי אַ פּרוי קיין דערפאָלג נישט געהאַט. טאַקע, נישט מער — ווי איינמאָל.

די דריי ווייבער, וואָס זיינען מיט אים געזעסן ביים טיש האָבן זיך פון זיין פּלוצלים, מודה זיין הילעכיק צעלאַכט איינע האָט געזאָגט:

— פרויען זיינען האַרטנעקיק. ווייזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע דאַמע איז נישט באַצויבערט געוואָרן; נישט פון אייער ראַנג, נישט פון אייער שיינקייט. אַזאַלכע פרויען זיינען אונזער שטאָלץ, קאַפּיטאַן!

— שטאָלץ? האָט זיידליץ מיט אַ שמייכל געענפערט — נו, אויב איר האַלט, אַז דאָס איז געווען שטאָלץ; וועל איך מיר דערלויבן אייך דערציילן ביי וואָס פאַרא אומשטענדן דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט פּאַסירט:

אין יאָר 1943 בין איך אויף איינעם פון מיינע פּאָסטנס, וואָס איך האָב אין מלחמה־צייט פאַרנומען געווען קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַר־מעריע אין אַ שטעטל אין גאַליציען. דאָרט, איז מיר אויסגעקומען צו ליקווידירן די לעצטע יידן פון אָרטיקן געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז גאַנצע דריי שעה נאָכן באַפעל זיינען נישט אַוועק — איז פון זיי קיין שפּור נישט געבליבן. אפילו די הויז־חיות האָב איך פאַרעכנט פאַר יידן און זיי פאַרניכטעט.

אונטער איינער פון די דריי ווייבער האָט שווער אַ סקריפּע געטאָן די שטול.

— פאַרנאַכט, דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק אין באַגלייטונג פון מיינס אַן אָפיציר צום אָרט פון דער „אַקציע“ זען, וואָס די „בורשן“ מיינע האָבן דאָרט געמאַכט און פּלוצלים, דער טייוול ווייס פון וואַנען, האָט זיך פון די פאַרברענטע הייזער אַרויס באַוויזן אַן אַלטע יידישע־פרוי, וואָס האָט געווענדעט אירע טריט גלייך צו אונז. אין דער ערשטער סע־קונדע בין איך איבעראַשט געוואָרן. ווייל, טרעפן דאַמאָלס, אויף יענעם אָרט, אַ לעבעדיק נפש, האָט אין זיך געהאַט — עפּיס אויסטערלישעס עפּיס מאַקאַברישעס און שרעקלעכעס מיינע דאַמען! דערצו: איז סיי אין

איר גאַנג, וווּקס, און באַוועגונגען געווען אַזויפיל אויפציטערנדיקעס, אַז מיר זיינען שטיין געבליבן געפּלעפטע.

און אַנגעלענטע אויף איר שטעקן האָט די פרוי טראָץ איר עלטקייט בליץ־שנעל אַדורכגעמאַכט די שטרעקע, וואָס האָט אונז פונאַנדער געטיילט און זי איז פאַר אונז שטיין געבליבן.

אַ פּיצינקע, אַ קליינינקע איז זי געווען און גלויבט מיר, ווען נישט די טויט־געלבקייט אויף איר פּנים, דער שטאַרער־בליק און די ברילן אויף איר נאָז, וואָס דאָס האָט זי געמאַכט אַלט און צעבראָכן האָט זי ניכער אויסגעזען ווי אַ צוועלף יאָריק מיידעלע, נישט מער! זי האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ שווער בוך אין ביין געפּאַסט, אודאי אַ געבעט־בוך. די פרוי איז שטיין געבליבן לעבן מיר — האָט אויפגעהויבן די ברילן פון דער נאָז, פאַריסן איר קאָפּ און געקוקט אויף מיין הויכער־פיגור און דאַמאָלס, איז אַ נישט באַשרייבלעכע פאַרוואונדערונג אויף איר פּנים אַרומגעשווימען ווי זי וואָלט וועלן ווייס וואָס דערזען. אַזוי, האָט זי מיך נישט אויפגעהערט באַטראַכטן. איך האָב דערפילט מיין אַלטע געוווינהייט שפּאַס צו טרייבן און איך האָב צו דער אַלטער געזאָגט:

— ווי איך זע, גייסטו דאַנקן גאָט פאַרן גוטן, וואָס איך האָב דאָ הייגט אייך געטאָן.

אין דער מינוט איז געשען עפּיס נישט דערוואַרטעס. איידער, איך האָב פאַרענדיקט דאָס צו זאָגן האָט די אַלטע מיט אַ אָנגעווײנלעכע שנעלקייט און קראַפט מיר דערלאַנגט מיטן שטעקן איבערן פּנים און נאָך וווּנדערלעכער; נאָך שנעלער ווי זי האָט מיר דעם קלאַפּ געטאָן איז זי צוריק ווי פריער שטיין געבליבן און ווייטער מיט איר קינדישן, נאַיוון, פאַרוווּנדערטן בליק מיך באַטראַכט.

אַלע דריי ווייבער האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ לאַכן:

כאַ—כאַ—כאַ—כאַ—כאַ! בראַוואָ! בראַוואָ! גוט האָט זי געטאָן. אויסגעצייכנט! קאַפּיטאַן! אויסגעצייכנט!

זיידליצם בלאַנדע־וואָנצעס און די אויבערשטע־ליפּ האָבן זיך ביז אַ הויב געטאָן עפּיס אַזוי ווי ביי אַ צערייצטן הונט, ווען מען שטיפּט אים אַ שטעקן אין מויל אַריין.

— יאָ, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. פאַרדאָס אָבער, האָב איך איינמאָל אין מיין לעבן דערלויבט, אַז אַ פרוי זאָל צו מיינע פיס פאַלן... מיין רעוואָלווער האָט אויף די זקנהס־שטערן אָנגעצייכנט אַ קליינעם בלוט־שטרייף — אַ דיגעם סך־הכל אונטער איר פאַרשאָלטן לעבן און ווען דאָס איז געשען האָט די אַלטע „ליבנסווירדיק" ווי ס'פּאַסט פאַר אַ

גוט-דערצוינגן מיידעלע געמאכט פאר מיר א „קניקסל“ שיין פארבוינגן איר קינדיש-קעפל און פארענדיקט אירע חשבונות מיט אונזער זינדיקער ערד.

אין דער מנוט האט פון זיידליצס שטים, פון דעם, וואס ער האט זיך אזוי ביים גערעדט פון דעם מארד א הנאה געטאן א יאג געטאן אויף די ווייבער מיט א מענערישע ווארימקייט. די לייבער זייערע אונטער דער זיידענער-וועש האבן אויפגעברים פול מיט לעכצונג צו אים. זיי האבן זיך שווער געווינט צעגאווערטע פון תאוה אין די ווייכע שטולן און שיכור מיט פארגליטשטע אויגן געלאכט:

כא—כא—כא—כא—כא!

• • •

דער „דברי חיים"

מיט אכציק יאר צוריק איז דאס גרויסע נס געשען. מיט אכציק יאר צוריק, האט ווער צום ערשטן מאל דעם נאמען דערמאנט און איידער ס'איז נאך צייט געווען קיים א טראכט צו טאן „צו איז טאקע דער ייִנגערמאן" דער אויסדערוויילטער, דער געגארטער, האט ר' חיים סאנדזער אדער ווי מען האט אים גערופן דער דברי חיים שוין געוועלטיקט ווי אן איינגעזעסענער רבי, איבער גאנצן גאליציען, קארפאטן־רוס, בעמען און אונגארן.

א נידריקער. א ברייטער. דאס פנים באוואקסן מיט א געדעכטע ברוינע־באַרד, ווי פון קופער געגאסן. וואס זי איז אים ביז די אויגן פאקראכן. פון די נאז און אויערן ארויסגעשפראצט. דער שטערן אייביק מיט שווייס באַשפריצט, אדורכגעאקערטער מיט קנייטשן. דער רעכטער פיס א הינקענדיקער האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו בלוטיקן. אויף די פיס א פאר צעקרימטע שטיוול. האבןדעם רבין אין גאנצן געמאכט אויסזען צו א פארפראצעוועטן פויער.

ביז ר' חיים איז רבי געווארן, זיינען יידן אין גאליציען געוווינט געווען צו צדיקים, וואס האבן נישט געקארגט קיין טרייסט, ברכות און גוטע צו זאגן. זייערע וואונדער זיינען געווען אויסטערלישע, אבער גוטע. זיי האבן אויפגעבינדן עקרות, ארעמעלייט געמאכט פאר גבירים... קראנקע, זיינען ביי זיי געגעזן געווארן. איז געקומען דער „דברי־חיים" און צוריק אויפגעמישט דאס בגעטל פון בראשית. א יעדן דרים אין מענשנ'ס מלבוש האט ער דורכגעקוקט. פארטיפט זיך איבער גרויסע און די קלענסטע מעשים אין יעדן לויט דעם געמשפט. ווי אויף א וואג, וואס וועגט גאלד — האט ער גוטס און שלע:טס געשאצט און געפרייזט. ביז ווייטיק, ביז ווונדן צי מאכן אין זיין אייגן לייב. הפקר צו מאכן זיין לעבן. אין תעניתים און סגופים עס אויסצוווייקן. ער האט זיך פארטיפט אין גאטס־וועגן און זיי געפארשט. דאס האט געברענגט, נאך יארן „ארויפארבעטן" זיך, אז ווי א לייב א פארשפארטער איז אים ענג געווארן די וועלט און א סך מאל, האט מען פון אים א געבריל געהערט, וואס האט געמאכט אויפציטערן, אפילו קינדער און די וויגן.

מייסטנס אין די נעכט, א נישט אויסגעטוענער, פול מיט בענקשאפט צו חצות, צו געוויין אויף חורבן בית המקדש, אליין אין דעם גרויסן

קאלטן בית המדרש אן איינגעהילטס, אין פינצטערניש. אויפן געלעגער פון הארטע בענק האט קיין בן־אדם זיין קרעכצן נישט געהערט. נישט געזען דעם געראנגעל זייגעס מיט די נעצן פון שלאף, וואס האבן די אויגן געפרווט פארהענגען. די ווארעמקייט פון א בעט, וואס האט געפרווט זיין לייב פיעשציען. זיין מידן קאפ איינטולען און ער ווי אן אנגעבריטער פון דעם חשק איז ארום דעם שלחן, לענג אויס די טישן פון דער לעבצונג אנטלאפן.

ווי א פליג אין שפינוועבס אזוי האט ער זיך געראנגעלט מיט זיינע פראסטע מענשלעכע באדערפענישן. און ווי ביי א טייך עס ווערן טאמעס גע־לייגט כדי דער שטראם זאל זיינע ברעגעס נישט איינרייסן, אזוי האט ער געהאמעוועט אלץ, וואס האט נישט געהאט צי טאן מיט עבודת־השם. ביי אים איז נישט געווען קיין גרויסע אדער קליינע תאווה. די קלענסטע, האט ער אין זיך צעקרישלט און אין איינענעם פייער זי געלאזט פאברענען. א מאדנער רבי איז ער געווען ר׳ חיים. א רבי, וואס האט ליב געהאט — דעם אין דערוואכן. די גראע ווינטערדיקע פארנאכטן. פון דער גאס זאל שמעקן מיט הערינג און נעץ. די יידן ארום אים זיינען געגאנגען אנגעטאן אין גרינע אלטע בעקעשעס — א לאטע אויף א לאטע. יידן, וואס שמעקן טאבאק פון בלעכענע פושקעס. פארן א גאנצע וואך אויף דארפישע־ירידים און ווערן אויסגעריסן ביז זיי פארדינען א דרייער אויף פרנסה.

קיינמאל, האט ר׳ חיים נישט געלערנט אין גמראות געבינדענע אין לעדער, וואס זייער שער־בלאט איז געווען געמאלן כפתור ופרח „הוצאת אתים ואלמנה ראם” זיין גמרא האט געמוזט זיין געבונדן אין גרעבנער־לייוונט. די בלעטער — אלטע, פארשטויבטע, דורכגעגעסן פון מאלן. די שפיצן פון די דפים שמוציקע פון א סך מישן. ווען א חסיד האט אים געוואלט ברענגען א מתנה א ניי ווילנער ש״ס האט דאס פנים זיינס, וואס האט זעלטן געלאכט שמייכל געטאן.

— פארוואס פארשטייסטו נישט קינד מיינס, אז כדי צו קענען פון בראשית מוז מען זיין כביכול אליין? לערנען, איז ווי א מויער, וואס הויבט זיך צו די הימלן. צו וועלכער א יעדער איז מחייב צולייגן זיין ציגעל, אין אן אלטע גמרא איז שוין דא אן אנהויב פון דער מויער און ר׳ חיים האט אויפגעמישט א בלאט און געזאגט;

— נא, זע, וויפל שוויס דא איז פארהאנען! וויפל קאפ־ברעכעניש, וויפל ארבעט. פילסט דו נישט איז ר׳ חיים געווארן ערגסט, אז דאס לערנען, וואס מען האט אין דער גמרא געלערנט ליגט אין א יעדער אות באַ־האלטן, און א יעדער שורה איינגעמויערט?

דער גרעסטער חטא אין דברי חיים׳ס אויגן איז געווען — בימול תורה

אין די גרעסטע מצוה — לימוד תורה. כאטש, ער האט א יעדן טאג לאנגע שטעהן מתפלל געווען מיט היץ. און עס האט נישט געטראפן, אז נאך שחרית זאל מען נישט דארפן די פאדלאגע אויסווישן פון בלוט, וואס איז אים פון דעם הינקענדיקן פיס געפלאסן, ווייל, נישט אויפגעהערט האט ער מיטן פיס מיט אזא כח טופן, אז ס׳בלוט איז פון אים גערונען שטראמען־ווייז, דאך, האט ער געהאלטן נאר פון לערנען. לערנען, האט ער געזאגט: דאס הייסט אקערן אין א לייטיק פעלד איינגעשפאנט זיך אליין אין אקער. פארדאס טאקע, ווען ער איז געזעסן אין געלערנט, האט אזא שווייס זיין פנים און לייב באַ־גאסן, אז נישט בלויז, וואס די בגדים זיינע, דאס העמד איז נאס געווארן נאר די טראפנס זיינען געפאלן אויפן טיש און דעם טיש — נאס געמאכט.

צוואנציק יאר, האט ער געלערנט „שנים שאוחזין" און א יעדעס מאל צוריקגעקערט און אויסגעפארשט די, וואס האבן דעם טלית געפונען, וואס א יעדער „פון זיי ביידע" האט געזאגט, אז דער טלית איז זיין. חסידים, וואס זיינען קיין סאנדז א גאנץ לעבן געפארן, וואס א יעדער אות פון רבין איז פאר זיי געווען יהרג ועל יעבור האבן דאך נישט געקענט פארשטיין דעם טעם פון דער זאך. ערשט, ביז דער עלצטער חסיד שמחה בונים האט עפים מגלה געווען.

שמחה בונים איז מגלה דעם סוד

שמחה בונים איז געווען א ייד, א געזונטער ווי א דאמב. א גרא קורץ בערדל האט זיין פנים באצירט. אמאל, אין דער יוגנט, איז ער געווען א בעל עגלה. אויף דער עלטער איז ער ווי נאך העכער און גראדער געווארן. דאס פנים א רויטס. א פולס. די ברילן פאריקט אויפן הויכן שטערן. יארן לאנגע איז ער געשטאנען אונטער דעם רבנים טיר און איינגעהערט זיך אין לערנען. און כאטש. קיינמאל, האט ער אין קיין ספר נישט אריינגעקוקט, אין עם ארץ, האט מען געזאגט אויף אים: אז די תורה איז פון רבינ׳ם מויל צו אים אויף פליגלען צו פליען. געקומען. אלע „אותיות פורחות" האט ער אויפגעכאפט. און איז אבן־תורה געווארן.

אין די ווינטערדיקע פארנאכטן אין רבינ׳ס בית המדרש ארומגעריג־געלטער, קעפ אויף קעפ! האט ער אויסגעטייטשט:

— דער גאנצער סוד פון רבינ׳ס „ער זאל לעבן" בסדרדיקן אומקערן זיך צו „שנים שאוחזין", איז דער „יחלוקו". דער רבי האלט נאר פון מידת הדין. פון מיין — אדער דיין. פון חייב, אדער זכאי און כל זמן מען וועט אים פון הימל נישט מגלה זיין: פארוואס „יחלוקו" וועט ער זיך פון ארט נישט רירן.

— א, שוין געווען פרווון פון - הימל דעם צדיק צי וויזן און לערנען

מיט אים דעם טעם פון „יחלוקו", האט שמחה בונם העכער ארויפגעריקט די ברילן אויפן שטערן און זיך צעלאכט:

— א, א, איז דאס געווען א שיעור! דער רבי איז נאך דאמאלס א יונ־גערמאן געווען. אין א וואכעדיקע, חשון'דיקע נאכט ווען — סאנדז איז נאכן טאג הארעוואניע געווען פארטיפט אין שלאף, האט בלויז אין איין איינציק פענצטער א ליכט געפלאמט — אין רבינס פענצטער!

דער רבי האט פלוצלים דערהערט א מעכטיק קול רופן:

— חיים! חיים!

— הנני! כ'בין דא!

האט ער אויסגעשריגן מיט אלע כוחות.

ער האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און דערזען:

ווי פאמעלעך האט זיך געעפנט דער באלקן. געעפנט זיך אזוי ווי טויערן צוויי. פון אונטער די פיס איז אים אפערגעשווימען די ערד און ער איז גע־בליבן הענגען ווי איבער א ליידיקן חלל. אין טיפער געדעכטער פינצטערניש איז געווען איינגעהילט די וועלט. זאל זאס זיין דער הימל? אזא פינצטערער? אזא פארשלאסענער? האט זיך דער רבי געפרעגט, „ער זאל לעבן" האט זיך פלוצלים געפונען ווי אין א טיפן גרוב, אן א וועג, אן א לייטער, פון וואנען מען זאל זיך קענען ארויסדראפן. — שטיל איז ארום! אויסגעשטארבן איז די וועלט! פארשלאסן איז די וועלט!

די פינצטערניש ארום איז צום רבינס פנים צונעפרעסט געווארן, זיין הארץ געקליימט. נישט געלאזט דאס מויל עפנען. געמאכט די אויגן־וויעס שווער און מיד. די פינצטערניש, האט זיך צעגאסן ווי סמאלע אויפן פנים, גערינען אונטערן העמד, אויפן לייב אזוי, אז גארנישט מער איז געבליבן ווי נאר פארגליווערט צו ווערן מיט דעם אלעמען. ווי איינצושלאפן אויף אייביק.

— דאס איז מידת הדין! האט ווער פון די חסידים וואס האט זיך איינגע־הערט א זאג געטאן.

שמחה בונם האט אויסגעדרייט דעם קאפ א קוק געטאן אויף דעם וואס האט דאס געזאגט און געענטפערט:

— יא

— אבער באלד האט זיך עפיס אין דער פינצטערניש געשפאלטן — האט שמחה בונים ווייטער דערציילט — ווי א לאנגער דינער שטראל וואלט עס געווען פון זייער זייער וויט. ווי „ער זאל לעבן" האט עס דערזען איז א לעכצונג אין רבינס־הארץ אויפגעגאנגען. אט, האט ער שוין א פרווו געטאן דעם פוס זיינעם א הויב טאן, די האנט אויסשטרעקן. די ליפן דעם רבינס האבן זיך געוואלט עפנען און א געשריי טאן:

— ממעקים קראתיך אד'

און דאך, האט ער ביז בלוט זיינע ציין צוריק אין די ליפּן איינגעביסן און געשוויגן.

די שטילקייט ארום דעם רבין האט זיך פארדאפּלט אדער אפשר גאר פארצענפאכט. אן איינגעהאלטנקייט איז געקומען און א מינוט פון דערוואר־טונג, ווי פאר בריאת העלום. דאס האט מען אזוי אין די הימלען געווארט צו הערן א ווארט פון רבין, אז כדי מיט טויזנט ליכטער זאל זיך די נאכט פאר אים אנצינדן, א לייטער צום הימל זאל מען פאר אים אוועקשטעלן ווי ער וועט קענען ארויף און אראפּגיין.

— דאס איז מידת הרחמים!

האט דער זעלבער, וואס האט זיך פריער אנגערופן א זאג געטאן.

ווידער האט שמחה בונים אויף יענעם א קוק געטאן און געזאגט:

— יא.

— דער רבי האט דאמאלס קיין רחמים פאר זיך נישט געבעטן. מיט די לעצטע כוחות, אן אַ בעראשטער, האט ער שטיל געענטפערט.

— משפט מיך בורא עולם!

די צוהערער ארום האבן אויפגעציטערט. שמחה בונים האט א שווערן זיפץ געטאן און געזאגט:

— אזוי האט זיך אנגעהויבן דער שווערער וועג פון רבין. ער זאל לעבן, דער וועג, פון מידת הדין, וואס ווייסט נישט פון קיין רחמים און צאלט על שלשים ועל רבעים — דעם דריטן און פערטן דור, וואס שעלט און איז מחרים. אונענדלעכע לאנגע וואכן האט דאמאלס געריגנט, ווען דער דברי חיים האט אויף זיין האלז אנגעטאן די שווערע יאזשמע צו זיין א שופט און א שטראפער צווישן יידן צי קענען פארלענדן א מענטש, בלויז מיטן פייער־דיקן אטעם פון זיין מויל. עס האט געריגנט. אז געדאכט האט זיך — א נייער מבול איז אויף דער וועלט געקומען כדי ווידער צו פארדארבן און אפּוואשן א יעדער לעבעדיק באשעפעניש פון דער ערד. וואכן גאנצע זיינען די בערג ארום סאנדז געשטאנען איינגעהילט אין פינצטערע נעפּלען, רייסנ־דיקע ווינטן האבן מיט די לאדנס געוויגט, די דעכער געריסן. מעוברת'דיקע ווייבער האבן מפּיל געווען און רחמנא לצלן קינפּעטארנס זיינען פון דער וועלט געגאנגען. יידן, וואס האבן פריייטיק פארנאכט אהיימגעאיילט אויף שבת זיינען נכשל געווארן — די וועגן פארלוירן און געמוזט אין גוישע סטאדאלעס שבת האלטן. מגפות, האבן גאנצע שטעט ארומגעכאפּט און די זינדיקע אפּגערייניקט פון דער ערד. דער רבי איז נאך דאמאלס א יונגערמאן געווען, האט שמחה בונים איבערחזרט. וועלנדיק פארטויבן דאס געשריי פון די געשטרויכלטע. דאס געקלאפּעריי אין די פענצטער פון נשמות, וואס זיינען צו אים נאך א תיקון געקומען — האט ער נאך מער פארשטארקט, האט ער

זיך נאך שטארקער פארטיפט אין לערנען. גאנצע טעג, קיילעכדיקע מעת־לעתן; האט מען געהערט זיין קול וואס האט זיך וויט, וויט איבער די סאנדזער ־ בערג אוועקגעטראגן און א וועלט געמאכט אויפציטערן. מענשן, וואס זיינען וואכן צופיס איבער בערג און טאלן קיין סאנדז געגאנגען, זיינען צוקומענדיק צום רבינס טיר נבהל ונשתומם—בלייך געווארן און ווייטער קיין שריט נישט געקענט שטעלן. ווי דערקענטע אין זייער זינד האבן זיי זיך פארשעמטע אויסגעדרייט און צוריק זייער וועג געגאנגען נישט צוקומענדיק אפילו צום רבין. נישט זעהנדיק זיין פנים. אבער וויפל כח האט עס דעם רבין אליין ער זאל לעבן געקאסט? פון טאג צו טאג זיינען די האר אין דער בארד גרויער געווארן, א זקן פאר דער צייט! ווי היינט האט שמחה בונים געזאגט זיינען אויך דאמאלס צו די טירן הונדערטער לייבער געווען צוגעפרעסט. דער פאדוואר א פולער מיט פרעמדע, וואס האבן געווארט, אפשר? אולי ירחם? נישט מיד איז מען געווארן צו פרעגן „נו וואס הערט מען"? און דערוויל, געווארט אויף דער ישועה. ווער ס'איז צום רבין יא צוגעקומען איז געווען א גליקליכער, א געהאלפענער, אפילו ווען ער האט איבערן פנים מיטן פייקע־ציבעך באקומען.

— „דער רבי שלאגט טאקע, אבער אין די שלעק זיינע ליגט די הילף" האבן זיך מענשן געטרייסט. ווייזט זיך אויס, האט שמחה בונם ווייטער דערציילט, אז דער רבונו של עולם האט זיך אויפן צדיק דערבארעמט און נישט אייביק געמאכט דער רבינס האנט פאר א שטראף־רוט איבער דעם פאלק ישראל.

געווען צייטן ווען דער רבי איז אמייסטן געווען אויפגעלייגט פרייטיק־נאכמיטיק. מיט א ל'כטיק פנים אין רואיקן בליק. תמיד, ווי היינט אקעגן געגאנגען דעם הייליקן שבת. שעה'ן לאנגע האט ער געקוקט אין פענצטער, ווייל פרייטיק נאכמיטיק האט ערערשט דערזען גאטס־וועלט אין א לייטזועליקער שמייכל פול מיט געטליכן גנאד האט אויף זיין פנים געשפילט. מיט א שטיל מתוקות'דיק קול האט ער געזאגט שיר השירים און מעביר געווען די סדרה. אסך מאל האט ער ווי א קינד זיך צוגעקוקט ווי הערש גבאי שפריצט אויף די פאדלאגע פון בית־המדרש וואסער כדי זי ריין צו מאכן און הענגט אויף א וויס־זיידענעם פרוכת אויפן ארון קודש. און נישט איינמאל, האט ער אפילו צוגעהאלפן ארייןשטעלן די שבת־ליכט אין די מעשענע הענגלייכטער, צושפיצן זייערע קנויטן און דערנאך ערשט: א צעשטראלטער, א בארואיקטער זיך אוועקגעזעצט. געהייסן אריינרופן מענשן, וואס האבן זיך וואכן ארומגעוואלגערט אין רבישן פארהויז, אין הויף. אבער אויך דאס איז פאר זיי נישט געווען קיין קליינער נסיון. ווייל ווען מען איז געשטאנען פארן רבין האט דער צדיק נישט אויפגעהערט מיט זיינע גרינע־אויגן צו

פארשן דעם פרעמדן אזוי, אז גאר ווייניק פון זיי האבן עס אויסגעהאלטן נישט צוזאמענגעבראכן צו ווערן. א סך, האט מען פארחלשטע געמוזט פון רבינס חדר ארויסטראגן. אבער אויך אט די מינוט פון צוגעלאזנקייט, פון גנאד פאר קבלת־שבת האט געטראפן זעלטן. איין פרייטיק יא, און צען, נישט. פאר די שטוב מענשן אבער, איז דער דברי־חיים אין יענע ציטן אייביק, אין דער לעצטער מינוטן פארן אנקומען פון הייליקן טאג געווען נישט צו דערקענען. דער שארפער בליק זיינער איז געווארן ווייך, די הארבע קניימשן פון זיין פנים האבן זיך געעפנט און אויסגעגלייכט זיך און אפילו די שווערע ברעמען זיי־נע, וואס האבן בייז און הארט אוועקגעשטארט איבער זיינע אויגן האבן זיך אצינד ווי טיולענע־פארהענגלעך אויפגעהויבן און אויפגעדעקט א פנים א מידס אבער, א מילדס. א פנים, וואס האט געוויזן, וויפל ליידן דער מענש טראגט אין זיך.

שוין נאך דער מקוה, אן איבערגעטויענער אין א ווייס העמד, זיין דא־רער קערפער ארומגענומען מיט סאמעט־וועסט אין בלאנקענדיקע ווייסע זאקן אויף די פיס איז ער נישט געווען דער זעלבער: וואס נעכטן אדער אייער־נעכטן.

ער האט אריינגערופן צו זיך הערשל־גבאי, א נידריק יידל, א געלס, א דארס, וואס האט אבער געקענט וועמען מען דארף ווי א הערינג פון פאס ביים קאלנער פון הונדערטער מענשן ארויסציען און אים אויף דער גאס ווי א שמאטע אוועקווארפן. אים, הערשל׳ן האט ער געהייסן שרייבן א רשימה פון נצרכים, פון ארעמע לייט, וואס מען דארף זיי פון רבינס קאסע וואכן־געלד אויסצאלן. הערשל־גבאי האט זיינע קורצזיכטיקע אויגן איינגעגראבן אין פאפיר, געטונקען זיין בלייער אויף דער צונג און פארשריבן נעמען: ארעמע אלמנות, יתומים, קראנקע, איינזאמע זקנים און זקנות. האט געטראפן. אז דער רבי האט אים באפוילן פארשרייבן דעם נאמען פון איינע אן אלמנה האט הערשל אבאפ ארויסגעטאן דעם קאפ פון פאפיר און פארוואונדעט געפרעגט:

— רבי, ערשט נעכטן אינדערפרי, ווען איך בין דעם מארק דורכגעגאנגען האב איך שיינדלען געזען ביי א פויער אן אינדיק קויפן. זאל איך איר אויך שרייבן?

— אזוי, אן אינדיק? האט דער רבי געענטפערט און א ווײלע זיך פאר־טראכט — נו, פארשרייבזשע איר נאך א צענער, כ׳האב דאך גארנישט געוווסט, אז שיינדל דארף אן אינדיק. וועסט מיך א יעדן ערב־שבת דער־מאנען כ׳זאל חלילה נישט פארגעסן איר צו געבן אן עודף.

הערשל האט געשוויגן און פארשריבן און נאך שבת האט גאנץ סאנדז, זונטיק שוין גאנץ גאליציען, קארפאטן רוס און אונגארן געוווסט פון

רבינס גוטסקייט, פון זיין איידעלע חכמה און אויסגעטייטשט האט מען עס, אז פון היינט און ווייטער וועט דער רבי שוין מיט רחמים זיינע שאף פירן און מער נישט שטראפן מיט פייערדיקע בייטשן ווי ביז אצינד.

אזוי איז עס אבער נישט געווען, פארקערט ווי זיין ווערט געשטארקט ווען אים קומען צו יארן און ער ווערט עלטער אזוי איז דער רבי געווארן פון טאג צו טאג שטארקער און הארבער. דער רבי האט נישט געפאסט קיין תענתים ווי אנדערע צדיקים אין זיין דור, א יעדן טאג. נאר בלויז מאנ־טיק און דאנערשטיק און די אנדערע טעג פון דער וואך האט ער איבערביסן נאך האלבן טאג. אויף א טאץ אוועקגעלייגט ברויט, קנאבל, פעפער. האט ער לאנג פארטראכט געגעסן, געשניטן א שטיקל נאך א שטיקל און עפיס נאכגעקלערט, קיין פעטקייטן האט ער נישט ליב געהאט. ווי די פראסטע וואכן־טעג איז אים געווען צום הארצן קארן ברויט, קנאבל, זאליץ, שאפן קעז וואס איז אין סאנדז געווען צו באקומען לרוב. און דאס האט אים אנ־געפילט מיט כוח, געשטארקט זיינע ביינער. זיין פנים כאטש א דארס, א פארמאמערטס פון נישט שלאפן האט אבער אויסגעדרוקט מענערישע גבורה, די ברעמען פון די אויגן זיינע זיינען געווען שארפע, געשניטענע פון הארטע האר. דער בליק אן אפענער האט אפגעשפיגלט אין זיך די גאנצע ליכטי־קייט פון טאג. כאטש א הינקנדיקער, איז זיין גאנג געווען א שנעלער. דאס קול זיינס א הויכס און א קלארס. ווען ער האט ווען געשטראפט אדער געטאדלט האט זיך גיכער געדאכט ווי ער ראנגלט זיך אין א געשלעג מיט יענעם. און ווען מען האט באדארפט האט ער געזידלט און אפילו געשאלטן.

סאנדז

סאנדז איז געלעגן הארט אויף דער גרעניץ צווישן גאליציען און אונ־גארן. די גרעניץ, זיינען געווען די בערג ארום שציאווניץ. לענג אויס דעם דארף אבאטניצא, וואס איז געווען ווי א טויער צו די גרינע פאשע־טאלן, פון דער צווייטער זייט. פול זיינען דאמאלס געווען די וועגן מיט קאנטרא־באנדניקעס, מיט שמוגלערס, וואס האבן קיין גאליציען געברענגט וויין, טאבאק און פון גאליציען געפירט פערד, זריעה, ווייץ, גערשטן און פוילישן אקאווים.

די פערד, האט מען געטריבן פון הינטער מיעלעץ, קאלבושאווא, מייסטנס געגנב׳טע אויף די פריצישע פאשע־פעלדער, און געצוואלעט מיט זיי דורך וועלדער, דורכגעשנירטע מיט זאמד־וועגן צו די שטויב־שאסייען ארום דעמביץ, טארנאוו און פון דארט, וואס אמאל העכער ארויף קיין סאנדז — צו דער גרעניץ.

האט געטראפן, אז גנבים און קאנטראבאנדניקעס האבן געמוזט בלייבן שטעקן מיט זייער רויב לאנגע חדשים אין די וועלדער.

גישט ווייט פון מיעלעץ דורך די ליים־פעלדער. פון דארף בּאראוואַ איז געפלאסן די ווייסל, אין די נעכט האט מען איר פויל טורמלען געהערט צווישן די קאניצינע און ווייצן פעלדער. די ווייסל איז געווען די גרעניץ צווישן דאמאלדיקן עסטרייך און רוסלאנד. די דערפער וואס זיינען געלעגן אויף דער עסטרייכישער זייט זיינען פול געווען מיט „פינאנסן" — גרעניץ־היטער אנגעטוענע אין גרינע מונדירן אין הארטע הויכע היטן. זיי האבן נישט אזוי געהיטן די קאנטראבאנדניקעס ווי די פוילישע אויפשטענדלער, וואס האבן זיך אריבערגעשיפט אמאל פון קאנגרעס־פוילן קיין גאליציען און אמאל, פון גאליציען קיין קאנגרעס פוילן און צווישן די דארטיקע פריצים און רייכע ערד־באזיצער וואס האבן געטריי געדינט די עסטרייכישע אקו־פאנטן ארויסגעריסן פאניק.

ווען די חוצפה פון די אויפשטענדלער איז געווארן אפענער, זייערע מאמן דרייסטער, זיינען באלד ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסן אפטיילונגען מיט אונגארישע „דרייגוינער" וואס בלויז צו קוקן אויף זיי: ווי זיי רייטן אויף זייערע הויכע שווארצע פערד, איז א שרעק די פויערים באפאלן. ווי אויסגע־שטארבן זיינען געווארן די דערפער ווען אין די פארטאגן האט זיך געהערט זייער טרומייט שאלן, דאס איינטאניקע שטעפן פון די פערד קלאען אין די שטויביקע שטיינער פון וועג.

דאמאלס, זיינען די קאנטראבאנדניקעס געלעגן חדשים גאנצע בא־האלטן, אריינגעפארן אין די וועלדער ווען דער פרילינג איז נאך געהאנגען אויף די בוימער שפיצן, זיינען זיי ערשט פון דארט ארויס, ווען דער זומער איז א מידער ווי די בלעטער געזונקן אין די טיפע הארבסט־זומפן און דא־מאלס ערשט, האבן די קאנטראבאנדניקעס געריר וייטער אין וועג אריין און אנגעקומען קיין סאנדז הארט פאר די סליחות־טעג, ווען דעם רבינס פענצטער האבן גאנצע נעכט געקוקט באלויכטענע אויף דעם קליינעם מארק.

אין אזעלכע טעג און נעכט, האט דער רבי אין איינציקע מנוט נישט אויפגעהערט לערנען — לערנען און טובל זיין זיך, טובל זיין זיך און פאסטן.

אן אנדערש מאל וואלטן הונדערטער פערד־ציימלעך געמעגט אין די שטיל־קייט פון דער נאכט אונטער דעם דברי־חיים׳ס פענצטער קלינגען — וואלט ער זיי פארטיפט אין לערנען נישט געהערט. אבער אין דער צייט, ווען א ווארם אונטער דער ערד ציטערט פאר אימה, איז דעם רבינס אויער זואך געווען, און דער מינדעסטער שארך האט דערשראקן און געמאכט אים אויפציטערן אזוי אנגעשטרענגט איז ער געווען פארן יום־הדין.

די יונגען גנבים, וואס האבן די פערד געטריבן זיינען געווען הפקר־יונ־

גען, די נעכט און טעג פון זייער גאנץ לעבן האבן זיי אויף פרייע וועגן, אויף שטעגן און טיפע וועלדער ביי גרעניצן פארבראכט. ווי געכטיגט־דארט נישט געטאגט. שטאט א היים, און איינן בעט איז מען אין די אנטויכצער אין די היי־סטאגעס אויף די פעלדער געשלאפן, גזינדיקט מיט דארפישע שיקסעס, זעלטן ווען געדאוונט. אבער דאך אין די פינצטערע סוף־חודש טעג ווען די פערד מידע האבן בלינד געטאפט דעם וועג, איז אפילו די יונגען דאמאלס א בענקשאפט באפאלן, הוידנדיק זיך אויפן פערדישן רוקן האבן זיי זיך פאר־בענקט נאך א שטוב, נאך א בעט, נאך א היימישע וויעטשערע־עסן און אין הארץ האט עפּיס גענאגט א געפיל, זייער א טרויעריקס אזש צום וויינען!

דאמאלס, האט נישט איינער פון זיי באקומען א הרר־תשובה און דאס נאענטע סאנדז האט גערופן און געווינקן ווי א היימישער שטערן, ווי א איי־גענע שוועל, כאטש געוואוסט האט מען, אז אויך דארט קען מען מער נישט דערוואַרטן פון צדיק ווי א קללה, א געשריי.

און דאך איז פאר זיי, פאר די פערד גנבים און קאנטראבאנדניקעס, וואס האבן אויף די וועגן שיכורע פון איין קרעטשמע ביז דער צווייטער גע־זונגען אויסגעלאסענע, פוילישע לידער. איז ער דער סאנדזער געווען דער איינציקער אנהאלט, און וויפיל יארן פון זייער אומזיירדיק לעבן וואלטן זיי אוועקגעגעבן, אז זיי זאלן קענען אויף אים איין בליק טוען. און וויפיל מאל פול מיט חרטה פארן זינדיקן לעבן האבן זיי זיך געוואונשן, אז אויף זייער פנים זאלן זיי פילן די וויטיק פון רבינס ציבוך, ווען ער האט א צערייצטער אלעמען פון זיך געטריבן.

און פארדאס. אין די נעכט ווען זיי זיינען אויף די שמאלסטע בערג שטשעזקעס געריטן, ווען מיט אלע כוחות האט מען איינגעהאלטן די טריט פון פערד, אז כדי די גרעניץ־היטער זאלן זיי נישט דערהערן, ווען בלויז דאס הארץ אונטערן העמד האט ווי מיט האמערס געקלאפט און שטיל איז געווען די וועלט, א לייכט ווינטל האט די פערדישע גריוועס געהויבן, א נאכט־פויגל האט ערגיץ אייף א צווייג געוויינט, איז דאמאלס אויפגעגאנגען דאס געשטאלט פון רבין, זיינע גרויסע קלארע אויגן, זיין הילכיק געשריי און די פערד ;זי אויך זיי וואלטן דערזען אים: האבן זיך א ריס געטאן, ווי וועלף וואלטן זייערע טריט פארשטעלט און האבן ווייטער גיין נישט געוואלט.

צוזאמען, מיט דער שרעק פון דער נאכט, מיטן גערויש פון די בערג וואסערן האט א גרויסע, א מעכטיקע, חרטה פאר אלע זינד וואס דער קאנ־טראבאנדניק איז אין זיין גאנץ לעבן באגאנגען, האט זיי ארומגענומען און נישט איינער האט זיך דאמאלס ווי א קינד צעוויינט.

דער רבי און די קאנטראבאנדניקעס

אין די נאכט איז א גרויס רחמנות, א געפיל, וואס קיינמאל האט דער צדיק זיין טעם נישט געוווסט אין דברי חיים'ס הארץ אויפגעגאנגען—א רחמנות צו א יעדן באשעפעניש צו די אלע, וואס וואלגערן זיך ביי אים אין הויף. שלאפן אונטער זיינע פענצטער און ווארטן, אז ער זאל זיי העלפן.

דאס געפיל איז אין זיין הארץ געקומען ווי א פרעמדער אורח אין א פרעמדער שטוב, א פארבלאנדזשעטער שטראל, וואס האט אים מיט קיין ליכט נישט ארומגענומען נאר גיכער, אים צעטומלט. מבלבל געווען פון לערנען, צו שטארק. איז דער דברי חיים געווען, אז ער זאל זיך פאר דעם געפיל דערשרעקן, כאטש, אין די אויערן האבן אים אנגעהויבן רוישן געוויינען פון מאמעס וואס האבן קיין קינדער נישט געבוירן, קרעכצן און זיפצן פון קראנקע א באקלאגן זיך פון יידן — מחוסרי פרנסה. יידן, וואס דארפן חתונה מאכן זייערע בוגרתן און פארמאגן נישט קיין נדנים פאר זיי. יידן פאכטערס פון פריצישע קרעטשמעס וואס טראגן אויף זיך נייע גזירות, האבן דעם רבין אצינד אין די אויערן געקלאגט און פון רחמנות צו זיי אדער, ס'ערשטע מאל איינהערנדיק מיט הארץ אין זייערע קלאג־רייד איז אים אזא מידקייט באפאלן ווי ס'באפאלט א מידקייטבוים לערנען. און פלוצלים, האט דער סאנדזער דערהערט א געשושקעריי, א פערדהירזשען און א קלינגען פון ציימלעך אונטער זיינע פענצטער.

די קאנטראבאנדניקעס האבן דעם רבין דערזען. דערזען אים אומגערעכט! צו איז עס געווען א פארפירעניש, וואס האט פארנארט זיי?, אדער סתם, א פארזען, ווען זיי זיינען ביינאכט קיין סאנדז אריינגעריטן זאלן זיי זיך שטעלן פאשען גראד אויפן קליינעם מארק אקעגן איבער דעם רבינס פענצטער?

ס'איז שוין געווען נאך האלבע נאכט. א פייכטער אסיען־ווינט האט פון דונאיעץ געצויגן. א האן האט זיך ערגיץ אפגעריסן און זיך צעקרייעט. שטיל איינטאניק האבן די פערד געקלינגען מיט די ציימלעך און געציטערט האבן זייערע פעלן. די יונגען זיינען געשלאפן אויף די פורן און נאר איינער פון זיי, וואפקע פאכאליק האט זיך אן אנגעטועטער אין א פעלץ געדרייט ארויף און אראפ און געהיטן די פערד. וואפקע האט אפילו נישט קיין צייט געהאט די איבריקע שותפים זיינע צו וועקן—ווען דער רבי איז לעבן מיר אויסגעוואקסן, האט וואפקע ביזן טויט זיינעם די מעשה איבערחזרט:

„ער אליין דער סאנדזער צדיק איז לעבן מיר שטיין געבליבן. איך האב זיין פנים נישט געזען, נאר איך האב אויף מיר דערפילט די האנט זיינע. ווען ער האט מיך ביים ארבל אנגערירט און א זאג געטאן:

— וואפקע!

— פון וואנען האט ער מיין נאמען געוווסט? פון וואנען האט ער געוווסט אז

בערל מיט שמערל, אז יענקל און יוסף ליגן אויף דער פור? פון וואנען האט ער געוווסט אז דריי און זעכציק פוילישע מייל טראגן מיר אונזער זינד פון „לא תגנב" כדי מיט איר לעבן זיין פענצטער זיך אפצורוען? איך בין פאר שרעק פארגליווערט געווארן, ס׳בלוט מיינס איז אייז געווארן, דאס מויל, פארשטארט נאר א מיתה־משנה איינצונעמען. ווי איך בין א יידו

ער, דער רבי האט דאמאלס געטראגן א שווארצע בעקעשע, א וויג־טערדיק היטל און שטיוול. די שטיוולס קלאפן אין די שטיינער האב איך בולט געהערט. דעם רבינס פנים איז שווער געווען צו זען. נאר מיך האבן אנגסטן באגאסן פון דער היץ, וואס האט אים פון מויל געיאגט. די יונגען האבן זיך אויפגעוועקט — נאר אויפזעצן, האבן זיי זיך נישט געקענט:

דער סאנדזוער צדיק, דער דברי חיים שטיים לעבן זייו

דאמאלס, האט זיך זיין הייליק מויל געעפנט און ער האט געזאגט: —הונדערט און צען טעג הויערט איר צוזאמען מיט אייער זינד. נישט געוואשן און נישט געבענשט. קיין תפילין נישט געלייגט. ווי א קללה, פירט אירא מיט אייך געגנבעטע פערד. א גוי. אז ער פארט אין וואלד, טרעפט ער יוזל צו ווענען זיך צו ביקן. ווען ער נעמט די לייצעס אין דער האנט אריין ווייטער אין וועג צו רירן צלמט ער זיך, און איר?

ווי לאנג עס איז אייער וועג איז ער מט אייע זינד פארזייעט. אויף די פעלדער ווי איר זיינט געשלאפן האט איר איבערגעלאזן די זאמען פון זנות און די לופט פול געמאכט מיט אייער נבול־פה, מיט אייער הפקרדיקן געזאנג. ווען ס׳איז אויפגעגאנגען דער עמוד־השחר צו האט איר קריאת־שמע געזאגט? און ווען די זון איז אונטערגעגאנגען צי האט איר מעריב געדאוונט? און ווען איר האט איבער אייערע קעפ געזען דעם הימל געוועלב, די שטערן, וואס האבן אייך דעם וועג באלויכטן, צו האט כאטש איינער פון אייך א שבח צום בורא עולם אפגעגעבן?

די יונגען וואס זיינען אויף דער פור געלעגן, ווען זיי האבן דערהערט דעם רבינס רייד האבן פון שרעק אנגעהויבן ציטערן און די קעפ איינגעראבן אין היי. וואפקע אבער האט זיך געשטארקט, מיט אלע כוחות, וואס עס איז נאר אין אים געווען האט ער מיט הארטנעקיקייט געפרעגט:

— רבי, הייליקער רבי! מיר זיינען דאך נישט מער ווי ווערים, ארעמע יונגען, וואס זוכן פרנסה! וואס האבן ליב א פרעס און א טרינק. פארוואס האט אונז דער אויבערשטער געגעבן חשק צו פארשווערכן זיין נאמען? פארוואס, האט ער אונז פארמיאוסט אונזער היים. ווייב און קינדד און אין אונזער בלוט ווי בראנפן, ווי אקאווים אנגעצונדן א מחיהקייט צו פרעמדע ווייבער? א הונגער, צו טריפהנע קעלבאסעס? א פ׳אם — צו טראגן זיך מיטן ווינט

אויף געגנבעטע פערד? ליב צו האבן די שרעק ביים גנבענען די גרעניצן?

א היץ האט וואפקעס פנים באדעקט. נישט אנדערש. ער איז פון זינען אראפ, ווייל ער האט אנגעהויבן דעם דברי־חיים גלייך אין די אויגן אריין. שוין אן שרעק, הפקר, גאר ווי וואפקע פערד־גנב קען — לאכן און חוזק מאכן

— „העי גרויסער רבי וואלסט אויך געקענט מיטן ווינט גלייך, אויף א גנביש פערד זיך טראגן? פייפן, אזוי ווי די פייגל זינגען אין די פארטמאגן אין וואלד? ביז משוגעת שיכורן און טאנצן?

— העי! העי! אט אזוי! אט אזוי!

האט וואפקע א פארליינג געטאן די האנט אונטערן אויער און אנגע־הויבן מיט א „קראקאוויאק" ארום און ארום דער פור שפרינגען:

— העי! העי!

די יונגען, וואפקעס שותפים זיינען פון דער פור אראפגעשפרונגען און אנטלאפן און מער האט זיי וואפקע קיין מאל אין זיין לעבן נישט געזען. די פערד האבן זיך אנגעהויבן רייסן פון זייער שטריק. וויפל הינט עס זיינען אין סאנדז דאמאלס געווען: האבן אויפגעהויפן אזא האווקעריי, אז אין א סך פענצטער האט מען אנגעהויבן ליכט אנצינדן ווי א שרפה וואלט אין שטאט אויסגעבראכן. דאמאלס, איז דער יונג נאך ווילדער געווארן. ער האט פון זיך אראפגעווארפן דעם פעלץ, אוועקגעווארפן דאס היטל, אז דער ווינט זאל אים די האר טראגן און א מיאוס לאכן. א פרעך געזאנג און א טאנץ. האט פול געטאכט דעם מארק. ער האט געטאנצט און בעתן טאנצן פארווארפן דעם קאפ אזוי ווי ער וואלט פון א פלאש געטרונקען:

— העי! העי!

דער רבי איז געשטאנען און קיין ווארט נישט געזאגט בלויז געקוקט און געשוויגן און ווען וואפקע האט א ווילע, וויזט זיך אויס פון מידקייט שוין איבעריסן דעם טאנץ, האט דער דברי־חיים שטיל א זאג געטאן

— חייב!

זיך אויסגעדרייט און פאמעלעך הינקענדיק אויף זיין פוס — אוועקגע־שפאנט צום בית המדרש.

אין די שטובן ארומ'ן מארק, ווו עס זיינען געשמאק מיט א פאר־
טאגיקן שלאף געשלאפן די סאנדזער יידן, ווען עס האט זיי אויפגעוועקט
דאס פרעכע געלעכטער פון וואפקע.

— „העי, העי! העי, העי!"

האבן זיך אלע פון שלאף אויפגעריסן. די טירן אויפגעריגלט,
די לאדנס אין איילעניש געעפנט. שכנים אנגעטאן אין די פארטאניקע
שפענצערס האבן זיך אין שטוינונג אנגעקוקט;

— וואס איז געשען? וואס פארא א געזאנג און טאנץ אין א אלו
פארטאג?

די ערשטע, וואס זיינען פאר די טירן ארויס האבן נאך געזען דעם
דברי חיים'ס געשטאלט פארשוואונדן אין דער טיר פון זיין הויז. זיי האבן
דערבליקט פרעמדע פורלעך שטיין אין מארק. די פערד אויסגעשפאנט
זיינען אלע צו די פורלעך צו געלאפן. אבער דארט, האבן זיי שוין קיינעם
נישט געטראפן בלויז פון ווייט האט זיך געהערט אויף דעם שטיינערנעם
ברוק אן אפהילעך פון א שנעל אנטלויפן.

די פארוואונדערונג איז געווען איין לשער!

— וואס האט דא פאסירט? ווער האט דא אזא פרעך לאכן איבערגעלאזט?
ווער אנטלויפט דארט אין דער ווייטער גאס? און וואס באדייט דאס, וואס
דער רבי אליין „ער זאל לעבן" איז ביים טאנץ געווען? פארשטימט, מיט
צעשפרייטע הענט, מיט ארויסגעזעצטע אויגן זיינען זיי געבליבן שטיין
געפלעפט.

זיי האבן געקענט דעם רבין, געקענט זיין צדקית. געוואוסט: אז
נישט פארהאנען איז א נאכט, אז ער זאל דורך די אותיות פון דער הייליר־
קער תורה זיך נישט מאכן שטאפלען צום הימל ארויפצוגיין. זיי האבן געוואוסט:
ווען א יעדער שלאפט נאכן טאג מי — שלאפט דער צדיק נישט.

פון ליטא. פוילן און וואלין איז אמאל פון צייט צו צייט דערגאנגע
קיין סאנדז א שמיעה וועגן די דארטיקע צדיקים. דא, אין סאנדז האט מען פון
א זעלכע צדיקים געלאכט, חוזק געמאכט און געהאלטן, אז נישט גאטס האנ
לענקט מיט זייערע מעשים.

אפילו ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו'ס גוטסקייט, די אהבה
ישראל זיינע, האט מען אין סאנדז נישט וויל־געזען. מחמת, זיין צופיל
„פאן בראט זיין" מיט כביכול האט דא ארויסגערופן א ווידערווילן. אין
סאנדז איז דער וועג צו גאט, געווען א גלייכער, א פראסטער, אן קונצן און
אן שטיק, אן תערומות צום בורא עולם. נישט צו פרעגן אים קיין קשיות.
מנחה און מעריב דאווענען, א ברכו און ברוך הוא וברוך שמו און אמן האט
טויזנט מאל אין סאנדז מער געגילט ווי דאס גאנצע קייקלען זיך פון יענע

צדיקים, וואס דער סאנדזער האט אפילו זייערע נעמען נישט געוואלט וויסן.

יא, אין סאנדז האט מען זיך נישט געקליגעלט, נישט חוקר ודורש געווען, נישט געזוכט קיין טעם און שכל צו גאטס געבאטן. די ליבשאפט צו גאט איז געווען אן אפענע, אהבת השם, איז געווען טיף איינגעבאקן ווי דאס הארץ אין לייב פון מענטשן. פיינט האבן אן אפיקורס, א קעגנער, האט מען דארט געהאט נאך מער אפענער, אן פארגעבונג און אן נאכקלערן! מיט איין ווארט האט דער רבי געמאכט פארברענען טויזנטער חמושים ווו ס'איז געווען א פירוש פון אפיקורס משה מענדלזאן א. נ. „ביאור". ווו א שטעטל, האט מען די, וואס האבן אזא חומש געהאט אין חרם געלייגט און זיי און זייערע קינדער און קינדס קינדער פארשאלטן — עד סוף כל הדורות! דער רבי האט מלחמה געהאלטן מיט דעם „גיהונימניק" מרדכי דוד בראנדשטעטער פון טארנאוו, וואס האט צום גראם אין הייליקן לשון הקודש געשריבן שמעכווערטלעך אויף גוטע יידן? נו, איז געווען גענוג, אז דער רבי זאל איינמאל זאגן—„ימח שמו!" און ביז היינט, אין די ווייטסטע ווינקלען פון גאליציען, סלאוואקיי און אונגארן אז א מאמע וויל שעלטן אירס א שלעכט קינד — זאגט זי: „דו ימח שמוניק, וועסט ארויסוואקסן א מרדכי דוד, אז נישט דערלעבן זאל איך עס!" און דאס, האט דעם שמדניק פארניכטעט מער קיין תחית המתים נישט אויפצושטיין... און פלוצלום, אין סאנדז אזא געשעאינישו! עפעס א גויש געזאנג אפרעכער טאנץ ווו „נישט גוטע" האבן עס ליב צו טאן אין די פארטאגן און פון דעם געזאנג ארויס, פון דעם טאנץ אוועק, איז פארשווונדן דאס געשטאלט פון הייליקן רבין, וואס זאל דאס באדייטן?

די סאנדזער יידןזיינען געווען בערג־יידן, געזונטע, ברייטע, מיט געדעכטע בערד און לאנגע פיאות, זיי האבן זיך געטראגן אויפן רבי'שן שטייגער: בעקעשעס מיט שיפע־קעשענעס און פלושענע הימן אויף די קעפ. אויף די פיס האלבע שיך, קורצע הויזן און ווייסע זאקן. כאטש, אלע זיינען געווען קרעמער, יריד פארערס האבן סאנדזער יידן אין זיך געטראגן א פויערישע ווילדקייט. צום רבין, האבן זיי געהאט די ערשטע א דריסת הרגל. האבן פרעמדע יידן געקענט ליגן וואכן גאנצע אונטערן רבינ'ס טיר נאר דאמאלס, ווען די טיר האט זיך געעפנט זיינען זיי געווען די ערשטע אריינצוגיין צום צדיק, איבער קעפ, אויף מענשן זיינען זיי געקראכן, ווי און וואנד איז געווען דעם, וואס האט געזאגט מיט א ווארט זיך אקעגן שטעלן זיי. די סאנדזער־שטאלץ אויפן דבריתיים האבן זיי געגאסן פון זיין יחוס און געהאלטן זיך פאר אויסדערוויילטע — פארן „אויבערשטן פון שטויסל".

א גאנצע וואך האבן זיי געמסחרט אויפן קליינעם מארק ווו עס האט זיך צוויי מאל אין דער וואך געשטעלט ירידים. פון ווי ווייט האבן סאנדזער יידן געברענגט כל־ערליי גרויפנס אויף צו פארקויפן די ארעמע בערג־פויערים וואס די שטייניקע ערד האט זיי שפייזן נישט געקענט און דאך, פארשטייעטע איז נאך אייביג פאר מנחה אין רבישן בית המדרש צייט געווען וועמען אויפן שלחן א „משכנתא" אנצוצייל‌ן, נישט געצאלטע קאזאקן זיינען זיי געווען פון רבין. אין זייערע אכסניהס האבן זיי פרעמדע יידן כמעט מיט א קיינטשיק אין די הענט געלערנט ווי אזוי צו רעדן צום רבין און ווי אזוי צו שטיין א קעגן זיין ליכטיק פנים. דערצווינגן אויפן דברי חיים שטייגער – האבן זיי נישט געוווסט וואס ס׳הייסט רחמנות האבן מיט אזא איינעם, וואס ווידערשפעניקט מיט א ווארט קעגן סאנדז און – קעגן סאנדזער נוסח. חוצפהניקעס – האבן זיי מיט ביטול און חוזק גערעדט וועגן אנדערע צדיקים און אין אלע שטעטלעך ווו זייער פיס האט באטרוטן: האבן זיי אנגעצינדן דאס פייער פון מחלוקות צווישן יידן, צווישן איין רבין און צווייטן, נישט אפגעהיטענע פון רכילות האבן זיי געהאלטן, אז אלץ איז כשר כדי, אין די אויגן פון חסידים צו פאר־מיאוסן אנדערע רביים און דורכדעם צו פארמערן די, וואס פארן קיין סאנדז.

נישט דער רבי נאר די חסידים האבן אנגעצינדן דאס מחלוקות צווישן דברי חיים און סאדעגערער הויף. זיי דאס, האבן יארן לאנג געגאסן אייל צום פייער כדי די קריגעריי, קללות, מסורת געשלעגן זאלן נישט איינלעשן. ביז זיין, ביז די טיר פון קייסערלעכן הויף, ביז לעמבערג האבן זיי ארויס־געטראגן וואס צווישן יידן טוט זיך. זיי די סאנדזער האבן דעם רבינס קינדער פאריאגט. גורם געווען, דער רבי זאל זיי חתונה מאכן יונגערהייט כדי ער זאל פריי זיין פון צער גידול בנים און אויף אזא אופן צוגענומען פון זיין הויז די פרייד אין לעבן.

פארדאס, איז נישט קיין וווגדער. אז אפילו ביי שידוכים טאן האבן זיי פריער חוקר ודורש געווען, צו וועלכן רבי, דער מחותן פארט און דער חתן, האט כאטש דריי מאל געמוזט זען סאנדז און איין מאל שריים באקומען פון רבינס האנט אליין. זיי האבן פיינט געהאט שוואכלינגע. אויסגעווייקטע יינגעלייטלעך. אין סאנדז האט געמוזט גיין חסידות מיט דרך ארץ צוזאמען. כח און ברען צו עבודת הבורא!

קיינמאל, האט מען דארט אן איידעם נישט איינגעשאצט קעסט. באלד ווי ס׳זיינען נאר ארורכגעגאנגען די שבעת ימי משתה האט מען דעם יונגג־מאן געקויפט א בויד, געזארגט פאר א גוט ארט אויפן ירידספלאץ און איינ־געשפאנט אים און עול פרנסה, ווייל גאר נישט האט מען אין סאנדז אזוי פיינט געהאט ווי ליידיקגייערע ווי ארום גיין פוסט און פאס.

ווען מען האָט אין דעם פרימאָרגן געווירגעוואָרן אין שטאָט, וואָס פארטאג האט פאסירט אויפן קליינעם מארק, איז גאר מיט ווערטער נישט צו באַשרייבן, וואָס פון סאַנדז איז אין דעם טאָג געוואָרן.

דעם זעלבן פרימאָרגן, האָט אַ קעלט אויף סאַנדז אַראָפּגענידערט. אין אנרואיקער פארכמארעטער־הימל — האט אנגעזאגט פריע שנייען און א שווערן ווינטער.

ווינטן האבן זיך ארויסגעריסן פון די בערג־שפאלטן און פריי געהולעט איבער די גאסן. די שטאט איז געלעגן אין אויסגעשטארבענע.

ארום דעם רבינס־הויף איז געווען שטיל ווי אַלע דאָרט, וואָלטן אויף אין אייביקן שלאף אוועקגעפאלן.

אַרום מיטאָג־צייט, איז שמחה בונעם דורכגעגאַנגען דעם קליינעם מאַרק. ער האָט געוואָגט, אויסצודרייען דעם קאָפּ צום רבינס פענצטער. ער האט אויפגעצימערט:

אין פענצטער האט ער דערזען דעם רבינס געשטאלט געהילט אין א טלית. דער טלית האָט אַרומגענומען דעם רבינס קאָפּ אַזוי, אַז ס'האָט זיך מער נישט געזען ווי די פאַרלאָשענע אויגן און שמחה בונעמן האָט זיך גערדאכט, אַז זיי קוקן אויף אים — ווי זיי וואָלטן נישט געלעבט.

א דערשראקענער פון דער אויסטערלישער זעאונג — האט שמחה בונעם אָנגעהויבן לויפן. ער איז געלאָפן לאנג; נישט כאַפּנדיק דעם אָטעם. ווען ער איז שטיין געבליבן: האט ער אונטער זיינע פיס דערפילט, די הילצערנע בריק אויפן דונאַיעץ. דער שניידענדיקער ווינט, האָט שמחה בונעמען שיער דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ נישט אַראָפּגעריסן. שנעל האָט ער זיך אויסגעדרייט. אָט, אָט, ווי מיט די הענט צו דערגרייכן האָט ער פאַר זיך געהאַט די בערג, געהילטע אין נעפל. ס'ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געזען: דעם ווינט אַזוי לייכט שרויפן זייערע שפיצן. אַ ריזיקער שטויב־וואלקן האט זיך איבערן הימל געטראגן. שמחה בונעם האט העכער אויפגעהויבן דעם קאפ. דער ווינט האט אים צענומען די בארד. אין זיין ווילן האט זיך פון זיין קעל ארויסגעריסן א געשריי:

אָ, גאָט, באַהיט מיך פון דיין שטורם!

צומאָרגנס, נאָכן נאַכטיקן געשעאיניש אויפן קליינעם מאַרק, איז באַוווסט געוואָרן, וואָס דאָרט האָט פּאַסירט.

שמחה בונעם, וואָס איז אין טאָג נאָך דער פּאַסירונג נישט געווען אין רבינס בית־מדרש איז צומארגנס אינדערפרי אריינגעגאנגען אין דער שניט־קראָם פון צמח־שבתאי זיינס אַ ידיד. שמחה בונעם איז איבער דעם איינעם טאג נישט געווען צו דערקענען — אלט און איינגעפאלן האט ער

אויסגעזען. א טיפער טרויער איז געלעגן אויף זיין פּנים. די ליפּן בלאָע, האָבן געציטערט. צמח, דער פריינד זיינער, אַן אַלטער ייד, דערזעענדיק שמחה בונעמן אין אַזאַ הייט האָט זיך דערשראָקן.

אַן אַ גוט מאָרגן האָט שמחה בונעם גלייך אָנגעהויבן:

— געטאַנצט האָט וואָפּקע קאָנטריבאַנדניק. ער האָט מחרף און מגדף געווען ווי דער לעצטער, אַז פון שאול תחתיה זאָל ער נישט אַרויס!

צמח האָט געענטפערט:

— דער רבי זאָל לעבן! האָט נעכטן געפּאַסט אַ גאַנצן טאָג. ביז מנחה האָט ער דעם טלית פון די אַקסלן נישט אַראָפּגעלאָזט און אויפן קאָפּ — די תפילין.

שמחה בונעם האָט מיט שרעק אויפגעריסן די אויגן. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי צו פאַלן. מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. אויסגעדרייט זיך און אַרויסגעגאַנגען.

ווען שמחה בונעם איז פאַרשווּנדן האָט צמח שבתאי אַ רייב געטאָן די הענט און געזאָגט:

— אוי, די קעלט עסט די ביינער אויף!

דער וועג פון סאַנדז צו די בערג איז אַ ברייטער, אַ ליכטיקער. ער לויפט ווי אויף אַ גלייכן טיש. ערשט נישט ווייט פון דאָרף יאַזאָווסק הויבט ער זיך צו די פעלזן אויף און זעט אויס אויפן באַרג ווי אַ לאַנגע האַנט פאַרוואָרפן אויף אַ גוט-ברידערישע אַקסל.

אויף דעם וועג איז וואָפּקע אין יענעם אין דערפרי אַנטלאָפן פון סאַנדז. צוערשט איז ער געלאָפן צופוס. אַפּאָר קילאָמעטער ווייטער איז ער שוין געריטן אויף אַ געגנבֿט פערד.

דאָס פערד האָט אים געטראָגן וואָס ווייטער און ווייטער פון סאַנדז. ער איז נישט געריטן גלייך מיטן וועג נאָר ווי אַ נ ט ל ו י פ נ ד י ק פאַרן רבינס געשטאַלט איז ער געריטן אין די ברייט פון די פעלדער. כדי, דער וועג זאָל קורצער זיין. ס'פערד איז מיט אים דורכגעשפּרונגען ריוועס, דורכגעשניטן שיטערע וועלדלעך, אַפילו טייכן און ריטשקעס איז עס מיט אים דורכגעשווימען. אַ דערשראָקענער, פון דעם וואָס איז מיט אים געשען פאַרטאָג אויפן קליינעם מאַרק האָט ער מיט די שטיוול געהאַקט אין די פערדישע ריפּן — שנעלער צו די בערג עס געטריבן ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש פון גאָטס צאָרן, וואָס קען זיך אַ יעדער מגוט אויף זיין קאָפּ אויסגיסן. און דאָך, האָט אי פרייד און אי אַנגוז זיך אין אים געוועקסלט. אָט האָט ער דערפילט ווידער די נאַכטיקע גליסטונג חוזק צו מאַכן פון געטלעכן מאַן.

„— העי, העי, גרויסער צדיק, קענסט אויך אזוי טאנצן ווי איך?!“ און פלוצלים, א חרטה: ווי אזוי האָבן זיך געקענט די פיס מיינע הייבן צום טאנץ? און ווידער, א גליסטונג; אראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער וּהכעיס אלע פרומע און גוטע, אלע שטילע — און שלאָפנדיקע. להכעיס, אלע שעמעוודיקע און פרומע — צו בלייבן שטיין א נאַקעטער פ א ר ר ב י ן. וואָפקע האָט אויפגעציטערט. ער הערט דעם רבינס רייד, דעם רבינס מוסר, וואָס ער, דערפילט ווי נאָדלען אין לייב.

וואָפקע טרייבט ס'פערד אָן רחמנות! אין גאַנצן א דערשוויצטס וויפּט עס. ניין, ס'פליט! די גראָזן, די ביימער, טאַנצן זיי אַקעגן און פאַרשווינדן. נישט ווייט פון די בערג איז די ערד א שטיינערנע, א ווייסע ווי קאַלך. א שטאַרקער ווינט הויבט זי אויף און דערשטויבט זי אונטער דעם פערדס-קלאָען. וואָפקע און דאָס פערד זיינען ווייס פונ'ם שטויב וואָס הילט זיי אַרום ווי א וואָלקן און אָט; איז דאָס פערד אָפּערגעפלוינן פון אונטער אים און ביידע באַזונדער טראָגן זיך אין די לופטן. די פּאָלעס פון זיין בעקעשע זיינען פליגלען, דאָס פערד זיינס — א פויגל. דעם פערדס ווידל איז אויפגעשטעלט, די פיס איינגעצויגן אזוי, אז זיי זאָלן די ערד נישט באַרירן. ער און דאָס פערד יאָגן זיך ווי זיי וואָלטן זיך געוועט: ווער פון זיי בייערע וועט פריער צו די בערג אָנקומען. אָט איז דאָס פערד פריער פאַר אים ס'האָט זיך צו די הימלישע הויכקייטן אַרויפגעריסן און ער זעט עס שוין ווי ס'זעט א ווילדע קאַטשקע איבערן טייך פליען. ניין, ער וועט זיין פ ר י ע ר! נענטער צו די בערג און ווייטער פון סאַנדז. וואָפקע צעשפּויעט די הענט, ציט זיך אוים אין די לופטן מיט אלע כוחות, מיטן לעצטן ווילן גיט ער זיך א רייס פאָראויס און פלוצלים — באַץ!...

ס'איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן, מיטן קאָפּ האָט ער אָנגעשלאָגן אין ערשטן פעלז פון די בערג. פונקן פון די פערדישע פּאָרקאָוועס האָבן א שפּריץ געטאָן.

די קלאַטשע האָט זיך אָנהיימלעך צעהיזשעט ווי זי וואָלט באַוויינט וואָפקן, וואָס איז געבליבן ליגן מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ א האַלב טויטער לעבן וועג.

שעיה שניידער פון מיעלעץ

שעיה שניידער פון מיעלעץ איז געווען א מזיק אין מעשיות דערציילן. ווייטן געמיט זיינעם, לויט די צאָל קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געהאַט אין קעלערל, די וואָג פון קאָרן-מעל אין שפּייז-שענקל אזא מעשה איז ביי אים אַרויסגעקומען.

איז דאָס קעלערל געווען פול ס'מעל א סך, דאַמאָלס — זיינען די

דערצייילונגען געווען פריילעכע. צו איז עס געווען א מעשה וועגן פריזיוואניקעס, אָדער, וועגן ווונדערליכן פורים-שפּילער. איז חלילה געווען פאַרקערט: אויב איטאַ די יידענע זיינע איז געזעסן און באַקצט א יעדן קאַרטאָפל, וואָס ווערט ווייניקער און צוגעשניטן זיך די פינגער ביים שיילן זיי — דאַמאָלס, איז ווי א שווערער שווארצער וואָלקן געהאַנגען איבער דער שטוב און זיין שווערקייט און טרויער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין שעיה'ס דערציילן.

איבערגעוואָרפן דעם אָרשין איבער די אַקסלען מיט א צעקנעפּלטער האַריקער ברוסט איז ער ווי א געעפנט בוך געוואָרן. ווי גאָט אין ששת ימי בראשית, וואָס ערד און הימל איז אין זיינע הענט — זיינען די העלדן פון שעיה'ס דערציילונגען אין זיינע הענט געווען.

א קליינער, א דאַרער און קראַנקער. „א זדעכלאַק" ווי איטאַ האָט אים גערופן איז ער ביים דערציילן אַן אַנדערער געוואָרן. אויף די בלייכע באַקן; האָט א רויטקייט אויפגעבליט. א דין שמייכעלע האָט זיך אַהין און צוריק אויף די ליפּן געגליטשט און אין די האַלב אויסגעלאָשענע אויגן א פייערל אָנגעצינדן.

ער איז העכער געוואָרן. ביים דערציילן, ברייטער. דער קאָפּ אויפגעהויבן — אין דעם ברוינעם בערדל האָט א יעדער האָר געציטערט. דאָס פּנים דערשוויצט, די קנייטשן אָנגעדראָלן. ווי אשמדאי, וואָס שטייט אין די הרי-אררט און שליידערט די זינדיקע אין כף הקלע אזוי, האָט ער אין די מעשיות— זיינע שונאים געשליידערט.

געווען איז אין מיעלעץ רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַט אייגענע פּאָסעסיעס. העכער צו מיידאַן נישט ווייט פון דזשיקאָוו זיינען געווען ענדלאָזע שטחים, וואָס האָבן געהערט צו גראַף טאַרנאָווסקי, צו באַראָן הירש.

די שטאָט האָבן אַרומגערינגלט רייכע דייטשע קאָלאָניעס: ציערמין, יוזעף-דאָרף וואָס נאָך דער קיסר יאָזעף האָט געגרינדעט געבנדיק אָראָפּגעבראָכענע פון עסטרייך דייטשן בתינומדיקע לאַנדונגען.

פון די אַלע אָרטשאַפטן האָט א יעדן דאָנערשטיק פון פאַרטאָגס א פלייץ געטאָן מיט גוטס אויף דער שטאָט. נישט בלויז די שענקן, קראָמען זיינען פול געווען מיט פּויערים נאָר אויך — די שטובן און בוידעמער. אויף א יעדער שפּאַן ערד איז מען געשטאַנען און געהאַנדלט. די גאַסן אָנגעפּראָפּט מיט אָנגעפּאָרענע פורלעך מיט א געשריי פון גענז, חזרים. א הירזשן פון פערד — אין ערגיץ, קיין שפּילקע נישט וווּ צו וואַרפן!

ווייט און ברייט איבער דער שטאָט ביז דער גרעניץ פון יידישן בית-עולם, האָט זיך ווי א צעפלייצטער טייך דער יריד צעגאָסן. ס'האָט גע-

שמעקט מיט נייעם־צײַג, מיט שטיוול לעדער און צעטאָפּיעט חזיר־פֿעטס. אין די שענקן ביי לאַנגע, נישט צוגעדעקטע טישן, זיינען געשלאָסן געוואָרן פֿורישע שידוכים. אַלע סיכסוכים וועגן אַ גרעניץ פֿון אַ פֿעלד, וועגן אַ שאָטן פֿון אַ שכנס־בוים, וואָס איז געפֿאַלן אויף אַ צווייטנס ערד האָט מען אין שענק ביי אַ גלעזל — אויסגעגליכן.

בלויז, איין הייזל איז געשטאַנען אין דעם צעווינגטן ים ווי קיינמאָל גאָרנישט — דאָס איז געווען די שטוב פֿון שעיה שניידער. דאָרט, האָט פֿון באַלקן אויף אַ דראָט אין מיטן שטוב; אַראָפּגעהאָנגען אַ נאַפֿט־לאָמפּ, וואָס זיין טעלער האָט אין די אָונטער אַראָפּגעדרוקט די שיין אויף דעם ברייטן שניידערישן־טיש אַ פֿאַרוואָרפֿענעם מיט צייגן, אָנגעשטעלט מיט אַ פּרעס־אייזן און אַ פּרעס־ברעט.

אָט די קאַרגע שיין פֿון לאָמפּ דאָס איז געווען די גאַנצע פֿרייד אין דער שטוב. זי, די שיין האָט זיך מילד צעגאָסן אויף די נאַקעטע ווייס־געקאַלכטע ווענט, וואָס זיינען באַהאָנגען געווען מיט נישט אויסגעפֿער־טיקטע שטיקלעך אַרבעט. די פֿיר ווענט זיינען עס ג עוו ען שעיה׳ס וועלט. דאָס ווייב און די צוויי געזעלן — די וועלט־באַוווינער. דער באָרשט אין טאָפּ — אַלע פֿאַרגעניגענס וואָס אַ מענטש קען נאָר האָבן.

שעיה איז נישט געווען קיין גוטער שניידער. ווי זיין קאָפּ האָבן אויך די הענט זיינע געפּלאָטערט. כאָטש, דער קאַלענדאַר אויף דער וואַנט איז ביי אים מיט מאָסן געווען פֿאַרשריבן, לענגען און ברייטן — האָט ער אָבער אייביק ביים צושניידן געמאָסטן מיטן בלויזן אויג. — וואָס אַ טלבוש אויף שמעון ראַפּאָפּאָרט דאַרף איך מעסטן?

— צוואָנציק יאָר זיינען מיר דאָך שכנים. וואָס, איך קען אייך נישט? האָט אים שעיה געענפֿערט, ווען יענער האָט פֿאַרלאַנגט ער זאָל אים די מאָס נעמען.

כל־זמן אין שעיה׳ס וואַרשטאַט איז געווען אַרבעט, האָט עס געהייסן די „גוטע־צייטן" ביי איטען שעיה׳ס ווייב. דאָס איז געווען דער פּ ר י־ ל י נ ג אין זייער צוזאַמענלעבן. אַ לאַנגער פֿאָדים אין דער נאָדל, אַ הייס פּרעס־אייזן האָט זיסער געמאַכט דעם באָרשט און אַנדערש האָבן געבולטשעט די קאַרטאָפֿל אין טאָפּ.

געווען אָבער אויך אַנדערע צייטן; דאָס זיינען געווען די ביטערסטע אין זיין לעבן, ווען קיין אַרבעט איז נישט געווען. מיטן לעצטן שטיקל אַרבעט איז אַוועק דאָס לעצטע ליד פֿון געזעלנס מויל און פֿאַרגעסן איז געוואָרן די לעצטע געשיכטע. די אַלטע הילצערנע ווענט, האָבן אויפֿגע־הערט וואַרעמען און האָט אין דרויסן געקענט אַ פֿרילינג־זון שיינען איז אַ זילבערנע פֿראָסט אַרויפֿגעקראָכן אויף די ווענט. וואָס האָט שעיה „זדעכ־

לאַק" אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען אין וואָרעמען שפּענצער מיטן שאַליק אויפן האַלז, פאַרטריבן אין בעט אַריין און געמאַכט זיין פּנים בלאָ ווי אַ מילך און ווי אַן איינגעשרימפּנע פלוים איז זיין קאָפּ אויפן קישן געבליבן ליגן.

ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז געווען מן השמים, אַז אין שעיה'ס משפּחה זאָל מען שטאַרבן אויף אַן אויסטערלישן אופן. ווייל, אויך שעיה'ס פֿאָטער עזריאל שניידער אָדער, ווי מען האָט אים גערופן עזריאל „טראָס-ביאַזש" איז נישט געשטאָרבן אויף זיין בעט.

געשען איז עס אין די צייטן, ווען מען האָט געטריבן נאַפּאָלעאָנען פון אונטער מאָסקווע. אויף די יידישע שטעטלעך איז דאַמאָלס אַ גע-דערכטע חשכות געלעגן. די יידן געשלאָגענע אי פון די פּריצים אי פון די פּויערים האָבן זיי דערוואַרט נאַפּאָלעאָנען ווי מען דערוואַרט אַ גואל. אַ צייט פאַר זיין באַווייזן זיך האָט דער ראַפּטשיצער צדיק ר' נפתלי גע-הערט אין די נעכט די עקבי המשיח און דערנאָך, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיינע חילות דורכמאַרשירט פּוילן — האָט מען אויף אַ יעדן יידישן געסל אָנגעוויזן; אָ, דאָ, איז ער דורכגעפאָרן. אָ, דאָ, האָט דער אימפּעראַטאָר געבענטשט.

אַלע טאַבאַק-פּושקעס, בשמים-ביקסלעך אין די גביריש יידישע שטובן: — „דאָס האָט נאַפּאָלעאָן אַ מתנה געגעבן". ווען מען האָט נאַפּאָ-לעאָנען צוריק פון אונטער מאָסקווע פאַטריבן איז די חשכות אין די יידישע שטעטלעך געדערכטער געוואָרן.

„מירן געהערט, בנאַכט אַ קאָטש אַדורכפאָרן. צו דער לבנה שיין, האָט מען געזען, אירע זילבערנע רעדער. די פערד שווארצע. ביי ביינעש גראָס האָט מען אין פענצטער אָנגעקלאַפּט און מען האָט זיך געפרעגט אויפן וועג קיין ווין".

זייט יידן זיינען יידן איז נאָך אין זייערע געצעלטן אַזאַ דערשלאָגנ-קייט און טרויער נישט געווען ווי דאַמאָלס.

נאָר איינער, עזריאל שניידער האָט פון זיי אַלע געלאַכט:

— וויים איך וואָס! וואָס איר רעדט דאָרט! נאַפּאָלעאָן וועט זיך לאָזן טרייבן? אַ קלייניקייט, דער אימפּעראַטאָר ירום הודו!

אַזוי האָט עזריאל נישט אויפגעהערט טענהן און מלא חמה געוואָרן ווען ס'האָט ווער נאָר געוואַגט איבערחזרן וועגן נאַפּאָלעאָנס אַנטלויפן.

דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז עזריאל האָט אַוועקגעוואָרפן שער און אייזן און טעג גאַנצע ווייזט זיך אויס שוין מיט אַ וואָרים פון צווייפל אין הארצן — איז ער געשטאַנען און געקוקט אין די וויים-

קייטן. אָנגעשטרענגט און פֿאַרביסן. טעג גאַנצע, איז ער אַרומגעגאַנגען — אַ שווייגער און אונטערגעברומט נאַפּאָלעאָנס קריגס־מאַרש. ביז אַמאָל אין אַ ווינטערדיקן פֿאַרטאָג האָט מען עזריאל שניידער געטראָפֿן ליגן אַ טויטן אויפֿן אָפֿענעם קייסער־וועג אונטער דער שטאָט.

עפּיס ענלעכעס, איז געשען מיטן זון זיינעם מיט שעיה שניידער. איטע, דאָס ווייב זיינס איז שוין געווען אויפֿן עולם האמת. אויף די עלטער האָט זי געבוירן אַ זון און אַ שעה נאָכן געבוירט פֿון קינד איז זי פֿון דער וועלט אַוועק. בלייבענדיק אַליין מיטן ניי־געבוירענעם האָט זיך שעיה שנעל אויסגעטיוּכעט פֿון אַלע חולאתן. נאָר פֿאַרלוירן האָט ער דעם חשק צו שניידערישע אַרבעט. האָט ער אין אַ שיינעם מאָנטיק ברייטער געעפֿנט די טיר פֿון זיין פֿאָרהויז, אַוועקגעשטעלט אַ פּאַס הערינג, עטלעכע צענטער זאַלץ, אַ וואָג מיט צוויי בלעכענע טעלער אויף קייטלעך און אויף אַזאַ אופֿן איז ער אַ קרעמער געוואָרן.

געשטאָרבן איז שעיה נישט לאַנג דערנאָך ווי ער האָט זיין קלייטל געעפֿנט. געשטאָרבן, אויף אַן אויסטערלישן אופֿן ווי דער זיידע זיינער עזריאל. געשען איז עס אַזוי:

נאָך הושענה רבה זיינען די נעכט שטאַרק פֿינצטערע, געדעכטע פֿון נעפּלען און בלאָטעס. אַזוי ווי די האַרבסט־טעג זיינען קורצע געווירן די האַרבסט־ירידים ביז שפּעט אין דער נאַכט. איז שעיה געזעסן אין אַזאַ יריד־אָוונט ביים נאַפט־לאָמפּ אין קראָם, אַליין. קומט אַריין אַ פּויער. אַ מאָדנע פּויער איז עס געווען, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ מענטשל פֿון די קאָרטן אַראָפּ. קוקט זיך שעיה שניידער אין אים איין און זאָגט אים:

— האַ, קומיע! דאַכט זיך, מיר קענען זיך?

— אודאי, ענפֿערט דאָס פּוירל.

שטעלט זיך אַוועק דאָס שניידערל טראַכטן: אי דאָס פּנים פֿון פּויער, אי זיין יידיש, וואָס ער רעדט איז אים שטאַרק קשה. ווי ער טראַכט אַזוי, ווערט אין געוועלב אַזוי העל, אַז שעיהן הייבט אַזש אָן שווינדלען פֿאַר די אויגן פֿונם ליכט. ער קוקט זיך אַרום און זעט: די שטיקער זאַלץ לייכטן ווי קריסטאָל. די הערינגען אין די פּעסער שווימען אַרום ווי גאָלדענעפּיש. געפּלעט, ווייסט ער נישט — צו שרייען — צו גאָר לאַכן פֿון דעם וווּנדער איבער וווּנדער. פּלוצלים, אַ גאָלדן רענדל אויפֿן טיש פֿון וועלכן עס שטראָמט דאָס ליכט. נישט ווילנדיק, אָנ'ם מינדעסטן געדאַנק פֿון זינד, האָבן זיך זיינע הענט אויסגעשטרעקט צום גאָלד און גלייך, מיט דער טוּ־אונג, זאָגט אים דער געדאַנק אונטער: „וואָס משטיינס געזאָגט איז אַ רענדל, פּסחי׳ ראַפּאָפּאָרט האָט זיי גאַנצע טעפּ!...“ און ווי ער האָט זיך

אזוי צוגעהערט צום געדאנק, ווערט פון רענדל צוויי. האלט ער זיי אין זיינע הענט און ווייסט נישט וואס מיט זיי צו טאָן. קומט א צווייטער געדאנק און זאָגט: „ווי קומט צו דיר רענדלעך? צו דיר? א שניידער בן שניידער." גיט אים אין האנט-גריבל א שטאָך, פון הארץ דערגייט זיך אזש אָן איבלינג און מיט עקל ווארפט ער זיי צוריק אויפן טיש אוועק, און ווען די רענדלעך גיבן מיט א גאָלדענעם קלאנג א ציטער — רופט עס אין אים ארויס אי א פארדראָס אי, ווי ס'וואָלט ווער אין אים, געחוזקט.

„יאָ, יאָ, א גאנץ לעבן אָפּגעקרענקט אין דחקות. אָן איבריקן קארטאָפל זיך נישט פארגינען. אליין, געחוזקט פון פעטע בייכער, פון ווארעמע בעט-געוואנטער און אצינד, גיט נאָר א קוק אין גאָלדענער קלאנג און שוין האָט זיך אים דער קאָפּ פארדרייט. שוין שטייט ער א צעמישטער מלא תאוה און לעכצונג!". ווי ער טראכט אזוי ווענן דעם אלעמען: דערזעט שעיה אויפן טיש ליגן שוין דריי רענדלעך — דריי גאָלדנע אויגן און שעיהן גיט א מיש אין קאָפּ און די הענט, צו יאָ, אָדער אָן זיין ווילן: שטרעקן זיך צו זיי.

אזוי איז שעיה געשטאנען א גאנצע נאכט און רענדלעך איבערגע-וואָרפן און ביי איעדן וואָרף האָבן זיי זיך פארדאָפּלט ביז א גאָלדנער הויפן איז אין קלייטל אויפגעוואקסן.

ס'שטעטל שלאָפט. בלינד זיינען אלע אירע פענצטער. שעיהס קרעמל שטייט אָפן. דאָס פלעמל אין לאָמפּ האָט אויסגעצאנקט, בלויז פון גאָלד גלאנץ ווערט עס באשיינט. שעיהס הענט פאָלגן אים מער נישט. רק זיי וואָרפן און מישן דעם גאָלד-בארג און ביי א יעדער מיש אָן אנדערע געדאנק אין קאָפּ, א צוויט געפיל אין הארץ. אזוי לאנג האָט עס געדויערט ביז א פארמוטשעטער פון דער תאוה איז ער. ווען ס'האָט זיך דערהערט דער ערשטער קריי פון האָן אוועקגעפאלן א טויטער.

צו די דאָזיקע וואונדערליכע געשיכטע איז אמת אָדער נישט האָט מען נישט געקענט פעסטשטעלן. דערציילט האָבן זי סאנדזער חסידים. וויל שעיה שניידער איז געווען דער טאטע פון גרויסן ניעפּאָלימיצער-צדיק ר' הושע העשל, וואָס אין סאנדז האָט מען קענן אים געפירט גרויסע מחלוקתן און די דאָזיקע דערציילונג האָט באדארפט באווייזן, ווער ס'האָט געמאכט געבוירן „דעם ניעפּאָלימיצער גראָבן-יונג", ווי זיי האָבן גערופן ר' הושע העשלן.

ר' הושע העשל

מקדמונים, האָבן אין מערב גאליציען יידן געוווינט אין דערפער און באארבעט דאָרט די ערד. געווען זיינען אויך אין גאליציען יידן פּורמאנעס,

וואָס האָבן מיטן שוויס פון זייער פנים פאַרדינט זייער ברויט ביים אַרויספירן פון די וועלדער צו די טייכן געהילץ. אויך שיפערס אויף דער ווייסל, סאַן, זיינען געווען יידן. זיי דאָס האָבן אין די שפּעטע נאַכט שעהן ביים שיין פון נאַפט-לאַמטערנעס מיט שטאָלנע אָרעמס געשיפּט און אַריבערגעפירט דורך די טייכן דורפאָרעס, ווייל — בריקן זיינען דאַמאָלס ווייניק געווען.

אַ לאַנגע צייט פאַר ר' הושע העשלס נתגלה ווערן, האָט ר' חיים סאַנדזער געטריבן די דאָרפס-יידן אין שטאָט אַריין זיי זאָלן זיך אין שטאָט פאַרנעמען מיט מקח און ממכר. ווו אַ יידישער יישוב, האָט זיך זיין געשריי געהערט: וווינט נישט צווישן שיינע בערג און גרינע טאָלן, וואַסערפאַלן און אויסבליקן וואָס דערקוויקן דאָס אויג פון מענטשן! כאָטש, דער דברי חיים האָט געוווינט אין סאַנדז צווישן בערג און וועלדער האָט ער עס אָבער פאַר זיך געהאַלטן פאַר אַן עונש, וואָס גאָט ברוך הוא האָט איבמעניש געווען.

ווי פאַר פייער, האָבן זיך די דאָרפס יידן פאַר ר' חיימן געשראָקן. די, וואָס זיינען אין זייער ערד געווען איינגעוואַקסן, ווי אַ צאָן אין פלייש. נישט געוואָלט האָבן די יידן פאַרלאָזן זייערע דאָרפישע היימען. ליב האָבן זיי געהאַט די טייכן זייערע, וואָס זיינען אין די פאַרטאָגן געווען צוגעדעקט מיט ווייסע-נעפּלען. ליב איז זיי געווען דער שאַל-האָרן פון פאַסטוך. און נישט שיידן האָבן זיי זיך געקענט מיט די פּי זייערע, מיט די פאַראָסטעטע-אַקער אייזנס און מיט די קודלאַטע הינט, וואָס האָבן אין די נעכט געבילט אויף די דאָרפישע וועגן. דאָס האָט געברענגט; אַז די פּראָסטע יידן האָבן געבענקט נאָך זייערס אַ צדיק אַזאָלכער, וואָס זאָל פון זייער אייגן פאָלק קומען.

יאָרן זיינען אַוועק און קיין צדיק האָט זיך נישט געוויזן. ווייל גיי און ווייס, אַז אונטער די פלייצעס שטייט דער יתום נאָך שעיה שניידער, וואָס אַ סומע האָט פון מיעלעץ געברענגט, כדי, אים ווי אַ זון אויפצוהאָדעווען.

פאַרהוילן זיינען די וועגן פון גאָט און נישט אויף זיי קען אַ מענטש טרעטן און באַנעמען, פאַרוואָס איז רעכטס רעכטס און פאַרוואָס — לינקס איז לינקס. ווייל צו האָט ווער געקענט משיג זיין פאַרוואָס גראָד האָט עס באַדאַרפט זיין משה כלעבוש? דער יעניקער וואָס ווערט אַ ווייז טאָן מיטן פינגער: אָט איז ער! משה כלעבוש, דער פורמאַן, וואָס האָט געפירט געהילץ פון די וועלדער און וואָס געמורמלט האָט מען וועגן אים נישט קיין שיינע זאכן, דהיינו: — ווינטער, ווען די פרעסט זיינען גרויס פאַרגנבעט ער זיך אין וואַלד און די הענט זיינע זיינען פון גנבה נישט ריין. ער דאָס האָט יאָרן זיך צוגעקוקט צו ר' הושע העשלס התבודדתן אין די וועלדער. געזען אים פאַרטאָג ביי די טייכן. געזען און געשוויגן. ביז גע-

קומען איז די מנוח, ווען שווייגן מער האָט ער נישט געקענט און דורך אים איז ר׳ הושע העשל נתגלה געוואָרן.

אַ צדיק איז געווען ר׳ הושע העשל, שעיה שניידערס זון. די וווינונג זיינע איז באַשטאַנען פון איין גרויסן חדר מיט אַ ליימענעם דיל. אין גאַנצן כמעט אָן מעבל. אין אַ ווינקל, געמאַכט פון פּראָסטע ברעטער איז געשטאַנען אָן אָרון קודש, פאַרהאָנגען מיט אַ טוכענעם־פּרוכת. אַ קעגן איבער; האָט אַ טיר געפירט אין אַ טונקעלן אַלקער — דאָרט האָט געוווינט אַ ברוגזע, די די רבצין. לענג אויס די דרום־וואַנט, צוויי פענצטער, וואָס זייערע שויבן זיינען תמיד געווען פאַרטרערט פון די פאַרע און שוויים וואָס איז אין שטוב פול געווען. לענג אויס די צוויי פענצטער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אַ צוגעדעקטער מיט אַ טישטוך פון גרעבנעם־לייוונט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט דאָס חדר ענלעך מער צו אַ קרעטשמע איידער צו אַ שטוב אין וועלכע ס׳וווינט אַ גוטער ייד.

זומער און ווינטער. אין דער צייט פון די גרעסטע שניי־קרירעס אין די טריקנסטע תמימות. אַפילו שבת — אויב ס׳איז געגאַנגען אין סכנת־נפשות, איז דעם רבינס שטוב געווען אַרומגעשטעלט מיט פורלעך. פון ווו ווייט האָבן פּראָסטע יידן צום רבין געברענגט זייערע אומגליקן און צרות. אַ געשריי, אָנהויבנדיק פון דעם שרעקלעכסטן וואָס האָט הימלן געריסן ביזן שטילסטן קרעכץ פון אַ מאַמיש געוויין דורך עפּיס אַן אויסרוף פון אַ פאַרצווייפלטן יידן „לית דין ולית דיין!“ האָט זיך דאָרט געהערט.

נישט בעסער און נישט אַנדערש איז געווען אינעווייניק—אין חדר ביים רבין אַליין. כאָטש, ווי אַזוי האָט מען עס גאָר געקענט אָנרופן „אינעווייניק“, אַז תמיד זיינען די טירן געשטאַנען אויפגעבראָכן, צעפּראַלטע צו דער גאַס, אַזוי; אַז דער ליימענער־איינגאַנג האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ בלאָטיקער וועג, וואָס ציט זיך דורכן רבישן־חדר.

די שטוב איז אייביק — פול געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, ווייבער און מאַנסבילן — די הענט זייערע, צעפלאַקערט ווי פלאַמען, וואָס האָבן זיך געהויבן: נענטער, נענטער צום טיש, וואָס איז ביים פענצטער געשטאַנען.

ר׳ הושע העשל איז געווען אַ מענטשל ווי אַ ניסל גרויס. פון יאָרן תענתים. פון טובלן זיך אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן אין די אייז־גראַבעס. פון אַ שווערער יוגנט, וואָס ער האָט געהאַט ביי דער מומען, אַ פּאַגרעבטע יידענע און דער עיקר — פון יידישע טרערן, וואָס האָבן אייביק אַרום אים ווי געזאַלצענע קוואַלן געריננען.— פון דעם אַלעמען איז ער געווען ווי אַ דאַרע־פייג און כאָטש, דאָס פּנים זיינס האָט אַרומגענומען אַ קורצע

באָרד אַ געקרייזלטע ווי ביי אַ שעפּס, האָבן דאָך די לעבעדיקע אויגן גיכער אים ענלעך געמאַכט צו אַ קינד, וואָס, כדי דערפון שפּאַס צו טרייבן האָט מען עס אַנגעטאָן אין אַ זשיפּיצע, אין אַ ברייטן פלושנעם רבישן קאַפּאָטש.

קיין גבאים האָט הושע העשל אויך ביי זיך נישט געהאַלטן.

— אַ פאַרשפּרעכער, אַ מליץ, דאַרף מען האָבן צו כביכול און ווער בין איך דאָס? נישט מער ווי אַ טפּה סרוחה, עפר ועפר! אַז אַ מענטש זאָל צו מיר דאַרפן גיין דורך אַ פּרוזדור,—אַ פאָרהויז, צו וועלכן די זינדיקע וועלט איז געגליכן.

פאַרדאָס טאַקע, זיינען אַלע, וואָס זיינען צו אים געקומען ווי הייפּטלעך-קרויט, אים געלעגן אויף די פּלייצעס אַזוי, אַז פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט זיין שוואַך קול אַ מידס פון תענתים:

— איר דערקוועטשט מיך! וואָס טוט איר?

ווען דער פאַרזאַמלטער עולם האָט דאָס דערהערט האָט ער גיכער פון רחמנות ווי פון שרעק אויף אַ ווײַלע זיך צוריקגעצויגן כדי, באַלד מיט מער כח אויף אים זיך ארויפשטיפּן און רייסן ממש שטיקער פון רבין.

ווי שוין דערציילט האָט מען אין סאַנדז הושע העשלען פיינט געהאַט. גערופן אים: „ניעפּאָלימיצער גראָבער יונג" פאַר אָט די אַלע „שטיקלעך". קיין סוד איז אויך נישט געווען, אַז הושע העשל איז נישט קיין תלמיד-חכם און דער איינציקער וועג זיינער צו גאָט איז אַ קליין, פאַרשוויצט תהילימל, וואָס ער האָט אייביק געהאַלטן אין דער שיפער קעשענע פון דער זשיפּיצע, עפּיס אַזוי — ווי סוחרים האַלטן אַ ביכעלע ווי זייערע מסחרים זיינען פאַרשריבן.

פיינט האָט מען אויך אין סאַנדז געהאַט הושע העשלען ווייל ער האָט פאַר זיין טואונג קיין געלד נישט גענומען. זייער וועלטן האָט אַ דאָרפס ייד געברענגט אַ שטיקל פּוטער, אַ הון, וואָס דער ייד האָט אַריינגעוואָרפן אין פינצטערן אַלקער צו דער רבצין. און אַ חוץ דעם האָט ער פאַרשוואַרצט דעם רבישן שטאַנד מיט זיינע מעשי-נערות, דורך קינדישע שטיק, דורך גראָבע רייד און דעסגלייכן, וואָס ער האָט מיט דאָרפס יידענעס געפירט.

אין סאַנדז איז מען מלא חמה געוואָרן ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ביי הושע העשלען גייט עס שוין אַזוי ווייט, אַז ער פּרעגט זיך ביי אַ דאָרפס-יידן וועגן די קו, וויפל מילך זי גיט, וועגן דעם משרת וואָס יענער האַלט און אַנדערע נאַרישקייטן וואָס אַ חרפה איז זיי צו נעמען איבערן מויל!

הושע העשלס חסידים זיינען מייסטנס געווען דאָרפס-לייט און יידנעס עקרות. גענומען האָט עס זיך פון דעם, וואָס אַזוי ווי שלמה המלך האָט

געקענט די שפּראַך פון די פייגל און חיות, אַזוי האָט ער געקענט די נעמען פון אַלע קרייטעכצער וואָס זיינען אויף דער וועלט נאָר פאַרהאַנען און קענען ברענגען דעם מענטשן אַ געזונט. ווי פיל גראָזן אין פעלד — אַ יעדער בלימל מיט איר בלעטל און קאָליר, ווער און צו וואָס זיי זיינען האָט ער געוווסט: נאָכמער, אין זיין תהילימל האָט ער געזאָגט וואקסן זיי ווי אויף דער ערד: ער האָט זיי געטראָגן מיט זיך. געהערט ווי זיי וואקסן אין זיינע תהילים בלעטלעך. אונטער אַ יעדער וואָרט אַ צווייגל. אונטער אַ יעדער נקודה — אַ בלעטעלע. פּאַרדאָס, איז קיין וווּנדער נישט, אַז אין די זומערדיקע פאַרטאָגן האָט מען דעם רבין געזען שטיין ביז איבער די קנעכלען אין פעלד אין גראָז מיט מאַרגנטוי אַ באַשפּריצטן מיטן תהילימל אין דער האַנט. אַ קוק אין סידורל און אַ זאָג:

לדוד — האָט זיך אָנגערופן דאָס גרעזל וואָס הייסט לדוד.

בשנותו —האָט זיך אָנגערופן דאָס גרעזל בשנותו.

וויפל ווערטער אין תהילים אַזוי פיל גרעזלעך, בלימלעך, שטעכעלקעס און אַלעס וועקט זיך ווען ר׳ הושע העשל רופט זיי און צוזאַמען מיט אים אַזוי קליין ווי ער איז שטייען זיי און וויגן זיך שטיל אין ווינטל און זאָגן אַ שבח צום בורא עולם.

אַ סך מאָל האָט מען ביי הושע העשלס טיש געהערט אַ געוויין:

— רבי, אַ קו האָב איך, גיט זי נישט קיין מילך. די פּאַשע איז אַ זיסע נאָר עפּיס אַ קללה פון דעם, וואָס לעבט אייביק. נישט אַנדערש!

ווען אַ ייד איז געקומען מיט אַזאַ טענה האָבן הונדערטער יידן דעם רבין געקענט באַלאַגערן, רייסן די פּאָלעס זיינע, האָט ער נאָר דעם ייד אויסגעהערט און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אים איבערגעפרעגט:

— און וויפיל מאָל גיסטו איר אין טאָג צו טרינקען? און ווען איז זי קעלביק געווען? און ווען דער ייד, האָט אים אַלעס דערציילט — האָט ער אַרויסגענומען דאָס תהילימל פון קעשענע, געמישט און געמישט ווי ער וואָלט אין תהילים פון דוד המלך געזוכט אַ רפואה און צום סוף געזעצט:

— נעם דאָס בלימל, וואָס וואַקסט ביי די ריוועס, אַ געלס איז עס. אין דעם רערל האָט עס מילך. אַ יעדעס מאָל, ווען דו גיסט די קו פּאַשע, וואַרף אַריין אין היי זיבצן בלימלעך כמנין טוב.

מייסטנס אָבער האָט ער מקרב געווען ווייבער עקרות. די וויטיקזייערע און לעכצונג אַ לעבן אויף דער וועלט צו ברענגען, וואָס אָט די וויטיק איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער, אין די אויגן זייערע, האָבן געפּנט אַ קוואַל פון ליבשאַפט און רחמנות צו די ווייבער און כאָטש, דרייסיק יאָר שוין זיינען זיי צו אים געקומען מיט די זעלבע טענות, האָט דאָך, אַ יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיי געהערט — האָבן זיי אין אים אַ ריר

געטאָן אַ פאַרבאָרגנע שפּינדל פון אָנרו: וויפיל די טוירן צו די הימלן זאָלן נישט זיין געשלאָסן פאַר זיינע תפלות — האָט ער זיי געעפנט און געגאַנגען צו זיי מיט יענעם ליכטיקן וועג אָן אויסגעפּלאַסטערטן פון שטערן, ווען אַ באַשיינטער, אַבאַגאָסענער אין גאַנצן פון זילבערנעם לבנה־ליכט האָט ער זיך געטובלט אין טייך. אויסגעטאָן פון אַלע גשמיותן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זשיפּיצע, די גאַרטל, די שיך און זאָקן. אַ נאַקעטער ווי אַ ניי געבוירן־קינד, ווייט פון מענטש, פון זייער כאַמערן אין די בעטן — איז ער געוואָרן אַ נאַכטפויגל. אַזעלכער, וואָס גיט זיך אַ שמיץ אַדורך פאַרן אויג און צערינט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אַ זילבער־פליג איז ער געוואָרן, אַ וואַסער־מענטש, ווען ער האָט זיך געזען אין שפּיגל פון טייך און אַ שטאַרקייט האָט ער אין זיך דערפילט, וואָס מען קען זי גאָרנישט מיט אַ מענטשלעכע השגה באַנעמען און אין אַזאַ מנוט האָט ער געוווסט וועט ער נאָר זיין מויל עפנען וועלן זיך די שטערן אַ שיט אַראָפּ טאָן פון הימל עפּיס אַזוי ווי אַ שניי שיט זיך אַראָפּ פון מענטשנס־שולטער.

אין די מנוטן האָט ער זיך פאַרן כסא כבוד איינגעשטעלט פאַר יידישע עקרות.'

פאַר אַזעלכע מנוטן האָט זיך אָבער ר' הושע העשל געשראָקן „צו הויך טאָר אַ מענטש זיך נישט אויפהייבן" און ווען ער האָט אין זיך זיי דערהערט קומען, האָט ער שנעל אויף זיך אַרויפגעצויגן די בגדים. כדי צוריק זיין מענטשלעכע שוואַכקייט צו געווינען. כדי, צו דערפילן, ווי אַ יעדער בשר ודם די נעץ און קילקייט פון דער נאַכט און צוריק אַ מענטש ווערן.

נו איז אַ וווּנדער וואָס אַזאַ צדיק האָט מקרב געווען עקרות? בעולטע פון נאָט, האָבן זיי געפונען אַ וועג צו זייער רבין און פאַר אים אָן בושה, ווי אַ פרוי פאַר איר חברטע אים אַלץ דערציילט. באַליידיקטע פון דער נאַטור — האָבן זיי אים נישט געבעטן נאָר געקומען מיט טענות — ער זאָל זיך פאַר זיי מיען פאַרן כסא הכבוד:

— רבי, דריי מאָל בין איך פאַרגאַנגען אין טראָגן און אַ יעדעס מאָל נישט געקענט דאָס קינד אין מיינע געדערים מער ווי דריי חדשים דערהאַלטן. ווי האָט נישט כביכול רחמנות אויף אַ יידישע טאָכטער? ווי געשיקט זיך עס?

שבת האָט ר' הושע העשל נישט געפירט קיין טישן און אויך קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. אַליין איז ער געזעסן אין חדר ביים טיש. וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ טישטוך און שטיל געזינגען זמירות. אין שטוב האָט געהאָנגען דער געשטאַנק פון שוויים, אַ פוילע נעץ און דאָס געשריי, וואָס די מענטשן פון אַ גאַנצע וואָך האָבן דאָ איבערגעלאָזט.

אָבער ער אַליין האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן שטיל און מיט אַן אָנגע־צווינגענער פאַרגליווערטקייט פון אַלע זיינע אבֿרים, האָט ער מנוחה אַרום זיך פאַרצויגן: „באָ שבת באָ מנוחה‟, קיין איבריקן באַוועג מיט די ברעמען פון די אויגן האָט ער נישט געטאָן. געציילט, איינגעווינט זיינען דאַמאָלס געווען די טריט פון זיין הארץ, און ביז אוונט ווען די שויבן זיינען בלוי געוואָרן האָט ער תהילים געזאָגט.

צו מלוה מלכה, זיינען זיך צו אים צונויפגעקומען די שטאָט־בעלי־בתים. אויב ערגיץ אויף דער וועלט האָט חלילה קיין אויסטערלישעס נישט געטראָפן און אונטער די פענצטער האָט זיך נישט געהערט דאָס שנע־לע אונטערפאָרן פון אַ פור אָדער דאָס קלינגען פון אַ שליטן—איז ר׳ הושע העשל געזעסן ביי די הבדלה־ליכט, וואָס האָבן זייער שיין אַוועקגעטראָגן וויט, וויט איבער די פעלדער און דערציילט האָט ער מעשיות, וואָס מען האָט זיי אויך ביי אַנדערע רביים נישט געהערט. מאָדנע געשיכטן, וואָס האָבן נאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן הימל און גאָט. נאָר אייביק האָט ער דערציילט אַ חלום, וואָס ער האָט געזען אָדער אַ שמועס מיט דער מוטער ווען ער איז אַ קינד געווען.

געווען אָבער אויך ביי הושע העשל ציימן פון שפלות הרוח, פון גע־פאַלנקייט ווען ווי תמיד זיינען מענטשן אויף זיינע פלייצעס געלעגן און ער מיט קאַלטע, גלעזערנע אויגן האָט אויף אַלע געבליקט. די ליפן זיינע, פאַר־שטאַרטע, בלאָע. די אַלע יאָרן פון תעניתים זיינען דאַמאָלס אויף אים אַרויפגעקראָכן און געמאַכט אים אַלט און צעבראָכן. גענומען האָט עס זיך פון דעם, וואָס דאָס ווייב זיינס, איז געווען אַ אישה רע. אַ הויכע, אַ ברייטע מיט אַ מענעריש פּנים. אונטער איר ברייטער נאָז האָט זיך צעלייגט אַ שוואַרצע וואָנצע און די הויט אירע איז געווען פאַרזייעט מיט בראָדעווי־קעס. זי האָט דעם מאַן אירן פיינט געהאַט פאַר „זיין שפיל‟. זי האָט פיינט געהאַט די מאַכלים זיינע „די דינע גרויפּן גריצן‟ נאָך די תעניתים. זי האָט אויך פיינט געהאַט זיין שוואַכקייט, זיין פרומקייט און די שנאה זיינע צו געלד.

דאַמאָלס, ווען דאָס חדר פון רבין איז געווען פול מיט זיינע חסידים, מיט פאַרווײנטע ווייבער, האָט זי זיך פּלוצלים באַוויזן אין דער טיר פון אַלקער אַוועקגעשטעלט זיך אין איר גאַנצער ברייט און מיט חוזק האָט זיך געעפנט איר מויל:

— צו וועמען פאָרט איר נאַראָנים! צו אים? האָט זי געוויזן צום טיש. ער טויג דאָך נישט אַ הונט דעם ווײדל צו פאַרבינדן!

און באַלד איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ רונזאַ און אָנגעהויבן שרייען:

— אַרויס פֿון מײַן שטוב! אַרויס, אַז נישט וועל איך אײַך מיט וואַסער קריקן!

אַ סך מאָל האָט געטראָפֿן, אַז זי איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון אַלקער אויף דער גאַס און אָנגעהויבן זוכן אין די פֿורלעך און וואָס זי האָט דאָרט גע־פֿונען האָט זי צוגעגנומען ווי עס וואָלט איר אײגנס געווען.

אין אַזעלכע טעג איז ר' הושע העשל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ עצבות און אַ שפֿלות הרוח, וואָס איז גאָרנישט מעגלעך צו באַשרײַבן. דאָס געוויין און רחמים פֿון די מענטשן האָט זיך אַרום אים געגאָסן ווי אַ קוואַל אַרום אַ באַרג. אַרום און אַרום. פֿון הינטן, פֿון דער זײַט, צום האַרץ זײַנעם האָט עס אָבער נישט דערגרייכט און אַזוי האָבן זיך אין טרויער געענדיקט די טעג שטיל און אָנהײמלעך ווי אַ זון אונטערגאַנג אויף די אַלטע ווענט פֿון שטעטל.

מען דאַרף קענען פּאַרקויפֿן

נאָך דער מעשה מיט וואָפּקע פּערד־גנב האָט מען נישט געקענט שטיין נאָענט אין די ד' אַמות פֿון הייליקן סאַנדזשער. אַזוי פֿיל פֿײַער האָט פֿון אים געשפּריצט. שעבוד גלות אין מצרים איז נישט אַזוי שווער געווען ווי זײַן דאַמאָלס אַ פֿאַרער קיין סאַנדז. דעם רבינס פֿאַרהאַלטן זיך איז פֿון טאָג צו טאָג מער געוואָרן מיט רמזים. ער האָט מענטשן נישט גערופֿן ביים נאָמען נאָר דורך צייכנס, דורך אַ ווונק האָט מען אים באַ־דאַרפֿט פֿאַרשטיין. שטעט און לענדער האָט ער אויך ביי זייערע נעמען נישט באַצייכנט נאָר ווען ער האָט געהייסן למשל פֿאָרן קיין קראָקע האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„פֿאָר אין דער שטאָט ווו ס' וווינט יאַשע גאָלדעס." וואָס עלטער דער דברי חיים איז געוואָרן אַלץ האַרטער און ווידעו שפּעניקער איז ער גע־וואָרן צו מענטשן. זײַנע טואונגען זײַנען געוואָרן שנעל. דער בליק — אַ בליק פֿון אַ שפּאַרבער. נאָך מער האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין לער־נען. זײַן דאַוונען — איז מער נישט געווען קיין געראַנגעל נאָר ווי דער צדיק וואָלט זיך אויף ווענט מיט קולאַקעס געוואָרפֿן און געדרויעט.

און דאָך; איז אויך דאַמאָלס געווען טעג ווען אַ מנוח אַ מילדע ווו אַ זון אַ ליכטיקע האָט איבער סאַנדז אַ לויכט אויף געטאָן. ווען דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און אַ זאַנפֿטע קלאָרקייט האָט דעם רבינס פּנים אײַנגערעמט.

„גיב אונז גאָט, האָבן סאַנדזער יידן געבעטן גוטע ערב שבת'ס" און גע־מיינט האָבן זיי — גיב אונז גאָט פּרייטיק'ס; ווען דער רבי וועט פֿאָר

קבלת שבת זיך בארױאיקן. װי נאָך װי אין סאנדז האָט מען פארשטאַנען און געװוּסט װאָס עס הייסט; א ריין װײס־העמד מיט א צעלײנגטן קאָלנער אויפן רבינס האלז, א הױכער סאַבל קאָלפּיק אויפן הײליקן קאָפּ, הערן א שאָרך פון זייד און אַטלעס אויפן הײליקן לייב. אָט דאָס אַלץ; האָט שטי־לער געמאַכט דעם „סמבטיון" אין רבין. אים אײנגעװיקלט און שװאַך אים געמאַכט װי א קראַנק קינד, װען דער פיבער לאָזט אָפּ.

אין גרױסן רבישן בית המדרש צינד זיך א ליכטל נאָך א ליכטל אין די הענגלײכטער, די פלעמלעך—א הױך, א רוחני נישט מער! די ליכטלעך—װײסער ביין. הערש שמש שפּריצט װאַסער אויפן דיל. עס לעשט זיך דער שטױב און עס שטײגט אויף די פרישקײט פון א פאַרטאָגיקן זומער רעגן. דער רבי עפנט ס'פענצטער, אַרום איז שטיל. די בטלנים זײנע װײקן זיך אין מקוה, בריען זיך אויף דער אױבערשטע באַנק — אין שװיץ באָד.

אין אַזא פרײטיק האָט זיך אַמאָל צום רבינס־פענצטער צוגעריקט נעלע די עפּל זיצערן. אַן אלמנה װאָס האָט כל ימיה געהאַנדעלט מיט אויבסט אויפן קלײנעם מארק.

— רבי, ס'גײט א הײליקער טאָג אויף אונז.

— יאָ יידענע. שבת װעט באַלד זיין.

— שבת, האָט די יידענע איבערחזרט — און די דינסט דײנע האָט קיין שבת נישט געמאַכט.

דער רבי האָט א ציטער געטאָן.

— פאַרװאָס יידנע?

— װײל בערל סאַראָװניק, אַז זיין...

זי האָט אויסגעשפּיגן.

— רבי, א יידן טאָר מען נישט שעלטן. אָבער, פון גהינם זאָל ער נישט אַרױס. איך בין מיך מפרנס און די עופּלך מײנע פון דעם, װאָס איך פאַר־קויף בערלס עפּעל און באַרנעס. האָט ער מיר די װאָך פאַרקױפט סחורה, װאָס קײנער װיל אין די הענט זי נישט נעמען. סאַמע פױלעכץ.

— מען טאָר אַזױ נישט זאָגן אויף נאָטס א פּרי. ביזט דיר אַליין שול־דיק. ניי אין מארק איך װעל דאָרט באַלד צוקומען.

ס'איז די לעצטע מנוט פאַר שבת. אַן אויסגעצװאָגענע ליגט די שטאָט. מיט „לכו נרננה" טריט אין האַלב שיך מיט װײסע זאָקן אין שטרײמלעך און אין טילופּעס װעט זיך גרױס און קלײן װי א שטראָם א לאַז טוען באַלד צום רבינס בית מדרש. די נאַכט װעט זיין א העלע, די לבנה — א פולע. אין אַלע שױבן שבת־ליכט. עס בלאַנקט די װײסקייט פון די טישן אַראָפּ, פון די בעטן אַראָפּ. אויף די דרײפוסן שטײען אויסגעקאָכטע יױכן פאַר צװיינענע מיט פעטע שמאַלץ־הױטן. אויף די פענצטער — קיקן זיך די פיש

און פלוצלים, אין דער לויטערסטער שבת שטילקייט ווען די קראָמען זיינען שוין פאַרמאַכט, דער ווינט האָט דאָס לעצטע שטויבל אויסגעקערט פון שבתדיקן-מאַרק, האָט זיך דער דברי חיים דאָרט באַוויזן לעבן אַ קוישל עפּל וואָס איז אַזוי וואָכעדיק געשטאַנען ווי גלעלע און איינגעוויקעלטע אין אַ וואָכעדיק שאַלעכל און געוואַרט אויפן לעצטן נס פאַר שבת.

מיטביידע הענט האָט דער רבי אַ נעם געטאָן די דריי עפּל אין אַ יעדער האַנט אַריין. און אויסגעגלייכטער מיט אַ לויטער קול עפּיס אַזוי ווי ער וואָלט וועמען צו דער תורה אויפגערופן.

— ביליק, אויבסט! שבת-אויבסט קויפט יידעלעך צאן קדשים, קויפט! דריי פאַר אַ פינפערל!

וויפל טירן, פענצטער דער מאַרק האָט — האָבן זיך אין זיי מענטשן באַוויזן און איין מנוט האָט געדויערט איז דער דברי חיים געשטאַנען אַרומגערינגלטער מיט קעפּ אויף קעפּ. אינם קוישל אַריין האָבן זיך געשיט פינפערלעך, צענערלעך, וואָס טייער אַלץ בעסער, אַלץ מער סגולה צו פרנסה, צו געזונט. ווי דאָ אַצינד אויף דער ערד אַזוי איז אויך אין די הימלישע הויכקייטן ערב שבת. נישטאָ קיין צייט נאָכצוציילן, חשבנ'ן און אַזוי ווי דאָס געלד פאַלט צום דברי חיימס פיס אַזוי פאַלן צום כסא הכבודם פיס אַלע תפילות און ווערן אָנגענומען.

ס'איז שבת. שנעלער, שנעלער די הילף איז גרייט, די ישועה שטייט אויף דער שוועל!

אַ מנוט דריי, נישט מער און גלעלע האָט געהאַט אַ פול קוישל מיט קופּערנע און ניקלנע מטבעות.

— זעסט יידענע, האָט צו איר געזאָגט דער דברי חיים „מען דאַרף קענען פאַרקויפן" און גלייך מיט אַלע האָט ער אָוועקגעשפּאַנט צום בית מדרש מקבל שבת זיין.

און דאָך וואָלט זיך קיינער נישט באַרומען געקענט, אַז באַלד זונטיק, איז ער פון רבינס חדר אָן אַ קללה אַרויסגעגאַנגען. אפשר, איין דודל זשאַ-כאָוועער אָן אַלטער שוחט וואָס איז כל ימיו געפאָרן קיין סאַנדז. ער האָט עס דערלעבט.

דער דברי חיים האָט צו זיך אַריינגערופן ר' דודלן אין חדר מיוחד, לאַנג און שטיל מיט אים איינגעטענעט. דערציילט אים פון „ניעפּאָלאָמיצער יונג" וואָס גיט זיך אָפּ מיט ווייבער. רעדט וועגן קי וואָס קעלבערן זיך. הייסט יידן זיצן אין די דערפער און ער איז גורם אַז זיי זאָלן אַ יעדער מנוט און רגע עובר זיין אויף מה נאה אילן זה... אַרויסבאַגלייטענדיק ר' דודל פון חדר — האָבן די פאַרזאַמלטע אין בית מדרש געהערט ווי ער האָט הויך דעם שוחט געפרעגט:

— ווי זעט אוים דאָס געגנט אַרום זשאַכאָוו, דוד ?

— נישט ווייט פון שטאָט זיינען דאָ גרויסע וועלדער אין די וועלדער איז די ערד אַ פייכטע, די גראָז ביטערע. נענטער צו דער שטאָט — זיינען די פעלדער זאַמדיקע.

בערג, טאָקן, וואַסערן וואָס פאַלן פון די בערג אַראָפּ זיינען אויך דאָרט פאַראַנען ?

ר׳ דודל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ווו, ביי אונז, אין זשאַכאָוו ? חלילה ! — האָט ער אויסגעשריגן. קאָרן פעלדער, רבי ! אָן אָרעמקייט אין די דערפער, אַז השם ישמרנו !

דער דברי חיים האָט לייכטער אָפּגעעטעמט. אַרויסגענומען די פּאַטשיילע, אויסגעשנייצט די נאָז און געזעגנט זיך מיטן שוחט.

— פאָר דוד לחיים ולשלום. אַזאָלכע ישובים כן ירבו !

זייט דעם שמועס מיט דוד זשאַכאָווער — האָט דער סאַנדזער ליב באַקומען זשאַכאָוו. אַ יעדעס מאָל, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף די דאָרטיקע יידן. פון ליבשאַפט צו זיי האָט ער פאַראיבל געהאַט, וואָס מען זעט זיי נישט אין סאַנדז.

אַזוי איז אין סאַנדז געוואַקסן די שנאה צו מענטשן וואָס וווינען צע־וואָרפן איבער דערפער. וואָס אין ניעפּאָלימיץ ביי ר׳ הושע העשקן האָט מען פאַרקערט — זיי ליב געהאַט. האָט זיך יאָ אַמאָל באַוויזן אין סאַנדז אַ דאָרפס ייד האָבן אַלע אין בית המדרש פון אים חוזק געמאַכט, געוואָרפן אים די טישטוכער פון די טישן אין קאָפּ.

די דאָרפס יידן האָבן גערעדט אַ שווערן יידיש. זיי האָבן אַרויסגעזאָגט די „ר״ שאַרף. האָט זיך אַ דאָרפס ייד יאָ שוין דערשלאָגן צום רבין איז דאָס ערשטע געווען פרעגן אים :

— מה שמך ?

— ראובן.

— ראובן, ראובן — האָט דער רבי געברומט. און געחוזקט פון דער שאַרפער „ר״. אַ ייד מיט באָרד און פאות און קען דעם אייגענעם נאָמען נישט אַרויסריידן, און, אַז דער מלאך־דומה אויף יענער וועלט וועט דיך פרעגן ווי דו הייסט ? וועסטו דאַמאָלס לויפן פרעגן דעם „ניעפּאָלימיצער גראָבן יונג״ ? דעם שניידער קאָפּ ? הא ? וואָס וועסטו דאַמאָלס טוען ? וועסט ביי דיינע קי און פערד אָן עצה פרעגן ? ביי דיינע שכנים, די פּוירים וואָס דו האָסט צו מנין מצרף געווען ? דו מחלל שבת ! וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָסטו עובר געווען און געגאַנגען מער ווי אַ תחום שבת. דו טפה סרוחה וואָס דו ביזט ! פאָר, קיין ניעפּאָלאָמיץ צו דעם קלויסטער־יונג. פאָר אין דער תיפלה אַריין. ממזר בן נדה !

א סך יידן ווי שוין דערציילט זיינען דאמאָלס געווען שיפערס אויף די טייכן און אויף שבת — האָבן זיי פיש געכאַפּט און געפירט זיי אין שטאָט אריין צו פאַרקויפן. אין די טייכן ארום סאנדז האָבן געלעבט א סך שלייען. האָט דער רבי געאסרט שלייען צו עסן אונטערן אויסרייד, אז דאָס איז אזא פיש, וואָס פּאָרט זיך מיט וואסער-עכבורים.

און דאָך, האָבן די מחלוקת זיינע מיט פראָסטע דאָרפס יידן אים דעם רבין א סך, א סך כוחות געקאָסט. און איינמאָל אפילו האָט זיך אין רבינס אויגן באוויזן א טרער. געווען איז עס אין א פאַרנאַכט נאָך סוכות פאַר מנחה ומעריב אין בית המדרש. ווער צווישן עולם נאָנט לעבן רבין האָט א קרעכץ געטאָן. דער צדיק האָט זיך א מינוט איינגעהערט און געזאָגט:

יאָ שלמה. כ׳וויים אין וואָס עס גייט דיר. הא, עול פרנסה? שווער וועט זיין דורך שניי-קריעס צו פאָרן אויף דאָרפס-ירידים. אָדער די הורבע איז אודאי ביי דיר א שלעכטע? האָסט ווייניק האָלץ אין קאמער, קיין קאַרטאָפל אין קעלער? דער רבי האָט געהערט זיין שטימע, וואָס האָט אצינד געקלינגען איבערן גאנצן בית המדרש—און, אז ווידער קומט א ווינ-טער ווו יידן וועלן ווי איינזאמע שטאמען אין די וועלדער, אין די פעלדער פאַרשיט בלייבן צווישן א ים פון שנאָה און טמאָה ארט דיך נישט? ווען איין נשמה וועט דורך מיילן ווייט א יעדן פרימאָרגן, מיטאָג און פאַרנאַכט — גארן צו דער צווייטער, כדי זיך מצרף זיך צו זיין צו א מנין ארט דיך נישט? און פאַרשיט וועלן ליגן אונטער שניי די וועגן. אונטערן שטויב פון דער סטרא אחרא די הערצער און מוחות און קיינער פון זיי וועט נישט זען דעם וועג, וועט נישט פיקן די בענקשאפט. נאָר אליין, ערגיץ אין א ווינקל אין זיין שטוב וועט ער לאמורן זיין „וידבר"...

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט. ארויף און אראָפּ געשפּאנט און גערעדט צו זיך:

— איינער זאָרגט, וואָס די זופּ איז שיטער. דער צווייטער — וואָס די פערל זיינען שיטער...

דער רבי האָט זיך אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט פון זיין שפּאנען. א ציטער געטאָן ווי ס׳וואָלט אים קאלט געוואָרן. זיך שטאַרקער איינגעטו-ליעט אין דער זשיפּיצע, פאַרטראַכט זיך און דערנאָך געזאָגט:

פון אלע זייטן רינגלט מיך די טמאָה ארום. באַצווינגט מיך און תוזקט פון מיר. ווי ווייט איז פון סאנדז ביזן קאַלוואַריער-קלויסטער? א סאַרנע-שפּרונג איבער די בערג. דאָס בלעקצן אין דער תיפלה צום יוזל דאָרט — הער איך דאָך א יעדע מינוט און ווײַלע. דעם שתי וערב, וואָס זיי צייכנען אויף דער ברוסט זייערער — שנייד דאָך מיך, ביז בלוט אין מיין הארץ.

דער דברי חיים איז צוגעגאַנגען צום פענצטער ארויסגעקוקט אויף די פּאַרנאַכטיקע גאַס. ער האָט געגעדט שטיל. כמעט גלייכגילטיק, אַזוי אַז די וואָס זיינען נאָנט לעבן רבין געשטאַנען האָבן אים געהערט.

— פאַרוואָס אָ גאָט! פאָטער אין הימל! האָסטו די זיידעס מיינע געגעבן גלייכע פעלדער, שטעטלעך אויף זאַמד געבעט? און מיך האָסטו געפירט צווישן בערג און טאָלן, וואָס דערקוויקן דאָס אויג פון מענטשן? אים דעם ימח שמוניק גיסטו; טייכן און קוואַלן, וואָס היילן דאָס לייב, וואָס מען קען זיך אין זיי ווי אין זילבער־שפּיגלען זען — ווינטן, וואָס קילן און גלעטן? און מיר רבונו של עולם—קוים אַ שיעור מקוה, איך זאָל מיטן ימח־שמוניק מלחמה האַלטן? פאַרוואָס, טאַטע אין הימל, איינציקער, געטרייסטער, אַנטפּלעקסטו פאַר אַ יעדנס אויג מעשי בראשית מען זאָל זיך שטרויכלען און דער מענטש זאָל אַ זינדיקער ווערן?

ווייזט זיך אויס, אַז דער דברי חיים האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד ווייל ער האָט פּלוצלים איבעריסן דעם שמועס מיט גאָט און הויך אַ זאָג געטאָן:

„וידבר ד׳ אל משה, ועשית לך כיור נחשת...” דער עולם האָט אָנגעהויבן דאַווענען מנחה.

אַנענדלעך איז אַלטקייט און אין שטרעקעס זיינען די וועלדער וואָס געהערן צו גראַף סטאַניאַנאָווסקי אַרום סאַנדז.

ווו הייבן זיי זיך אָן און ווי ענדיקן זיי זיך?

אַלע בערג, טאָלן, טייכן און פלוסן. פון איין זייט לעבן הייל־אָרט קרעניץ פון דער צווייטער זייט ביז שציאַווניץ געהערן דעם גראַף.

פון קדמונים, האָבן יידן דאָרט געהאַלטן אַרענדעס. מייסטנס טאַרטאַקן אין די פאַרוואָרפנסטע אין די טיפסטע טאָלן ביי די ברעגן פון רייסנדיקע בערג־טייכן ביי גרעניצן פון געדעכטע וועלדער. האָבן יידן געוווינט. דאָרט ווו אַ גוראַל, דער באַרג־פויער האָט נישט געוואָלט וווינען, האָט אַ ייד געהויערט. ווייל — גראָד דאָרט, זיינען די ביימער געווען די שלאַנקסטע, דער לויף פון וואַסער אויפן טאַרטאַק ראָד — דאָס ווילדעסטע. די גראָזן צו קענען אַרום דער שטוב האַלטן פול שאָף — די זיסטע.

נישט געווען, אַזאַ איינזאַם באַשעפעניש אין דער גאַנצער וועלט ווי אַ ייד וואָס האָט דאַמאָלס געוווינט מיט ווייב און קינד אין די בערג. אייביק אַ פאַרטויבטער פון גערויש פון די בערג־טייכן, פון געהייל פון די ווינטן, פון געשריי פון די ווילדע פייגל. אייביק, אַ פאַרשטויבטער מיט האָלץ־זעגעכץ האָט ער נישט געהאַט צייט ווען אַ טראַכט צו טאָן פון זיין יידישקייט פון דעם — אַז דאָס לעבן איז קורץ און איז פאַרגע־

גלעך. אמטרויריקסטן זיינען געווען די נעכט; ווען דעם יידנס ווייב האָט אים נאָס געמאַכט דאָס קישן פֿון טרערן — און באַוויינט אירע יונגע פאַרשניטענע יאָר, וואָס ווערן צווישן די בערג פאַרצערט — ווי ס'ווערן פאַרצערט די איבערבלייבעכצן און ביינער פֿון חיות, וואָס זיינען פֿון וואָלף אָדער פוקס פאַרצוקט געוואָרן. דאָך, איז אַ פרוי נישט קיין מאַנס-ביל — אַ פרוי פאַרגייט אין טראָגן און איר ווערט לייכטער, איר טרויער ווערט שטילער און האַרטער.

עפּיס אַנדערש זיינען מאַנסבילן.

כסדר מיט אַ פול האַרץ אָנגז. כסדר, פאַראיבל אויף זיך, פול מיט פאָרוווּרפן און תרעומות. צו וועמען? צו גאָט, וועמענס געבאָט ער האָט ווידערשפעניקט?

צו די יידן האָט געהערט גרשון גראַבשריפט. געשטאַמט האָט ער פֿון גריבאָוו וואָס ליגט נישט ווייט פֿון סאַנדז. אַמאָל, איז גרשון געווען — אַ יונגערמאַן אַ „ווילערנער" לויטן סאַנדזער-נוסח. און דאָך, איז ער נישט געווען סיי מיט זיין אויסזען, סיי אין זיין רעדן און באַנעמען זיך מיט מענטשן דערזעלבער, וואָס זיי. כאָטש אַ פרומער, אַ שטילער,האָט דאָך זיין גאַנג און קוק, געהאַט אַן אויסטערלישע אָנרואיקייט.

דאָס האַלטן זיינס איז געווען אַ גלייכס. זיין שטימע — אַ מענע-רישע, אַ מעטאַלענע. ווען ער האָט חתונה געהאַט איז ער מער נישט אַלט געווען ווי אַ יאָר 20 און שוין האָט זיין קנאָכיק פנים מיטן שאַרף אַרוים-געריקטן קינבאַק אַרומגענומען אַ געדעכטע שוואַרצע באָרד. גרשון האָט נישט לאַנג נאָך דער חתונה זיינער זיך באַזעצט אין ווילסטן אָרט צווישן די בערג אין אַ טיפן טאָל, וואָס פינצטערע וואַלד-ווענט האָבן אים אַרומ-גענומען. דעם טאָל האָבן דורכגעשניטן שאַרפע שטראָמען אויף וועלכע גראַף סטאַניאַנאָווסקי האָט אָוועקגעשטעלט וואַסער-מילן צו זעגן ברעטער. אויף די ברעגעס פֿון אָט די וואַסערן; האָט געוווינט לאַנגע יאָרן אין אַן אַלט-הילצערן הויז אַ געדעקטס מיט שינדלן, שוואַרצע פֿון יאָרן, גרשון גראַבשריפט און זיין ווייבביילע.

מער פֿון אַלע אַנדערע יידן האָט זיך גרשון יאָרן געוואָרט קענען דער ווילדקייט פֿון געגענט וואָס האָט אויסגעקרימט די שפּראַך אין טויל פֿון מענטש. די יידן, וואָס זיינען אין יענע ווילדע מקומות געבוירן געוואָרן, דאָרט געלעבט. ווען זיי זיינען געשטאָרבן, האָט מען זיי פֿון ווי ווייט צוגעדעקטע מיט אַ ביסל שטרוי — געברענגט מקבר צו זיין קיין אַלט סאַנדז. זיי דאָס האָבן געלעבט מיט זייער קי און הינער אין איין שטוב. אָן אַ קוימען אין הויז, דער רויך האָט ווי אַ וואָלקן געהאָנגען אונטערן פאַרשמאָלצנעם דיל. ווי אַלטע מיט מאָך באַוואַקסענע שטאַמען

אזוי זיינען די יידן דאָרט געווען באַוואַקסנע מיט קאָלטנוואַטע בערד. זייער יידיש איז געווען אַזאַ גראָבער, אַז פאַר אַ שטאָט מענטש איז ער נישט געווען צו פאַרשטיין.

אויפגעצויגן צווישן וואַסער און פויגל געהייל, צווישן דער וואַלד שטילקייט אויסגעוואַשנע פון זומער־שטורמס און האַרבסט־רעגנס, פאַרהאַרטעוועטע פון די פייערדיקסטע פרעסט, געפּאַטשטע פון ווינטן — האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר מענטשן. און געווען טויבלעך, שווער פאַרשטאַנען זאַכן וואָס פאַר אַ יעדן שטאָט־קינד איז עס קלאָר ווי דער טאָג. אַן אַנדערער איז געווען גרשון. מיט אַן אייזערנעם כח האָט ער זיך געווערט אַ קעגן דעם אַלעמען. מיט אַלע רמ״ח אברים האָט ער דערפילט די געפאַר וואָס לויערט אויף אים און פאַרדאָס, האָט ער יאָרן גאַנצע אַכטונג געגעבן, אַז די שטוב זיינע זאָל האָבן איר יידישן־חן. זיינע בגדים אַזוי אויף אים ווי אין שאַנק, זיינען געווען אַזאָלכע — ווי שטאָט יידן פון זיינע שניט און שטייגער האָבן געטראָגן. דאָס געשיר, דאָס מעבל, אַלעס האָט אַזוי אויסגעזען ביי אים אין שטוב און געווען אַזוי אַוועקגעשטעלט ווי ביי זיין פאָטער אין גריבאָוו. בשעת דער אַרבעט אין טאַרטאַק, ווען ער האָט די ברעטער געמאָסטן, צערעכנט זיך מיט אַרבעטער אָדער בעל עגלות: האָט געקענט אין דרויסן ברענען אַ פראָסט האָט ער שטאַט דעם גאַליציאַנער־קאַפּעלוש געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גרויס פלוש־קאַפּל. פון אונטער זיין סאַמעט וועסט האָט אַפּערגעקוקט דער טלית־קטן מיט לאַנגע אַרבע כנפות. איז נאָר אַ קאַפּעטשקע דאָס וועטער לינדער געוואָרן — האָט מען שוין אים פון דערווייטנס געקענט דערקענען לויט די בלאַנק ווייסע העמד־אַרבל און לויט זיינע שוואַרצע פּיאות, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט.

אין סאַנדז האָט מען פון דעם אַלעמען געוווּסט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט גרשון גראַבשריפט אָדער ווי מען האָט אים שוין דאַמאָלס גערופן גרשון „אָכאָטניצער״ (דאָס האָט מען אים גערופן לויטן דאָרף צו וועלכן זיין ווינ־טאָל האָט געהערט) אַ מלחמה מיט דער ווילדער, נישט יידישער סביבה. אַ מלחמה, וואָס אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין איר וועט ער פאַלן אַ ביינעקומענער.

גרשון איז טאָג איין טאָג אויס געווען פאַרנומען פון אין דער פרי ביז אָוונט ביי זיינע ברעטער־עסקים: דאָ פירן האָלץ פון וואַלד, שניידן, סאָרטירן; ווינטער, ווען די וועגן זיינען גליטשיקע — אַרויספירן די סחורה צום דונאַיעץ. פרילינגס־צייט: ציניפשלאָגן טראַטוועס און אַוועק שיקן די גאַנצע האָרעוואַניע פון אַ קיילעכיק יאָר הפקר, מיטן אָפּנעם וואַסער — ווי אויף פליגלען פון ווינט — קיין דאַנציק

ביילע, גרשונס ווייב האָט קיין קינדער נישט געבוירן. און פּאַרדאָס, כדי, אין איר ווייטיק נישט אַריינצוקלערן — האָט זי זיך זייער אײפערדיק פאַרנומען מיט דער שטוב-ווירטשאַפט. אין שטאָל האָבן אויף איר געוואַרט זעקס קי און אין די וועלדער, האָבן אירע פּאַסטוכער געפּאַשעט צוויי הונ־דערט אויסדערוויילטע שעפּסן.

וואָלט אַ מענטש מן הצד, זיך צוגעקוקט צו גרשונען און זיין ווייבס טו־אונגען — וואָלט ער גלייך דערבליקט ווי מען זעט בוימל אויפן וואַסער, אַז דאָס ווילן זיי ביידע אין זיך עפּיס פאַרשרייען, פון עפּיס פאַרגעסן, אַז די צוויי מענטשן אין דעם ווילדן-העק ראַנגלן זיך מיט זיך אַליין. דאָך, ווען ס'איז געקומען דער אָוונט נאָכן טאָג האָראָוואַניע זיינען זיי איינער אַקעגן דעם צווייטן שטיין געבליבן ווי אָפּגענאַרטע, אַנטוישטע, אַליין און נאַקעט. ביידע געעלטערטע. ער גרשון — פון טיפן קומער און אויך פון דער אַרבעט זיינע איז געוואָרן געבויגן. זי — ביילע, כאָטש, נאָך גאָר קיין אַלטע נישט דאָך, אַ געגרונצלטע אויפן גאַנצן פּנים. נישט געהאָלפן האָט דער קו-הישר. די מעשה ביכלעך, די ספרים, וואָס גרשון האָט לרוב געקויפט. דאָס אַלץ האָט מער נישט געקענט צערשניידן זייער איינזאַמקייט. אויסדערציילט זיך אַלץ גלייכגילטיקע איינער צום צווייטן — איז דאָס הויז זייערס געשטאַנען ווי אַ חורבה, וואָס קיינער לעבט מער נישט אין איר.

אין די אָוונטער זיינען זיך אין קיך צונויפגעקומען גרשונס אַרבעטער און פּאַסטוכער. אויף דער הורבע האָבן זיך געוואָרעמט גרויסע טעפּ מילך. פון שטיינערנעם-דיל, פון די טונקעלע פאַרשוויצטע האָלץ-ווענט האָט גע־שמעקט מיט שוועראָוועס-זשיווויצע און שאָפן-קעז. מחנות פליגן האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון נאַפט-לאָמפּ און פול געמאַכט דעם סופיט.

אין דער צייט, איז גרשון מיטן ווייב זיינעם געזעסן אין דער מיטל־שטוב. דאָרט האָבן זיי געטראָגן די קרוין פון זייער איינזאַמקייט. געוועזן שטאָלץ אויפן אונטערשיד, וואָס טיילט זיי פון די, וואָס זיצן אין קיך רוי־כערן, שפּייען און שיכורן. ביז געשען איז; אין אַן אָוונט האָט זיך אין דער מיטל-שטוב אַריינבאַקומען דער שאַרפער-ריח פון יונגען-ווייַן, וואָס די שקצים האָבן אין דער קיך געטרונקען (מען האָט אים פון נאָענטן אונגאַרן אַהערגעבערענגט אין ערדענע-קריגן פאַר בחצי-חנום) און דאַמאָלס, האָט גרשון אין זיך דערהערט דאָס שיכורע געזאַנג פון זיינע קנעכט, זייער פייפן אויף די טויל-פידאַלעך "איידאַ דינאַ דאַנאַ, איידאַ..."

ביילע זיין ווייב איז אַ מידע איז אין דעם אָוונט פרי געגאַנגען שלאָפן. אַזוי, אַז אַליין איז ער געזעסן ביים טיש איבער אַ ספר. ער האָט געקוקט אויף די אותיות פאַרגליווערט. ווייל, געהערט האָט ער דאָס געזונטע לאַכן,

וואָס האָט זיך צו אים געטראָגן פון קיך. דאָס ליידענשאַפטליכע קייכן פון די שיקסעס, ווען די יונגען האָבן געקנייטן זייערע פליישן.

גרשון האָט געעפנט די טיר. אין קיך זיינען אַלע געלעגן שיכורע. בלויז ניקידאַ זיין אַלטער פאַסטוך איז געזעסן צווישן זיי אויף אַ האַלץ־שטאָם. זיינע לאַנגע גלייך צוגעשוירענע האָר האָבן זיך אַרויסגעזילבערט פון געדעכטן רויך, וואָס האָט פול געמאַכט דעם חלל.

ווי נאָר ער איז איבערטרויטן די שוועל האָט דער וויין־גערוך אַ שלאָג געטאָן צו גרשונס נאָז־לעכער און אים שיכור געמאַכט. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן אַזוי, אַז די שיין פון לאָמפּ האָט ער געזען ווי מען זעט די לבנה פון נעפּל אַרויס.

פון דרויסן האָט זיך געהערט ווי די וואַלד־ביימער וויגן זיך שווער און שמיידיק אין נאַכט־ווינט. אונטער די ווענט, האָבן ביטער געיאָמערט די שאָף פון שלאָף.

— העי, העי באַלעבאָעס! קוק! קוק!

האָט גרשון געהערט רופן.

ניקידאַ האָט צו גרשונען אויפגעהויבן זיין בליק און געזען: גרשון ווערט זיך. ער רייסט זיך צוריק צו דער טיר פון דער מיטל־שטוב. מיט די הענט האָט ער אין די לופטן אַזוי געטאַפּט ווי איינער, וואָס וויל אָוועקשאַרן אַ פאָרהאַנג און קען איר ווינקל נישט געפונען.

ניקידאַ האָט זיך צעלאַכט.

ווער פון די יונגען האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן די ערדנע וויין־קריג זי צוגעטראָגן צו גרשונס מויל און געזאָגט:

— טרינקט באַלעבאָעס!

ווייזט זיך אויס, אַז גרשון איז שוין אין גאַנצן געווען פאַרטשאַדעט — ווייל, ער האָט נישט געדענקט, אַז דער וויין איז נסך.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קריג און געטרונקען. משוגע, ווילד און דורשטיק. גרשונס ליפּן האָבן געגליט. אַלע יאָרן וואָס ער האָט דאָ מיטן ווייב זיינעם פאַרברענגט אין דער ביטערער איינזאַמקייט האָט זיך געדאַכט וויל ער אַצינד פאַרגיסן אָדער — איבערגליען זיי אין אַ פלאַם. ער האָט געטרינקען אָנאויפהערלעך און וואָס טיפער ס'האָט זיך פון דער שטיין־קריג אַרויסגעהערט זיין זשלאָקן, וואָס האָט הויל געקלאַפּט אין די ווענט פון קריג — אַלץ בעסער איז אים געוואָרן, אַלץ לייכטער: אָט צו וויינען און אָט צו לאַכן.

דער פאַסטוך האָט אַוועק געצויגן די קריג פון גרשונס מויל. דאַמאָלס,

האָט ער צעשפּרייט די הענט זיינע און שוין אַ שיכּורער האָט ער ווי ער וואָלט געהאַט פאַרבינדערנע אויגן געזוכט צום לעצטן מאָל די טיר פון זיין הייליקע מיטל־שטוב. אַלע אַרום האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און גע־קוקט אויפן באַלעבאָס זייערן.

פון אונטן, האָט אים ווער אַ שלעפּ געטאָן ביי דער זשיפּיצע און שוין האָט ער זיך גלייך מיט אַלע געטאָרעט אויפן דיל. אַ פרעמדע אַנגענעמע וואַרימקייט האָט אַרומגענומען זיינע פיס און צו זיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן אַ ריח פון ערשט נאָר וואָס געצוואָגענע פרויען האָר.

ניקידאַס לולקע האָט געדעכט געדרויכערט.

אַ קול האָט גרשונען נישט אויפגעהערט רופן:

— קוקט, קוקט, באַלעבאָס!

ער האָט קוים די אויגן געעפנט און געזען: די ווענט פון קיך זיינען געווען געדעכט באַדעקט מיט גרינע אַרבעס־שויטן. ניקידאַ האָט נישט אויפגעהערט אויף זיי בלאָזן דעם רויך פון זיין לולקע.

דער רויך האָט אויף די ווענט זיך צעבינדן; אָט געוואָרן ווי אַ וווּנ־דערלעכער בלויער־טיול און אָט, ווי לאַנגע בלאָע אָדערן. ער האָט זיך גע־דרייט, געשוועבט ווי וואָלקנס אויף אַן אָנרויאיקן ווינטיקן הימל און ווען ער איז צערינען — האָבן וווּנדערלעכע בלומען באַדעקט די ווענט און האָבן זיך אַזוי צעבליט ווי זומער אַ פעלד. גרשון האָט פאַר שרעק פאַר־מאַכט די אויגן און ווען ער האָט זיי צוריק געעפנט: האָבן זיך פאַר אים געעפנט גלייכע אָנענדלעכע ליינען,ליכטיקע ווענגן האָבן אַצינד פאַר אים די וועלט אויפגעשלאָסן. העל האָבן געלויכטן די האָריזאָנטן, ברייט האָט זיך אויפגעשניטן דאָס לאַנד אַרום אים.

גרשון האָט געגאַפט. און באַלד האָט אַ געוויין פון קלאָרע טרערן פון זיינע אויגן זיך געגאָסן. די פאַרשאָלטנע בערג, די פינצטערע וועלדער, די אָפטע שטורמס און זומער שלאַקסן זיינען אַרום אים מער נישט געווען. אויסגעוועפט האָט ווי פון אים די בענקשאַפט צו יידן, צו אמנין, צו אַ „ברוך הוא“ אָדער „אמן“ און מיט פראָסטע דאָרפישע נאָענטקייט האָט אים געצויגן צו די שקצים און שיקסעס, וואָס זיינען אַרום אים געלעגן.

פלוצלים, האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

— ר׳ גרשון, עפנט, לאָזט מיך אַריין!

מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך צוגעשלעפּט אויף דער פאָדלאָגע צו דער טיר און זי געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען וואַפקע פאַכאָלעק.

מעשיות, וואָס בטלנים האָבן דערציילט
דעם דברי חיים

אין די נאַכט, ווען וואָפּקע האָט דערגרייכט דאָס הויז פון גרשון גראַב־שריפט איז דער שלאָף פון דברי חיים געוואָרן אַ וואָגלער. נישט צו ליגן אויף דער רעכטער און נישט אויף דער לינקער זייט. מאָדנע חלומות האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט דעם צדיק געפּלאָגט. קורצע דרימלען האָבן ר׳ חיימן ווי מיט קאַלטע־אָרעמס אַרומגענומען און באַלד צוריק אָפּגעלאָזט אַזוי ביז פאַרטאָג.

אין פּאָליש, לעבן דעם רבינס בית המדרש, זיינען געשלאָפן צוויי בטלנים זרח און צדוק. צוויי פּוילאַקעס, וואָס וויפל טישטוכער ס׳זיינען גע־ווען אין בית המדרש איז אַלץ ווייניק געווען זיי צוצודעקן. און וויפיל ספרים אויף די טישן — איז זיי אַלץ נידריק געווען צוקאָפּנס.

זרח האָט כל ימיו געקרעכצט און אין די נעכט באַקלאָגט זיך; אַז דער טאָג איז נאָענט און ווידער וועט ער מוזן פון דער באַנק אַראָפּקריכן און ווען נאָר צדוק האָט זיך איבערוועקט האָט ער זיין חבר געטראָפן זיצן אויפן געלעגער; אַ דערשראָקנעם קוקן אין פענצטער זען: צו ס׳טאָגט נישט אַמאָל. צדוק איז פון זרחן נישט בעסער געווען. אַ יונגערמאַן אַ שוואַרצבאַבערדל־טער. נישט קליגער ווי אַ ציג. אָן אַ היים און אָן אַ משפחה איז ער ס׳גאַנצע לעבן זיינס ווי אַ רינד געגאַנגען אָן ווען. סתם, אַרומגעקראָכן אויף נאָטס־וועלט ווי אויף אַ פּאַסטוויסטקע. אַמאָל אויף רעכטס און אַמאָל — אויף לינקס. נישט קענענדיק זיך אַן עצה געבן מיט דער שפּראַך זיינער, וואָס איז אים ווי עפּיס אַביסל ברוכוואַרג געליגן אין זיין מויל, מורא האָבנדיק פאַר מענטשן האָט ער אויך נישט באַנומע זאַכן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגעלט. אַזוי, אַז אַ יעדעם מאָל וועלנדיק עפּיס אויסטייטשן האָט ער גענומען אַ משל צו הילף. פאַרדאָס, האָבן אים די בית־מדרש בחורים אַ נאָמען געגעבן „צדוק, וישאָ משלו“.

צו די צוויי בטלנים איז דער דברי חיים אַריינגעגאַנגען נאָך דער שלאָפ־לאָזער נאַכט אין פּאָליש. דערפילנדיק אַרום זיך דעם צדיק; זיינען זיי פאַרשטאַרט געבליבן פאַר שרעק אין זייער לעצטן פאַרטאָגיקן שלאָף.

צוערשט, האָט דער צדיק אַ טרייסל געטאָן זרחן. „דערצייל מיר“ האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו אין דיין קינדהייט געהערט וועגן ראָפּשי־צער צדיק ר׳ נפתלי ז״ל?

זרחס האַלז־קנעפּל איז אַ לויף געטאָן. די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, פאַר שרעק, האָט ער פאַרגעסן דאָס לשון.

— דערציייל, דערצייל — האָט דער דברי חיים האַרט באַפוילן. און אָ, וווּנדער! אין דעם טונקלען מח פון בטלן, וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָט זרח אין אים אַריינגעכאָפּט נאַכט־פינצטערניש איז צום ערשטן מאָל ליכטיק געוואָרן. דאָס קליינע וווּנדער־טירל צום געדעכניש־קעסטעלע האָט זיך ביי אים געעפנט. און זרח האָט אָנגעהויבן:

— יאָ, רבי כ׳וועל נאָר אַ לויף טאָן וואַשן זיך די הענד, קריאת שמע זאָגן וועל איך דערציילן אַ שיינע מעשה וועגן ר׳ נפתלי ראָפּשיצער און אַ מיידל.

— גיי און קום! — האָט דער צדיק באַפוילן.

זרח איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, אַרויסגעלאָפן אין פאָר־הויז צום כיור, באַלד צוריק אַריינגעקומען אַ נאַסער, אַ מורמלנדיקער קריאת־שמע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן דערציילן:

— אין זשאַכאָוו, האָט זרח געזאָגט: איז קיינמאָל מער נישט געווען ווי אַ מנין יידן. אָבער, אויך נישט ווייניקער ווי אַ מנין. איז רחמנה לצלן אַ ייד געשטאָרבן איז אויף זיין אָרט אַ קינד געבוירן געוואָרן. דאָרט איז דאָ אַן אַלטע שוהל און אַ בית החיים. אַמאָל איז דער ראָפּשיצער צדיק זכתו יגן עלינו געקומען קיין זשאַכאָוו. גייענדיק אין מארק האָט ער באַגעגנט אַ מיידל און זי געפרעגט:

— הער טאָכטער, צו וואָס דאַרפן זשאַכאָווער האָבן אי אַ שוהל, אי אַ בית־החיים, אַז סיי ווי סיי איז ביי אייך מער נישטאָ ווי אַ מנין יידן? מילאָ לעבן אַלע צו וואָס דאָס בית־החיים? חלילה, שטאַרבט איינער איז דאָך קיין מנין נישטאָ צו וואָס דאַרף מען די שוהל? האָט דאָס מיידל דעם צדיק אַ פאַרדראָסיקע געענטפערט:

— דאָס בית־החיים רבי, דאַרפן מיר פאַר פרעמדע.

דער דברי חיים האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און זיך הילעכיק צעלאַכט.

וועל איך אייך רבי דערציילן עפּיס שענערס האָט זיך צדוק אָנגערופן אויך אַ מעשה וועגן ראָפּשיצער זכתו יגן עלינו.

— דערצייל צדוק, האָט דער דברי חיים אים גענומטיקט.

דאָס טרעפינק האָט געטראָפן רבי, אין אַן ערב שבת אויפן וועג ווען דער ראָפּטשיצער זצ״ל איז געפאָרן מיט זיינע חסידים אויף שבת קיין לעזשאַנסק. האַרט פאַר דער שטאָט גייט דער וועג באַרג אַרויף. אַזוי, אַז מען האָט פון די געלעגנהייטן געמוזט אַראָפּקריכן כדי, לייכטער צו מאַכן די פערד זייער גאַנג. דער ערשטער איז דער ראָפּטשיצער פון געלעגנהייט אַראָפּגעגאַנגען. למה דבר דומה — צו אַ שר און זיינע חיילות, וואָס דער שר טוט טוען די חיילות זיינע נאָך. אַ לענגערע ווייל, האָט דער צדיק געשפּאַנט

אויפן קייסער-וועג ווי תמיד אַ פּאַרטראַכטער. די תמימה איז געווען גרויס. אַ וואָך נאָך שבועות קיין וונדער נישט! פּלוצלים, איז ר׳ נפתלי שטיין גע-בליבן, זיך אַרומגעקוקט אין אַ טיפער פאַרטראַכטעניש זיך איינגעקוקט אויף די אַרומיקע פעלדער, אויף די תבואות און גראָזן. אויף די ביימער און טייכן. איינגעהערט זיך אין געזאַנג פון די פייגל. ממש, געוואַשן זיך אין די ליכטיקע קלאָרקייט פון העלן בריענדיקן טאָג! למשל, ווי איינער טונקט זיך אין די הייליקע מקוה וואַסערן. פּלוצלים, ווי אַ נייער גערדאַנק וואָלט אין ראָפּטשיצערס קאָפּ אויפגעגאַנגען האָט ער צוויי שפּאַן געטאָן. אַזוי שנעל ווי למשל עס טוט עס אַ אינד וואָס אין שיר השירים איז ער באַשריבן און שוין האָט ער זיך ר׳ נפתלי געפונען אין מיטן פון די פעלדער. די חסידים זיינען פאַרגליווערט געוואָרן! ווייל אַ שפּרונג איז עס געווען ווי אַ פויגל-פלי, ווי מיט פליגלען פון אַ מלאך געהויבן און אָט זען זיי אים פון דער ווייטנס רבי — אַ הויכן, אַ מעכטיקן ער וואַקסט וואָס אַמאָל העכער איבער די פעלדער אַרוים. אַזוי, אַז הויבט ער צו די בלאָע הימלען אויף דעם הייליקן-קאָפּ. צעשפּרייט די הענט און עפּיס אַ גרויסע ליכטיקע גדולה שטראָמט פון אים און די חסידים וואַרטן. ווייל, באַלד וועט דאָך פון זיין הייליק מויל אַ גרויסער שבח צום בורא עולם אויפגיין און דערווייל, האָט דער צדיק איינגעאָטעמט די שמעקענדיקייט פון די פעלדער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט די ריחות, וואָס האָבן זיך פון די בלימלעך געטראָגן. אונטער אַ בוים איז ער אַרונטער און אַ הנאָה געהאַט פון זיין שאָטן. דורך אַ ריטשקע איז ער ווי אַ יונגל דורכגעשפּרינגען און אָפּגעשפּיגלט זיך אין זיינע וואַסערן.

דער דברי חיים האָט אויפגעציטערט. זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פייער, אין גרויסער בהלה האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטאָן און מיט געביילטע פויסטן זיך געוואָרפן אויף צדוקן.

— פּוילאַק, האָסט דיר די הענט נישט געוואַשן! קיין קריאת שמע נישט געזאָגט! רוחות-רעות ליגן אויף די שפּיץ פינגער דיינע און אויף דיין צונג און זיי זיינען מחרף און מגדף! צדוק האָט זיך איינגעדרייט אין דרייען פאַר שרעק איז זיין קליין קינדיש-פּנים בלייכער געוואָרן און דאָך, האָט ער שטיל צווישן די ציין קוים צו הערן געשיעפּטשעט: „ס׳איז אמת רבי, ס׳איז אמת“.

— און וואָס איז ווייטער געשען טפּוש איינער? דערציייל!

— און ווי די חסידים זיינען אַזוי געשטאַנען פאַרשטאַרט און מלא פאַרוווּנדערונג געקוקט אויף זייער רבין האָט דער ראָפּשיצער אויס-געשריגן:

— אָ, ווי דאָ שמעקט!

דער דברי חיים האָט אויפגעציטערט. אין דער מנוח האָט אים פּלוצלים פאַרפּעלט כח און פּלאַם צו מאַכן פון בטלן „כלו" פאַרלענדן אים, אַז אַש זאָל פון אים ווערן. כמעט אָן זיין ווילן האָט ר׳ חיים ווייטער געפרעגט:
און וואָס איז ווייטער געשען צדוק?
— דעם מוצאָ שבת רבי, איז דער רפּטשיצער נפטר געוואָרן און צו קבר ישראל געקומען אין לעזשאַנסק.
דער דברי חיים האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. דער אויסדרוק אויפן פּנים זיינעם איז געוואָרן מילד. מיט אַ פאָטערלעכן שמייכל, פול מיט חרטה, וואָס ער האָט אויף דעם בטלן אָנגעשריגן האָט ער אַצינד אויף צדוקן אַ קוק געטאָן מיט ליבשאַפט און נאָך אַ ווײַלע, געבליבן זיצן פאַרטראַכט.
לאַנג האָט דער סאַנדזער געשוויגן. מיט זיינע קורצע גראָבע פינגער איז ער אַריינגעקראָכן אין דער גערעכטקייט פון זיין באָרד. אַרויס־גענומען און ווידער זיי אַריינגעשטעקט. אַ פאַרטראַכטער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ ווײַלע האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן די ימים נוראים וואָס שטייען אויף דער שוועל. באַלד, האָט דעם צדיק אָן אַנדערער געדאַנק פאַרכאַפּט. ער האָט זך פּלוצלים אַוועקגעדרייט פון פענצטער און זיך געווענדעט צו זרחן.
— נו, דערציייל מיר נאָך עפּיס, זרח.
זרח האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין בערדל. אַ ווײַלע נאָכגעקלערט און געזאָגט!
איך קען דערציילן וועגן טויט פון גרויסע צדיקים. „וועגן טויט פון הייליקע צדיקים" — האָט דער דברי חיים איבערגעחזרט — נו, דערצייל!
— אין זשאַכאָוו, האָט זרח אָנגעהויבן איז ס׳בית החיים אַן אַלטס, זייער אַלט! אפשר, ס׳עלצטע בית החיים אין דער וועלט. רבי, נאָר קיין גדר האָט עס נישט. שטייען, שטייט עס אין פרייען וואַלד, ווייט פון דער שטאָט. אויך קיין מצבות האָט דאָס בית החיים נישט. ווייל, אין זשאַכאָוו שטעלט מען קיין מצבות נישט. דערקענען, דערקענט מען ווו ס׳הייליקע־אָרט גע־פונט זיך אין גערעכטקייט פון וואַלד לויט, אַכט הויכע סאָסנע־ביימער, וואָס וואַקסן דאָרט.
— פאַרוואָס מען שטעלט נישט אין זשאַכאָוו קיין מצבות. איז די מעשה נפלא די:
געוווינט האָט אין זשאַכאָוו מיט יאָרן יאָרן צוריק אַפרומער ייד אַ למדן אַ גרויסער גבור אַ פּראָפּאַנאָטאַר ר׳ דוד אַלטשטעטער. האָט דער שטן ימח שמו! איינגעגעבן אַ געדאַנק ר׳ דודן ער זאָל זיך פּעדערען און גיין אָנעמען זיך די קריוודע פון פּוירים. ווייל, די פּוירים ווערן דאָך פון די פּריצים געפּלאָגט. און דער ר׳ דוד אַלטשטעטער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן

פון קיין פחד נישט געוווּסט. איז ר' דוד אַרויס אין מלחמה קעגן די פּרצים. נקמה נעמען די פּוירימס עולה· און אַ גרויסע אימאַ האָט ער מיט זיין גבוּרה אָנגעוואָרפן אויף אַלע פּריצים, וואָס זיינען אַרוּם די שטעט אויף זייערע פּאָסעסיעס געזעסן און ער איז געוואָרן אַזאַ גבור חייל — נישט קיין קלענערער ווי יאַקוּב שיעלאַ אַליין דער באַקאַנטער פּוילישער רוצח, וואָס האָט אַ סך פּריצים אויסגעהרגט און זייערע פּאַרמעגנס צוּ רויב געמאַכט. אַזוי, אַז די פּוירים האָבן ר' דודן אַ נאָמען געגעבן „דוד קרוּל" פאַר זיין גרויסער גבוּרה.

אין יענע יאָרן האָבן איבער לענדער און ימים געוואַנדערט אַכט גרויסע צדיקים אָפּשטאַמיקע פון די גולי־ספרד. די דאָזיקע גרויסע צדיקים האָבן פון זייערע אָבות איבערגענומען; אַז באַזעצן זאָלן זיי זיך דאָרט ווּ אויף זייער וואַנדער־וועג וועלן זיי אָנטרעפן יידן, וואָס וועלן זיך וועלן שטויבן אין שטויב פון די אַכט צדיקימס פיס. האָבן זיי געוואַנדערט ווי זייערע אָבות דאָס גאַנצע לעבן זייערס און ווּ אַהין נאָר זיי זיינען געקומען — האָבן זיי געטראָפן יידישע ישוּבים פאַרטיגן אין מסחר איבער די אויערן. די צדיקים, האָבן איבער די פאַרשטויבטע וועגן געשפּאַנט; אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, ווי שאָטנס זיינען זיי געקומען און ווי שאָטנס — פאַרגאַנגען. צוּ זייער וואָרט האָט זיך קיינער נישט צוּגעהערט. דאָס מתוּקותדיקע קול פון זייער לערנען — האָט בלויז דער פויגל אין פעלד באַנומען. און האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט ערגיץ ווּ אויף אַ שוועל זיך אָפּרוּען און אַ ספר צוּ לערנען גאָטס־תורה געעפנט — זיינען באַלד געקומען אָפּשפּעטערס געצירטע אין גאָלד און זילבער,וואָס גאָטס געזעץ איז שוין ווייט געווען פון זייערע פאַרפעצטע הערצער און חוזק און שפּאָט פון די געטלעכעמענער געטריבן. זיינען די צדיקים אין גאַס נעגאַנגען; האָט מען זיי פון וועג געיאָגט. אַזוי, פוּל מיט בענקשאַפט; אַז כאָטש, איין איינציקער ייד זאָל זיך געפוּנען, וואָס זאָל וועלן זיך איינהילן אין שטויב פון די צדיקימס פיס האָבן זיי זיך תמיד איינגעהערט ווער ס'גייט אוּנטער זיי. אָבער, אַחוּץ דעם געוווי פון ווינט אין פעלד האָבן זיי גאָרנישט געהערט. ביז, אַלטע, מידע, צעבראָכענע, זיינען זיי געקומען קיין זשאָכאָוו.

רבי, דאַמאָלס איז זשאָכאָוו געווען אַ גרויסע שטאָט, אַן עיר ואם בישראל. וואָס איז אָבער פון דעם אַלעמען אַרויסגעקומען, אַז אַלע אירע איינוווינער זיינען געווען איינגעטוּען אין גזילה. די פּוירים האָבן די פּריצים באַרויבט. גאָלד און זילבער, טייערע כלים, איז פאַר בחצי חינוּם געוואָרן. מיט עסטרייכישע פּאַפּיר דוּקאַטן האָט מען די ווענט אויסגעקלעפּט. טייערע מאַכלים, וואָס פּוירים האָבן נישט געווּסט ווי אַזוי מען עסט זיי האָט מען פאַר חזרים געוואָרפן.

אָבער ווי דער סדר העולם איז; כיון שנתנה רשות למשחית אינו מבחין בין טוב לרע. האָבן אויך די פּוירים־באַנדעס אָנגעהויבן באַפאַלן יידן. יש אומרים, אַז דאָס האָבן זיך געפונען משלנו; וואָס האָבן אָנגעוויזן די רוצחים; וועלכע יידן ס׳האָבן געלד און איידלשטיינער לרוב. יידן האָבן זיך געמוזט ווי די פּריצים אין קעלערן, לעכער, פעלדער און וועלדער פאַרשטעקן פאַר די באַצווינגער זייערע און ס׳האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן די רוצחים געפירט און געוויזן ווי יידישע קינדער ליגן באַהאַלטן. יאָ, אַ ברידער האָט אַ ברידער אויסגעגעבן. אַ זון האָט אַ טאַטן פאַר געלד פאַרקויפט. אָדער, פאַר וועלן ראַטעווען ס׳אייגענע לייב האָט מען ווייב און קינד אַוועקגעשענקט. ווען למשל מען האָט אָן עדה יידן געפירט אין שטעטל פרישטאַג צו דער שחיטה האָט זיך געפונען אַ ייד, וואָס איז צווישן די פאַרמשפּטע צום טויט אַרומגעגאַנגען מיט אַ גילדענער־טאַץ אין האַנד און געשריגן:

„—יידעלעך, צאַן קדשים, אייך איז דאָך שוין סיי ווי סיי אַלעס איינס. וואַרפט אַריין וואָס איר פאַרמאָגט!" זנות, שקר, שיכרות, האָט דאָס אַלעס באַגלייט. און ווי פון אַ מצורע די קרעץ אַזוי האָבן סיי פון די יידישע סיי פון די פּוילישע רוצחימס הענד אַראָפּגעבליט ווי אויף צעגליטן אייטער: גילדענע רינגען, אויררינג, וואָס מען האָט פון די קרבנות אויערן אָדער פינגער אַראָפּגעשניטן.

דאַמאָלס ערשט, האָט דוד אַלטשטעטער געזען אין וואָס פאַר אַ בלאָטע ער איז פאַרקראָכן און אַ גרויס געשריי און אַ ביטערס האָט ער געלאָזט הערן אין די גאַסן פון שטאָט אויף דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט געטראָפן די קינדער פון זיין פאָלק. צום גרויסן גליק, האָט דער עסטרייכישער קייסער ירום הודו אַרויסגעשיקט זיינע הוזאַרן און זיי האָבן איינגעשטעלט די מגפה.

דאַמאָלס, ווען די דאָזיקע פּאַסירונגען האָבן פּאַסירט אין גאַנצן לאַנד אַרום דער ווייסל, וויסלאָקאַ און סאַן אויף דער עסטרייכישער זייט — זיינען די אַכט צדיקים געקומען קיין זשאָכאָוו. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מידע און קראַנקע. דער טאָג פון זייער קומען איז געווען אַ הייסער דאַכט זיך גאָר, תשעה באָב איז עס געווען. אין וואַלד ווו זיי זיינען אַנידערגעפאַלן פון מידקייט; זיינען זיי צו קבר ישראל געקומען.ווייל, נישט געפונען האָט זיך דאַמאָלס אין זשאָכאָוו און אַרום איר פאַרשטאָט כאָטש, איין מענטשלעכע האַנד, וואָס זאָל די קראַנקע צו די אויסגעגליטע פון היץ ליפּן אַ ביסל וואַסער צו טראָגן.

די זון האָט זיך געזעצט. איר פייערדיקע קויל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם טויטן קאַלטן גלאַנץ פון די צדיקימס אויגן ווען זיי האָבן ווי אין

דער הייליקער תורה שטייט געשריבן ביי אברהם אָבינו — וישקף על פני סדום.

ויהי היום, איז צו דוד קרול דערגאַנגעין די שמועה וועגן טויט פון די אַכט צדיקים. האָט זיי ר׳ דוד צו קבר ישראל געברענגט. צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה, נאָך זיי שבעה געזעסן און באַוויינט די גרויסע אבידה, וואָס ס׳האָט, דאָס הויז ישראל געטראָפן. ווייל, אַזוי איז שוין דער דרך־העולם — באַוויינען און פאַרגעסן... אפילו די, וואָס דורך זייער טויט זיינען אַוועק די לעצטע צדיקים אָפּשטאַמיקע פון די גולי־ספרד און דאָך, איז אין ר׳ דודס הארץ גרויס געווען די ווייטיק. נישט אַזוי, וואָס ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַכט גרויסע לעבנס נאָר ווייל — קיינער האָט נישט געוווּסט די נעמען און יחוס פון די נפטרים. אין די ספרים און בריוו, וואָס מען האָט געפונען אין זייער בייגאַרטלען איז דאָס דאָזיקע נישט באַשריבן געווען. נאָך אַ צייט, איז אויף זייערע קברים — ביי אַ יעדן אויף זיין קבר אויפגעוואַקסן אַ בוים. צוזאַמען אַכט אין דער צאָל. הויכע זיינען די ביימער, דינע ווי די ציפּריסן. נאָר, אָן צווייגן וואַקסן זיי. אַז אַ מידער וואַנדערער זאָל אין זייער שאָטן נישט קענען רוען ווי זיי די צדיקים האָבן פון קיין רו נישט געוווּסט. טויט און אייביק, פאַרגליווערטע אין אַ טיפן ווייטיק שטייען זיי. קיין שום ווינט אפילו דער ווילדסטער שטורם קען מיט זיי קיין בייג נישט טון. דורות לאַנג וואַקסן זיי. גלייכע, דינע אין הימל און אין דער אייביקייט אריין.

דאָס רבי איז דער סוד, וואָס מען שטעלט נישט אויפן זשאַכאָווער בית־החיים קיין מצבות. מען וויל נישט פאַרשעמען אַכט גרויסע אָנבאַקאַנטע צדיקים.

פון דאַמאָלס, איז אָבער זשאַכאָוו געגאַנגען מטה מטה. האָט זרח ווייטער געזאָגט: אָט, האָט אַ מגפה אויסגעבראָכן, וואָס האָט אַ האַלבע שטאָט ווי מיט אַ טויט־בעזים אויסגעקערט. פייערן האָבן די פאַרשטאָט אירע פאַרלענד. דער נאָנטער טייך ווּיסלאָקאַ האָט דעם מאַרק פאַרגאָסן און נישט איינמאָל האָט מען געזען: וויט צענדליקער מייל פון זשאַכאָוו ווי די אויפגעשטורמטע וואַסערן טראָגן אַוועק קינדער־וויגלעך, בעלקעס, שטרוי און שינדל־דעכער. בלויז, די אַלטע הילצערנע שוהל איז אין זשאַכאָווער מאַרק שטיין געבליבן. אָן אונטערגעשווענקטע פון די בייזע־וואַסערן, אַ געשמיסענע פון ווינטן, וואָס האָבן געוויגט מיט אירע גאַנקעס, קרוזשגאַנקעס און פּאָטשינעס ווי זיי וואָלטן מיט איר אַ מיאוּסן שפּאַס געטריבן. דאַמאָלס, ערשט, האָט זיך דוד קרול דערקענט צו זיינע זינד און איז אין דער נאָנטער שטאָט מיעלעץ אַוועק און געלאָזט פאַר זיין געלד בויען אַ בית־המדרש, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן די „מויער" איבער דעם; ווייל זי איז פון ציגל געבויט געוואָרן. אָבער אויך דאָס האָט נישט אָפּגע־

מעקט ר׳ דודס זינד. זיינע פיס, וואָס זיינען צום בייזן געגאַנגען האָבן אים מער נישט טראָגן געקענט. כאָטש, פון זשאָכאָוו קיין מיעלעץ איז אַ מייל ווייט האָט ער צוויי מאָל אין טאָג דעם וועג אַדורכגעמאַכט האָפּסענדיק אויף אַלע פיר. אַזוי צו שחרית פאַרטאָג און אַזוי — צו מנחה מעריב צו דעמערונג. אַ יעדער האָפּס, וואָס ער האָט אויפן שטיינערנעם־וועג געטאָן זיינען די יסורים פון זיינע קראַנקע־פיס אים ביז אונטערן האַרצן דער־גאַנגען און טאָג איין און טאָג אויס האָבן די ווייטיק־געשרייען פון אים אויפן וועג זיך געהערט, וואָס האָבן אַפילו די פויגל אין די בוימער־צווייגן געמאַכט אויפציטערן און אין צענדליקע ווידער קולות איבערן לאַנד זיך צעטראָגן.

אין בית־המדרש, איז שוין אַ היפשער עולם זיך צונויפגעקומען שחרית דאַווענען. מען האָט געוואַרט אויפן דברי חיים. מיט נייגער און צעטומלט־קייט האָבן חסידים געקוקט דורך די קליינע טיפע פענצטערלעך אין פּאַליש אַריין. פאַרוואונדערט האָבן זיי געפרעגט: „וואָס האָט דער רבי זיך פאַרן דאַווענען אַוועקגעזעצט מיט די צוויי פוילאַקעס אויסטענען״.

דער דברי חיים האָט אַצינד געשפּאַנט איבערן קליינעם פּאַליש. אַ מאָדנע אונרו האָט אים אַרומגענומען. צו פרייד צו צער? דאָס האָט דער סאַנדזער אַליין נישט געוווסט. ער האָט בלויז פון בטלנס רייד אַרויס־געפילט און פאַרשטאַנען דעם טיפן מיין פון דעם, וואָס איז אים אַצינד דערציילט געוואָרן און מאָדנע, אַז נישט פון שכר און עונש האָט ער גע־טראַכט. אָדער, געפרייט זיך, „אַז די וועלט איז נישט הפקר, אַז ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס זעט אַן אויער וואָס הערט און אַ האַנט וואָס באַצאָלט״ און אויך נישט דאָס, וואָס לויט זרחס רייד האָט זיין ר׳ חיימס אויפירונג, זיין גאַנצער לעבנס־וועג געפונען אַ תיקון. ער איז אַצינד גיכער געווען ווי אַ חיה, וואָס שנאַפּט און דערפילט, אַז איר קרבן איז שוין נאָענט. ער האָט געוואַרט ביז זרח וועט צוקומען צו דעם אָרט פון זיין דערציילונג. ווען ער, דער סאַנדזער, וועט מיט אַ גרויס געלעכטער פול מיט פרייד אויסשיסן. זיך קענען אַוועקשטעלן אין דער גאַנצער ברייט ווי אויף אַ וועג. פאַר־שטעלן די אַלע די וועלט; וואָס וועלן זיך דורך אים נישט לאָזן פירן, וואָס וועלן אים נישט וועלן פאַרשטיין און אים פאַר זייער מנהיג נישט מאַכן.

דער דברי חיים האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און אַ זאָג געטאָן צו זרחן וואָס האָט אַצינד פון רבין קיין אויג נישט אַראָפּגענומען.

— דערצייל ווייטער זרח.

דער בטלן האָט אָנגעהויבן:

— וואָס מער זשאָכאָוו איז געפאַלן אַלץ העכער איז מיעלעץ נתעלה

געוואָרן. פון אַ וויסטע בלאָניע ווי ס'האָבן זיך חזירים געפּאַשעט איז אַ בליענדער יישוב אויסגעוואַקסן. מעליצער יידן האָבן אין פּאַוויאַט דער־וואָרבן גרויסע ערד־שטחים, ס'האָט זיך צעבליט דער האַנדל מיט ווייטע מקומות. מען האָט געמסחרט: מיט גענז און העגער־פעדערן, וואָס מען האָט געשיקט אַזש ביז פּאַריז. אויך גרויסע תבואה־סוחרים האָבן אין מיע־לעץ געעפנט זייערע שפּייכלערס און געשיקט גערשטן אין די מאַלץ־פאַבריקן אין טשעכן. און דאָך, הייליקער רבי ווער דערזעט דעם וואָרים וואָס טאָטשעט דאָס שיינע רויטע עפּעלע?

אין דעם זאַוואַליע־געסל אין מיעלעץ צווישן די היטלמאַכערס, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, האָט זיך באַוויזן אַ יונג אַ שניידער. ווי גענעכטיקט — דאָרט נישט געטאָגט. מיט די מיידן, וואָס האָבן ביי די פּעדערן־סוחרים פעדערן געפליקט האָט ער לצנות געטריבן. די אַלטע אָרעמע מיידן וואָס האָבן נישט געקענט קיין שידיך טון איז ער שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט זייער טרויריק לעבן היימלעך געמאַכט. אַ מעשיות דערציילער, אַ ליג־נער. ער האָט זיך פּאַר אַלע באַרימט, אַז ער איז אַן אויסגעדינטער נאַפּאָ־לעאָנישער־סאָלדאַט און מיט טרערן אין די אויגן נישט אויפגעהערט באַ־וויינען דעם אימפּעראַטאָרס מפּלה.

די איינוווינער פון זאַוואַלע־געסל האָבן זיך אים דערמאָנט; מיט יאָרן צוריק איז ער ביי בצלל היטלמאַכער דערצויגן געוואָרן. נאָך אַ צייט ערגעץ ווו אויסגעריסן. אַ יידענע וואָס האָט אים דערזען ווען ער איז ס'צווייטע מאָל געקומען אין געסל: האָט זיך אַ קניפּ געטאָן אין באַק, פאַרביסן די ליפּן, אויסגעשפּיגן און אַלעמען דערמאָנט: „אַמאָל, האָט אים דוד קרול צו בצללן געברענגט, געצאָלט פּאַר כאָוואַניע". ווער איז דעם יינגלס טאַטע געווען? ווער זיין מאַמע? וועגן דעם האָט מען געשוויגן. ווייל צו וואָס חרפּות דערמאָנען?

אָט דער יונג, דער לץ, רבי לעבן, איז עס געווען דער גאַנצער גורם פון די צרות, וואָס זיינען פון צייט צו צייט אויף דער שטאָט געקומען. ווי אַן אייביקע פליך האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט. אַלע שרפות, מגפות זיינען געווען מעשי־ידיו. אין די שבת־נאָכמיטאָגן האָט ער זיך מיט די מיידן בוגרתן ביי אַ וואַרימער הורבע אַוועקגעזעצט. געשאָבן זיסע־ריבן און אין די פינצטערניש פון שבתדיקן בין השמשות אַלערליי לצנות געטריבן. מאָדנע געשיכטן האָט ער דערציילט — לובעס צווישן מענער און פרעמדע ווייבער. לידער נישט יידישע האָט ער זיי געזינגען און צו אַלערליי זינד צוגערעדט. ער אַליין איז געווען זייער אַ מיאוסער. אַ געלער, מיט אַ רויט ווי אָנגעבריט פּנים וואָס אַן עקל איז געווען אַ שטיקל ברויט אַראָפּצושלינגען לעבן אים. „געיאַדעט" האָט ער זיך, וואָס ער האָט נישט

טאַטע מאַמע אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער. איז נישט קיין ווּנדער, וואָס אַלע זיינע געמיינע לצנותן האָט ער אויסגעטראַכט אויף ר׳ לעמלע שיע שײנדלס דעם גרעסטן פּעדערן סוחר. ר׳ לעמעלע איז געווען אַ ייד אַ בר אורין. זיין הויז פון גאָט און לייט געבענטשט. טעכטער, זין, איידעמס, שנירן און אייניקלעך און ער עזריאלקע שניידער וואָס איז געווען? אָן עם־האָרץ, וואָס ס׳גאַנצע לעבן זיינס האָט ער אַ ראשהשנהדיקן ניגון אָנגע־הויבן און קיינמאָל אים פאַרענדיקן נישט געקענט. פאַר ר׳ לעמל איז ידישקייט געווען אַ ליכטיקע־וועלט און פאַר עזריאל שניידער־יונג, אַ פינצטערער תהום! איז אַ ווּנדער, אַז אַזעלכער איז געווען אַ נישט פאַר־גינער?

ס׳ערשטע מאָל אודאי האָט געטראָפן אין יענע צייטן, אַז מען זאָל אַרבעטאָרנס איבערריידן, אַז זיי זאָלן די אַרבעט אַוועקוואַרפן. ווייל, מכלו־מערשט פון זייער האָרעוואַניע ווערט ר׳ לעמל נתעשר. דאָס האָט עזריאלקע געטאָן! זעקס טוץ אַלטע מיידן האָט ער צונויפגעטריבן. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אויסגעדאַרטע ווי די גאָרנערס און צו ר׳ לעמלס־הויז געפירט. אַליין, זיך ווי אַן אינדיק אָנגעהאָלדערט און הייבנדיק אַ פויסט ווי ער וואָלט חלילה כביכול געדרויעט האָט ער געשריגן: „ברענען זאָלט איר דאַרמאָיאָדעס! איר פּאַשעט אייערע בייכער מיט דעם אָרימאַנס בלוט!...“ איז אים נאָך דאָס ווייניק געווען — האָט ער אָן חרפּה — גע־נומען חוזקן פון אַ תלמיד חכם. ווייל, ווער האָט דען אויסגעטראַכט די לצנות: „אַז ווען ר׳ לעמל איז שווער קראַנק געווען — האָט ער זיין ווייב צום בעט צוגערופן. באַפוילן איר; אָנטוען די שבתדיקע קליידער. די פּערל און דיאַמאַנט־אוירינג, אַז ווען דער מלאך־המות וועט קומען זאָל זי אים בעסער געפעלן ווערן...“ אויב נישט עזריאלקע שניידער־יונג?

אָבער אויך דאָס רבי וואָלט קיין אומגליק נישט געווען. מילאַ, אַ ליי־דיק גייער, אַ ליץ! אָבער ער, האָט דאָך גאַנצע חיילות „נישט גוטע“ מיט כישוף קיין מעליץ געברענגט און שיער שיער נישט דערפירט, אַז די שטאָט זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן אין כף־הקלע. ווען דער ראָפּטשיצער צדיק זאָל זי אין דער לעצטער מנוט נישט ראַטעווען.

דער דברי חיים איז פלוצלים, ביי די ווערטער, וואָס זרח האָט אים דערציילט אויפגעלעבט געוואָרן. ער האָט אַ שאַרפן שמייכל געטאָן. די געדעכטע באָרד, די געקרויזלטע פּיאות, די ברעמען האָבן זיך אַ שטעל געטאָן האָראָדאָם. אין גאַנצן אָן אָנגעשטרענגטער האָט ער אַצינד אויפ־געכאַפּט אַ יעדעס וואָרט פון בטלן און מיט אַ מאָל האָט ער זרחן אַ פרעג געטאָן:

— און ווער איז עס געווען דער עזריאלקע שניידער יונג?

— דער פאַטער פון שעי' שניידער. דער זיידע פון שיע העשל ניעפּאָ-
לימיצער. האָט דער בטלן געענפערט.

ס'ערשטע מאָל האָט עס אודאי געטראָפן, אז דער סאַנדזוער זאָל אַזאַ געשריי פון זיך לאָזן הערן.

— הערט! הערט יידן! און צו זרחן האָט ער זיך געווענדעט:

— דערצייל מיין קינד. זאָלן יידן וויסן דעם גאַנצן סוד! זאָל גאָר נישט פאַרהוילן בלייבן. זאָל דער אמת. ווי בוימל אויפן וואַסער אַרויפקומען! דעם דברי חיימס געשריי האָט אַזאַ אויפרודערונג אַרויסגערופן צווישן די פאַרזאַמלטע אין בית מדרש, אַז אַז וועך ס'האָט געלעבט האָט זיך אָנ-געהויבן שטופּן צום פּאָליש. אַ געשריי האָט פול געמאַכט די לופט. אַ ווונדערלעכע נייגער האָט אין אַלע אויפגעפלאַמט. קעפּ האָבן זיך איבער קעפּ געהויבן. אַ געמורמל און אַ שוידער איז דורך די פאַרזאַמלטע דורך: „שאַ שאַ, שטילער זאָל זיין! שאַ, זאָל מען הערן אַ וואָרט!" באַלד איז דער פּאָליש פול געוואָרן. אַלע מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיך געגרייט הערן, וואָס זרח וועט ווייטער דערציילן. — און זרח האָט אָנגעהויבן:

— ווי שוין דערציילט איז עזריאלקן נאָך ווייניק געווען, וואָס ער האָט געמאַכט דערצערנען יידישע-קינדער. אויסגעטראַכט פאַרשידענע בול-בולים אויף אַ תלמיד-חכם. נאָר, באַנוצנדיק זיך מיט כישוף האָט ער אָרימע בוגרתן דורך פאַרשידענע זנות-מעשיות, דורך ניגונים, וואָס האָבן ביים האַרצן זיי געכאַפּט. געמאַכט, אַז יידישע טעכטער וואָס פון הימל איז דערוויל פאַר זיי קיין באַשערטע נאָך נישט אָנגעוויזן געוואָרן — זאָלן אין די נעכט ליגן צעגליטע ווי אויף הייסע-קוילן פון זינדיקע גליסטונגען. ער, יידן איז דאָס שולדיק געווען, וואָס זייערע אָרעמע מאַמעס האָבן אין די נעכט מיט קומער און שרעק זיך איינגעהערט אין זייערע קינדערס שווערע זיפצן. ביז, אין פינצטערע נעכט, האָבן אין איין יאָר פינף מוידן מעבד עצמו לדעת געווען און ווי שווערע שטיינער אַראָפּגעפאַלן אין די טיפע וואַסערן פון דער ווייסלאָקאַ. אַזוי, איז מעליץ פול געוואָרן מיט זינדיקע נשמות, וואָס האָבן יאָרן לאַנג קיינעם נישט געלאָזט לעבן. זיי האָבן אין געשטאַלטן פון „נישט-גוטע" די שטאָט באַפאַלן. ממש, ווי הײשעריקן. נו, באַטאָג ווען די זון שיינט — האָבן זיי קיין שליטאָ נישט. אָוונט אָבער. האָט מען פאַר דער טיר אַרויסגיין נישט געקענט. אָט האָבן זיי אונטער די ווענט ווי קעץ געוויינט און פאַרטאָג — אויף די דעכער — ווי רויבן געקראַקעט. איז חלילה ווי געווען אַ פּסולה מזוזה — זאָל גאָט שומר ומציל זיין — האָב זיי דאָך פון אַזאַ שטוב אַ דול-הויז געמאַכט.

די שרעק אין שטאָט איז געווען אין לשער!

אין די נעכט, אויף וועגן, האָבן לצנים דורכפאָרער פאַרהאַלטן. ווי ס'איז טרוקן געווען — האָבן זיי געמאַכט וואַסער פּליסן. דערפאַר, וואָס זיינען איינס לעבן צווייטן נאָנט געלעגן זיינען אין מענטשנס-אויג אַזוי דערוויטערט געוואָרן, אַז שעהן האָט געדויערט זיי צו דערגרייכן. ברייטע שליאַכן האָבן זיי צו סטשעשקעס געמאַכט און מדבריות איבער די וועגן צעשפּרייט. אפילו די ווילדע-חיה אין וואַלד — דעם וואָלף, האָבן זיי אַ לעמעלע געוויזן: אָט אַ שפּרונג און עס געפינט זיך אין זיין פּיסק! אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך דער וואָלף מיט אויסגעשטשירעטע ציין נאָך זיין פאַר-צוקונג געיאָגט און דערגרייכן עס נישט געקענט.

וועד ווייס — האָט זרח געזאָגט אין גאַנצן אַ צעפּלאָמטער פון דערציילן ווי לאַנג דאָס וואָלט אַזוי אָנגעהאַלטן?

אַ פּאָר הונדערט אויגן האָבן געקוקט אויף זרחן. ער איז אַצינד געשטאַנען אויף אַ באַנק. לעבן אים דער דברי חיים, וואָס האָט אַ יעדעס וואָרט זרחס אויפגעקליבן ווי מען קלויבט אויף טייערע פּירות, וואָס פאַלן פון אַ בוים. די שטילקייט אין בית מדרש איז געווען אַ טיפע. אַלע האָבן זיך צוגעהערט און דאָך איז געשען, אַז אַ שטילער מורמל האָט דורכן עולם דורכגעווייעט. ווייל צו גרוים איז שוין אין יענער צייט געווען ר' הושע העשל פון ניע-פּאָלימיע. צו פיל יידן האָט ער מיט זיין גוטסקייט, פרומקייט און וווּנדירים געהאָלפן, אַז אַזאַ פּוילאַק, טויגעניכטס זאָל אויסקלערן אַזאַלכע שרעק-לעכע מעשיות און זאָגן, אַז גורם געווען האָט זיי דער זיידע פון אַזאַ צדיק. מעג זיך דער בטלן אפילו שיצן אונטער די פליגל פון דברי חיים! ווען דער געמורמל האָט דערגרייכט צום סאַנדזערס אויערן האָט ער זיך כהרף-עין אויף דער באַנק אַרויפגעשטעלט און ממש, כשאגת הארי אַ געשריי געטאָן:

— שאַ, זאָל זיין! זרח דערצייל — האָט ר' חיים באַפוילן. אַלע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין שרעק. צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן האָט דער עולם ווי אונטער שטראָף-שמיץ געהערט.

— נישט בלויז וואָס די „נישט גוטע" האָבן מיאוסע לצנות געטריבן. אויפגערופן פאַרשפּעטיקטע דורכגייער לעבן דער שוהל און געליינט די תורה אויף פאַרקערט אָנהויבנדיק פון: "לעיני כל ישראל„ און ענדיגענ-דיק ביי „בראשית" נאָר, צו אַ פּירוד-הלבבות דערפירט צווישן יידן. אַזוי האָבן זיי אָרעמע-אַלמנות געהאָלפן. למשל, ווען ליכט-ציערינס, חלב-טרי-פערינס האָבן שפּעט אין די נעכט טריפנע-פּעטסן געקאָכט — האָבן די „דייטשלעך" צו די טעפּ דורך די קוימענס צוגעגאָסן חלב און געזונגען מיט אויסטערלישע ניגונים אויך אויף פאַרקערט: „הישועה ממעני בששון מים ושאבתם". אין שניי-שטורם-נעכט האָבן לצנים די גבירשע

הייזער מיט שניי באדעקט ביז איבער די דעכער — אין יוצא ואין בא! און ארום די אָרעמעלייטס כאַטקעס אויסגעקערט ווי צום טאַנץ.

אָבער, אַלעס רבותי, האָט אַ גרעניץ. ווייל, ווי וואָלט גאָטס-וועלט אויסגעזען ווען די טומאה פאַרגיסט זי איבער די ראַנדן דאַמאָלס קומט דאָך אַ מבול אויף דער וועלט. אַ יאָ?

— אין מיעליץ איז געווען אַ ייד ר׳ לייזער מיילעך האָט ער געהייסן. ווּ נעמט היינט רבותי אַזאָלכע יידן? געהאַלטן האָט ער די פּראָפּאַנאַציע. אַ ייד אַ זקן. אַ בן שבעים און דאָך, ווען דער משרת זיינער האָט אים בנאַכט אַרויסגעפירט משתין זיין און ווען דער יונג האָט דאָס זעלבע געוואָלט טוּען האָט ר׳ לייזער מלך אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּייערדיקן-פּאַטש: „וואָס, פירסטו מיך אָדער, איך פיר דיך?‟ אַזאָלכע הארטע יידן זיינען אַמאָל געווען.

זיצט ר׳ לייזער מיילעך אין אַ מוצאָ שבת, שפּעט אין אָוונט ביי זיך אין שענק דערהערט ער אַ קלאַפּ אין דער שויב און דערנאָך, אַ קול אויף יידיש:

— ר׳ לייזער מיילעך, זייטשע מוחל. קומט אַרוים אויף אַ מנוּטעלע. ס׳גייט וועגע אַ נפש.

דערהערט ר׳ לייזער מיילעך, אַז ס׳גייט וועגן אַ נפש. קלערט ער נישט לאַנג און גייט אַרוים. וואָס, ער דאַרף מוראָ האָבן? זיבציק יאָר איז ער אַרום זיין הויז געגאַנגען און געפילט זיך בעל-בית איבער אַלעמען, וואָס איז אַרום. דער ווינטער איז אין יענעם יאָר געווען אַ לייכטער. דאָך, זיינען אַ סך שנייען געפאַלן און די שטאָט צוגעדעקט. און ר׳ לייזער מלך זעט נישט, אַז אונטער אַ יעדער שנייאַלע לויערט אַ לצל, אַ צווערקל און מיט חוזק קוקן זיי אויף אים. פון די איינפאָר-הייזער, פון די דעכער אַראָפּ. פון די בלינדע פייגעס חורבה אַרוים. זיי זיצן אין די שטאַלן ביי די בהמות ווי פליגן. אין די קעמערלעך ביי די הינער. הענגען אויף די צווייגן פון די ביימער. זיי רוען קיין איין מנוּט נישט. אָט זיינען זיי דאָ און אָט — פערציק מייל ווייטער. אָט, אונטער די הימלען און באַלד — אין כף הכלע.

קוקט זיך ר׳ לייזער מלך אַרום און זעט נישט קיינעם. שטיל איז אַרום. גיט ער אַ פרעג. סתם אין דער ליידיקייט אַריין:

— ווער האָט דאָס מיך גערופן?

נו, נו האָט זיך דאָס אַ געלעכטער פון אַלע זייטען אָפּגעריסן און אַ קול הערט ער „נו, למדן, מיוחס, פראָפּאַנאַטאָר און פרנס ווּ איז דיין חכמה? אדרבה געפון אונז!‟

— פאַרשטייט איר דאָך אַלע אין וואָס פאַרא סכנה דער ייד איז דאַמאָלס געווען. און דאָס געלעכטער שטאַרקט זיך פון אַלע זייטן.

ארום אים. מיט הונדערטער ווידער-קולות הערט ער עס. הייבט עס שוין אָן ר׳ לייזער מיילעכן פאַרדריסן. האָט ער דעם שטעקן אויפגעהויבן ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועלכן פון זיי איבערן קאָפּ דערלאַנגען. ווייל, פון קיין פחד האָט דער דאָזיקער ייד קיינמאָל נישט געוווּסט. אחוץ דעם שטייט ער דאָך ביי זיין שטוב. אונטער זיינע אַלטע-ווענט ארום איז די שטאָט אָן אָנגעפּראָפּטע מיט יידן. פלוצלים, דערהערט ער אַ קינד וויינען. אין דערזעלבער מינוט האָט אַ שאַרפער, ווייסער-שניי-ווינט פון אַ דאַך זיך אַראָפּגעשניטן און ר׳ לייזער מלכן אַדורכגענומען. ער פילט עס אָבער נישט. ווייל, דאָס געוויין פון ניי-געבוירענעם דערגייט ביז אונטערן האַרץ. אַזוי יאָמערלעך. אָט פאַרקייכט עס זיך און אָט — אַ שטיל קינדיש קלאָגן, אַז אַ רוצח, אַ גוי דאַרף מען זיין עס זאָל נישט רירן! און אין דער דאָזיקער מינוט האָט ר׳ לייזער מלך דערפילט: די שרעק און אחריות פאַר פקוח-נפש. די גאַנצע ליבשאַפט צו אַ קינד, וואָס ווייסט נישט פון קיין זינד האָט אים פאַרגאָסן. אָן אויפגעקאָכטער, אַ באַגאָסענער מיט שוויים האָט ער זיך ארומגעקוקט און דערהערט, אַז דאָס געוויין גייט פון אונטער די קופּע געהילץ אַפער, וואָס אַ שכן האָט צונויפגעפירט — נאָך פסח, עס ירצה השם, אַ הויז דערפון בויען. די ביימער פרישע, נאָך אין דער קאָרע. שווערע און דאָס געוויין פון קינד הערט זיך ווי פון סאַמע אונטן. אַ מינוט בלויז האָט געדויערט ווי ר׳ לייזער מלך איז שטיין געבליבן פאַרטומלט. אָרעד, נישט פאַרשטאַנען „פון וואַנען נעמט זיך גאָר אַ קינד אונטערן געהילץ?“ באַלד אָבער, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז אַ נפש גייט אויס און ער שטייט ווי אַ גולם. שנעל, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שפּענצער און וויפל כוחות ס׳איז אין אים געווען ממש, מיט די נעגל און ציין האָט ער דאָס געהילץ געשלעפּט. אויסגעווייקט אין שוויים, האָט ער אויף זיינע אַקסלן ביימער געטראָגן און נישט געזען האָט ר׳ לייזער מלך און נישט געהערט ווי מתנות שדימלעך אָנגעטאָענע ווי שרדות צום טאַנץ —ארום און ארום אים קנייפּן זיך די בעקלעך פאַר פרייד און זינגען:

האָפּסאַ, האָפּסאַ, דעם גביר באַקומען!
האָפּסאַ, האָפּסאַ, דעם פרנס באַקומען!

זיי כיכין און ניסן. שאַרפן זיך פון פרייד די פיסלעך און זייערע צונגען אין די אייז צאָפּלעס, וואָס הענגען פון די דעכער אַראָפּ. אָט הייבט אָן שיטן אַ שניי—הענגט זיך אַ יעדערס פון זיי אין אַ שניי-פליטערל אָן און עס ווירבלט שוין דער ווינט. אָט, וועט באַלד דער משוגענסטער און לייכטזיניגסטער טאַנץ זיך אָנהייבן.

עס טאַנצן די הייזלעך, די פלומפּ אין געסל. די קוימנדלעך פון די הייזער זיינען שיכור און אין מיטן — טאַנצט ר׳ לייזער מלך. אַראָפּ-

געוואָרפן פון זיך זיינע זיבעציק יאָר, אויסגעשאָקלט, ווי מען שאָקלט אוים קרישקעס פון די קעשענעס זיין גאַנץ פריערדיק לעבן פון אַן אלט איינגעזעסענעם שטאָט בעל־בית — איז ער אַ שניי־שטויבל געוואָרן נישט מער! אַ גאָרנישט, אַ חלום, וואָס פערשווינד. וואָס מען רעכנט און מען ציילט אים נישט!

אליין, וויסט ווי אַן עגונה שלאָפט זיין ווייב קריינדל אין שטוב. אין אַ שווערן חלום זעט זי איר לייזער מלכן — ער איז אַ שניי־מענטש גע־וואָרן. אַזאָלכער, וואָס קינדער מאַכן אין געסל, ווען זיי גייען פאַרנאַכט פון חדר...

ביי די ווערטער, האָט דער דברי חיים איבערגעריסן זרחן „יאָ, אָבער ווען און ווי אַזוי, האָט דער ראָפּשיצער ז״ל געראַטעוועט די שטאָט מעליץ?“

זרח איז גאַנצן אַ צעפלאַמטער פון דערציילן האָט זיך מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס פנים, אויסגעשנייצט די נאָז און ווייטער געצויגן:

— יאָ, דער ראָפּשיצער ז״ל האָט מעליץ געראַטעוועט. מיט זיין ווייט אויג האָט ער געזען, וואָס דאָרט טוט זיך און אין אַן ערב שבת האָט ער זיך פלוצלים אין שטאָט באַוויזן. נאָך די מעשה מיט ר׳ לייזער מלכן האָבן זיך גרויסע קרירות אין לאַנד געשטעלט. דאָך, האָט עס דעם צדיק נישט אויפגעהאַלטן — זעכצן מייל גיין צופוס אַ שטאָט ראַטעווען — אָנגעטאָן אין אַ פּוירישע־קוטשמע אויפן קאָפּ: איז ער ווי פּראָסטער דאָרפס־ייד אַריינגעקומען אין אַ יידישער שטוב, געזאָגט: „גוט־מאָרגן“ און באַפוילן: „גלייך אַ פּאָר־פערד און אַ שליטן שפּאַנען!“ ווער ס׳האָט געלעבט האָט זיך אויף די פיס געשטעלט כדי, נענטער לעבן צדיק צו זיין און דאָך האָט מיט אַ גרויס תערומות די גאַנצע עדה איבער די צרה וואָס האָט די שטאָט געטראָפן זיך צום צדיק געווענדעט. ווייל, אַזוי רבותי, איז דער סדר העולם: אַנדערע זינדיקן און דער צדיק דאַרף דעם עול דערפון טראָגן. אַ יעדער האָט אין זינען זיין „סוד הבשר“ און צום גאָטס־געזאלבטן, וואָס אַ טריקן שטיקל ברויט איז זיין שפּייז, די אונרו — זיין רו. קומט מען מיט טענות! ר׳ נפתלי אין זיין גרויס גוטסקייט האָט מער נישט גע־ענפערט ווי: „פון היינט וועט איר שוין וויסן פון מנוחה“. און ער האָט זיך אויפן שליטן אַרויפגעזעצט. ווי נאָר ער האָט דעם ערשטן קנאַק מיט דער בייטש געטאָן האָבן זיך פון אַלע בוימער אויפגעהויבן מחנות גרינע פייגל וואָס האָבן אויסגעזען ווי שפּינען. און מיט אַ סיצין אָנגעהויבן אוועקפליען. פון די קוימענס אַרויס, האָבן זיך אַרויסגעריסן שוואַרצע וואָרענס און מיט אַ “קראַ, קראַ” אַנטלאָפן. ווו ערגיץ אַ בוידעם, אַ קאַמער, זיינען פון זיי אַרויסגעשפּרינגען שוואַרצע קאַטערס און געלע־קעץ

און ווי דער ראַפּטשיצער האָט נאָר מיט דער בייטש געטאָן נאָך אַ קנאַק האָבן זיך די פערד פון אָרט אַ ריס געטאָן. די גזשיוועס זייערע הויבט דער ווינט, די פאַרקאָוועס שיטן פייער און דער שליטן — טראָגט דעם צדיק איינמאָל, ס'צווייטע מאָל, ארום דעם מארק ביים דריטן מאָל, האָבן זיך פון אַלע יאַטקע־קלעצער, פון די מיסטן אַראָפּ, אַ לאָז געטאָן קרעציקע הינט מיט אויסגעדאַרטע ריפּן, הונגעריקע־אויגן. אַ געוווי האָבן זיי אַרויסגעלאָזט, וואָס אַזאַלכעס האָט מען נאָך נישט געהערט. און שנעל טראָגט זיך דער רבי אויפן שליטן ער זיצט נישט — ער שטייט! דער ווינט האָט דעם ראַפּשיצער די בייטש פון דער האַנט אַרויסגעריסן. האָט ער זיין פאַטשיילע אַרויסגעכאַפּט און מיט איר איבער די פערדס־ריקנס געפּאָכעט. און די פערדלעך די געטרייע זיינען אָדלערלעך געוואָרן און ווי אויף פליגלן האָבן זיי, וואָס שנעלער דעם צדיק געטראָגן. עס צערשיט זיך דער שליטן, ס'פּלאַצן די פּאָסטראָנגעס — ווערט דער שליטן אַ שיף. די פאַטשטיילע — אַ זעגל. דער מאַרק — אַ ים אַ צעשטראָמטער און די וועלט הוידעט זיך אויף אירע פונדאַמענטן אָט, אָט און מעלעך צעשיט זיך. אָבער באַלד באַרואיקט זיך אַלץ. טאַקע אַזוי ווי אַ שטורעם לייגט זיך. ווי אַ כלב — ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס און צוריק האָט אַלץ באַקומען זיין אָנהאַלט אויף גאָטס־ערד. פון דאַמאָלס, איז שטיל געוואָרן אין מעליץ אויף אייביק האָט זרח פאַרענדיקט.

דער דברי חיים האָט זיך אויסגעגלייכט. אַ קוק געטאָן איבערן עולם ווי ער וואָלט מיטן בליק וועמען געזוכט און באַלד אַ זאָג געטאָן:

— פייוויש, שטעל דיך צום עמוד דאַוונען.

— פייוויש קראָקאָווער! ר' פייוויש! — האָט זיך פון אַלע זייטן געהערט אַ רופן. נאָך אַ ווייל האָט מען זיך אין סאַנדזער בית־מדרש געשטעלט דאַוונען שחרית.

וירא, כי לא יכל לו — און ער האט געזען, אז ער איז אים נישט ביי געקומען

שנעל, זיינען פאַרלאָפן אין דעם יאָר די ימים נוראים און דער יו"ט סוכות אין סאַנדז. אין צווישנצייט, איז דעם רבינס־הויז איינגעהילט געוואָרן אין טרויער — ס'איז נפטר געוואָרן די רביצין, וואָס איז געלעגן צוויי יאָר קראַנק.

אין קעגנטייל צום חודש אלול, וואָס איז אין יענעם יאָר געווען אַ קאַלטער, אַ שאַרפווינטיקער, האָט זיך דער חשון געשטעלט אַ וואַרימער

און ליכטיקער. פאַר פסחדיקע־ווינטלעך האָבן זיך לייכט און מילד געשפּילט אין דער לופט. ווו נישט ווו האָט זיך אויף אַ בוים באַוויזן אַ פאַרשעמטער קנאָספּ.

דאָס יאָר איז געווען אַ יאָר פון גרויסן גערעטעניש. אַזוי, אַז די פּוי־רים האָבן געהאַט פולע קאַמערן מיט הערעטשקע און קאָרן — די והותר צו פאַרקויפן. פאַר דאָס, האָבן זיך געשטעלט טאָג נאָך טאָג גרויסע ירידים אין שטאָט. דער קליינער מאַרק אַקעגן דעם רבינס בית־המדרש איז פול געווען מיט סטראַגאַנעס, מיט אַ געשריי פון גענז. פּוירים, וואָס האָבן באַ־דאַרפט פאַר זיך איינקויפן שטיוול און צייג; האָבן צונויפגעפירט געהילץ פון זייערע וועלדער, פאַרשידענע אויסאַרבייטונגען פון ליים — ווי גע־ברענטע טעפּ, טעלער. אויך בעזימס און שווולן צו פאַרקויפן.

אין איינעם פון די טעג, אין אַ פאַרמיטיק נאָכן דאַוונען האָט דער דברי חיים געשיקט נאָך שמחה בונימען. שמחה בונים איז אין די לעצטע חדשים געווען איינגעהילט אין אַ טיפע מרה שחורה. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט דערזען דאָס פאַרשווינדן פון סאַנדזער גלאַנץ. באַנומען, אַז דער דברי חיים האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז ער האָט פאַרלאַנגט מער פון דער וועלט און אפשר פון כביכול אליין ווי ער האָט געמעגט פאַרלאַנגען. קיין אָפּהאַלט איז נישט געווען! שמחה בונים האָט געקענט דעם דברי חיים און געוווּסט, אַז דער סאַנדזער וועט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג נאָך ווערן האַרבער צו זיינע שאָף. פון מינוט צו מינוט וועט ער שטייפער פאַרציען דעם שטריק אַרום דעם האַלז פון די אַלע: וואָס וועלן שטיין אין זיינע ד׳ אמות. אין דער גלייכער־צייט, איז די וועלט פול געוואָרן מיט נייעסן וועגן דעם גרויסן פאַרעכץ קיין ניעפּאָלימיץ. פון הונדערט מייל ווייט און ברייט, פון וווייטע לענדער, האָבן יידן אויסגעזוכט דאָס שטעטל געפונען דאָס שטובל ווו הושע העשל איז געזעסן. באַלאַגערט עס ווי אַ פעסטונג. געליגן ביים רבינס פיס — ווי דורשטיקע ליגן ביי אַ קוואַל. וויל, פון ר׳ הושע העשלן האָט געשטראָמט די גאַנצע וועלט גוטסקייט, די גאַנצע וועלט מילדקייט און גרייטקייט צו העלפן אַ יעדן מאַן. שנעל, האָבן יידן פאַרגעסן סאַנדז און פאַר דאָס, איז וואָס אַמאָל געוואָרן שיטע־רער אין דאָרטיקן בית־המדרש. מיט שרעק האָבן זיך סאַנדזער יידן אומ־געקוקט, אַז אפילו פון דער איינענער שטאָט ווו ס׳געוועלטיקט דער דברי חיים טרעפט מען שוין מענטשן אין ניעפּאָלימיץ. נישט קיין גוטע גרוסן זיינען אויך אָנגעקומען פון אַלטע חסידים פון דער פּראָווינץ, וואָס מען האָט זיי שוין געזען ביי ר׳ הושע העשלן.

ווען שמחה בונים האָט איבערטרויטן די שוועל פון רבינס חדר איז

דער סאַנדזער געזעסן ביים טיש איבער אַן אָפענער גמרא. אויף איר איז גע־לעגן: דעם רבינס פּאַטשיילע און די טאַבאַק־פּושקע.

נישט הייסענדיק שמחה בונימען זעצן, נישט ענפערנדיק אויפן „גוט מאָרגן" האָט זיך דער דּברי חיים אַ מינוט ווי איינגעהערט אין דעם קאָלפּן פון אַ פליג אין דער שויב־טאָוול און איידער ס'איז נאָך צייט געווען וועגן עפּיס אַ טראַכט צו טון האָט דער סאַנדזער אָנגעהויבן:

— יאָ צום ענין — נישט קוקענדיק אויף שמחה בונימען האָט ר' חיים פאַמעלעך אַראָפּגענומען די האַנט פון דער גמרא און שנעל אָן אָן אָפּהאַלט אָנגעהויבן ריידן:

— הערסט שמחה בונים. כ'האָב טענות צו כביכול. (שמחה בונים האָט אַ ציטער געטאָן) כ'האָב טענות. ווייל, ער באַווייזט זיין גרויסקייט, זיין הכל יכול פאַר אַ יעדן מאָן. וואָס שאַשטעט ער עפּיס מיט די ששת ימי בראשית ווי ס'וואָלט געווען פּוילע־עפּל?!

— רבי!

— שטיל! האָט דער סאַנדזער אים איבערגעריסן און ווייטער ווי ער וואָלט צו זיך גערעדט האָט ער געזאָגט:

— זיין גאַנצע פּראַכט, זיין כבודו מלא עולם האָט ער איבער בערג און טאָל אויסגעשפּרייט. אין אַ יעדן בלעטל און גרעזל, אין זון־אויפגאַנג און אין איר אונטערגאַנג. אין די קאָלירן פון די הימלען וואָס טוישן זיך שנעלער, ווי דאָס לעפּל פון אויג באַוועגט זיך. אין גלאַנץ פון די שטערן בנאַכט, אין די ריחות פון די טשאַטשקעס, *) אין טעם פון עסן. פרעג איך, פאַר וועמען טוט ער עס?

דער דברי חיים האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט. צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויפגעהויבן זיין האַנט און געוויזן צום קליינעם מאַרק וואָס איז אין דער צייט געווען אָנגעפּראָפּט מיט פורלעך, פול געווען מיט ירידישן־טומל — נאָר טויב צו ווערן.

— קוק זיי נאָר אָן — האָט ער געזאָגט כמעט מיט חוזק — זיינען זיי עס ווערט? — און ער האָט ווייטער געצווינגן: שאַ עיניך — הויב אויף שמחה בונים דיינע אויגן — קוק דיך איין אין די בערג, זע די וועלדער. דאָס איז דאָך דאָס גרויסע נס פון קריעת ים סוף! נישט בלויז בימי משה, נאָר אַ יעדער רגע געשיט עס דאָך! און ווער ס'איז נישט בלינד און זאָגט קיין שירה נישט — איז אַ מתחייב בנפשו!

מילא, צו די אומות העולם, צו זיי האָב איך קיין טענה נישט. אויך מיר מענטשן משטיינס געזאָגט! על חרבך תחי'. אָבער יידן?

---

*) בלומען.

— יידן ווינען אין וועלדער, נאָנט ביי די באַרג־שפּאַלטן, ביי טייכן און פלוסן. זיי גייען אויף פאַרטאָג אין די טויען ווי די זון, וואָס שווימט אַרויס פון די נעפּלען: פּראָסטע, באָרפוסע, וואָכעדיקע. זיי לעבן אין דער גרויסער שיינקייט פון דער יצירה און פאַרשוועכן גאָטס־ווערק מיט פּראָסטע רייד. לעבן צוזאַמען מיט גוראַלעס, זיינען עוסק אין אַרבייט און אין פרעסן. גיי צו זיי שמחה בונים. גיי, זיי זיי מתעורר און גוזר אין נאָמען פון מיינע גרויסע און הייליקע אָבות, אַז זיי זאָלן זייערע איינגעזעסענע ערטער פאַרלאָזן. זיי זאָלן אַוועק אין יידישע־שטעטלעך, בויען זיך פון פּראָסטן גע־הילץ נעסטן. שמאָלע געסלעך זאָלן זיי אויסטרעטן, מיט מקח און ממכר און לימוד תורה זיך פאַרנעמען.

דער סאַנדזער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און ווען שמחה בונים איז אַקעגן איבער אים געשטאַנען נישט וויסנדיק וואָס מער צו ענפערן — האָט דער דברי חיים מלא כעס, אויף אים אַ געשריי געטאָן:

— וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ גולם. גיי, האָב איך דיר געזאָגט!

און שמחה בונים איז געגאַנגען. צומאָרגנס פאַרטאָג, האָט אים אַ שכן געזען אַרויסגיין מיט אַ פּעקל אין דער האַנט פון דער שטוב. צוויי טעג האָט געדויערט ביז מען האָט באַמערקט, אַז ער איז אין דער היים נישטאָ.

שמחה בונים האָט געוווינט אין אַן איינציקן חדר מיט זיין בת־יחידה. אַ בתולה, פון אַ יאָר פערציק. צוואָנציק יאָר איז ער געווען אַן אַלמן. מער האָט ער נישט חתונה געהאַט. די טאָכטער זיינע, טילע, אָנהערענדיק זיך פון איר פריסטער־יוגנט, מעשיות פולע מיט וווּנדער און מופתים האָט זי זיך מיט זיי אַזוי אַדורכגענומען: אַז יאָרן, איז זי פון דער שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען. ביז זי איז געוואָרן אַן אַלטע, ווילדע און פרומע מויד. פאַר אַ יעדן פרעמדן־בליק האָט זי זיך געשראָקן און תמיד, ווען ס'איז ווער דורכגעגאַנגען לעבן דער שטוב וווּ ס'האָט געוווינט שמחה בונים האָט זיך אַ מיידליש אויג אַ דערשראָקנס און שאַרפער בליק ווי ביי אַ שפּאַרבער אונטערן פאָרהאַנגעל זיך באַהאַלטן. שכנים האָבן פון טילען געלאַכט; „זי גייט פון דער שטוב נישט אַרויס ווייל, אַריבערשפּאַנענדיק די שוועל וועט זי דאָך חלילה, מיטן טריט אירן אַ צלם מאַכן...״

פאַרדאָס, איז שווער געווען פון מיידל געוויר ווערן; וואָס מיט איר פאָטער איז געשען. ביז סאַנדזער־יידן, דאָרפס־גייער, האָבן געזען שמחה בונימען אין אַ ווייט אָפּגעלעגן דאָרף אויף אַ וויסטן־וועג. ער האָט גע־שפּאַנט — אַוועק פון סאַנדז.

אין אַ פּאָר טאָג שפּעטער, איז ס'לאַנד אויפגעציטערט געוואָרן מיט

דריי איבעראַשענדיקע נייעסן מיט איינמאָל. די ערשטע: לעבן אַ פעלז אין די בערג, נישט ווייט פון אָכטניצאַ, האָט מען געפונען וואָפקע פאַכאַלעקן אַ טויטן, מיט אַ צעשפּאָלטנעם שאַרבן.

ווער האָט וואָפקן פון פעלז אַראָפּגעשליידערט?

פּאַסטוכער, וואָס האָבן נישט ווייט פון דאָרט געפּאַשעט זייערע שאָף, האָבן דערציילט: „זיי האָבן געזען אין יענעם פאַרטאָג, ווען די לופט איז פאַרטויבט געוואָרן פון וואָפקעס לעצטן טויט-געשריי; אַן אַלטן יידן אַוועקגיין פון אָרט וווּ וואָפקע איז אומגעקומען". לויט אַלע סימנים איז עס געווען שמחה בונים.

ס'צווייטע נייעס האָט דערציילט: אין ניעפּאָלימיץ, אין חדר פון ר' הושע העשלן, אין מיטן גערדראַנג און טומל איז אַן אַלטער ייד פאַרחלשט געוואָרן. ביז מען האָט פאַרן חלוש געבערענגט אַ ביסל וואַסער — האָט ער מער נישט געלעבט. מיט שרעק האָבן אַלע אין בר-מנן דערקענט; דעם ערשטן און געטרייסטן חסיד פון דברי חיים — שמחה בונים.

די דריטע נייעס איז געווען אויסטערלישער ווי די ערשטע צווי. סאַנדז האָט אויפגעקאָכט! מענטשן, כאָטש נישט קיין קרובים פון גרשון גראַבשריפט האָט קריעה געריסן: „גרשון אָכאַטניצער און זיין ווייבביילע האָבן זיך אָפּגעשמד". אַ שרעק איז געווען צו הערן, וואָס יידן פון ניימאַרק האָבן דערציילט: „טויזנטער גוים האָבן זיי מיט גרוים פּאַראַד, מיט קלויסטער-פענער, געפירט אין ניימאַרקער-תיפלה אַריין. און איבער די אַרומיקע בערג האָט זיך געהערט שעהן לאַנג, אַ בלעקצן. גרשון גראַבשריפט ימח שמו איז געזעסן אויף אַ פורל אָנגעטון אין מלבושים פון אַ „קראַקאָוויאַק". אַן אָנגעגאָלטער, איז ער קוים געווען צו דערקענען. ביילע זיין „ווייבערל" האָט געטראָגן אַ גוישן סטאַן. זי האָט נישט אויפגעהערט וויינען און געהאַלטן זיך ביים משומדם האַנד". אין ניימאַרק, האָט מען אין דעם טאָג געהאַקט שויבן אין יידישע-הייזער. יידן האָבן זיך באַהאַלטן. ווייל, די מיעשציאַנים פון שטאָט האָבן זיך דערמאָנט; „די זשידעס, האָבן געקרייציקט קריסטוסן און נוצן בלוט צו מצות".

אין אַ וואָך שפּעטער נאָך די געשעענישן אין אַ מיטוואָך, איז אויסגעפאַלן ראש חודש טבת. אַמאָל, פלעגן ראש חודש פון האַלב גאַליציען זיך צונויפפאָרן יידן צו דער סעודת ראש-חודש קיין סאַנדז. אין דעם יאָר איז כמעט קיינער נישט געקומען. הערש גבאי, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אויף נאָך מנחה-מעריב ברויט מיט הערינג און „עפּל מאָסט" צו טרינקען. סאַנדזער יידן האָבן זיך אַוועקגעזעצט לענג אויס די טישן, אַ יעדער לעבן זיך, האָט גלייך געמאַכט דאָס טישטוך פון גרעבנעם לייוונט און

מען האָט געוואַרט אויפן באַווייזן זיך פון רבין. פּלוצלים, איז ר חיים שטיין געבליבן אין דער טיר פון זיין חדר און איידער דער עולם האָט נאָך צייט געהאַט אַ בליק צו וואַרפן אויף אים האָט דער דברי חיים זייער שטיל מיט אַ קול ווי נאָך אַ תענית געזאָגט:

— טראָגט אייך אַרויס פון מיין שטוב! איך וויל אייך נישט האָבן און זען אין מיין הויז. איר זענט מיר דערעסן, איר זענט מיר עקל!

הערש שמש, וואָס איז ווי תמיד געשטאַנען לעבן רבין; האָט אַ הויב געטאָן זיין האַנט ווי ער וואָלט געוואָלט דעם רבין צוריקהאַלטן. באַלד אָבער, האָט ער זי צוריק אַראָפּגעלאָזט אַ רעזיגנירטער. שטיל, אויף די שפּיצפינגער, האָט זיך דער עולם אַרויסגעשאַרט פון בית־מדרש..

— — — — — — — —

— — — — — — — —

ווער וואָלט עס אַמאָל גלייבן געקענט, אַז אַלע וועלן פאַרלאָזן דעם דברי חיים. אַלע, אַ חוץ הערש גבאַי דאָס קליינע געלע יידל, וואָס איז געבליבן דעם רבינס עבד נאמן ביזן טויט.

אַלע, האָבן פאַרגעסן דעם וועג קיין סאַנדז. אַלע, האָבן זיך אָפּגעקערט פון דברי חיים. צו איז ער פאַר זיי צו האַרב געווען? צו אַלט אָדער שלעכט? תריצים, וואָס מען האָט פאַרן מויל נישט געוואָלט אַרויסברענגען האָט מען נעהאַט גענוג.

אַלע זיינען אַנטלאָפן פאַר זיין גרויסקייט, פאַר זיין אָנרו. איבער־געלאָזט אים אַן אַלטן, אַן אַנטוישטן. נישט דערגאַנגען זיינען שוין צו אים די קולות פון די נייע מחלוקתן, וואָס האָבן זיך ווידער אין סאַנדז צעפּלאַ־קערט: ביי אַ יונגמאַן האָט מען רחמנה־לצלן געפונען אַ ביכל, וואָס האָט געהייסן „אהבת ציון" פון איינעם אַברהם מפּו. אין אַ ווייטער גאַס האָבן יונגלייט איבער אַ טיר אַרויסגעהאָנגען אַ שילדל „בית יהודה" מיט אַ צושריפט: „בית יעקב לכו ונלכה".

ניעפּאָלימיצער חסידים פון סאַנדז, זיינען אוועק צום אָרט ווי דאָס שילדל האָט געהאָנגען מיט העק און מעסערס. כדי צו פאַרטיליקן דעם „שמד", וואָס האָט זיך אין שטאָט אַריינגעכאַפּט. זיי זיינען „גרייט" געווען אומצוקומען על קידוש השם.

אין אַ נאָכמיטיק, איז דער אַלטיטשקער סאַנדזער רבי ר' חיים, גע־זעסן ביים פענצטער. צו מנחה־מעריב איז נאָך געווען ווייט. ר' חיים האָט סתם געקוקט אויפן הימל וואָס איז געהאָנגען איבערן קליינעם מאַרק. ער האָט געקוקט אויף די שפּיצן פון די בערג, וואָס האָבן זיך געזען פון דערווייטנס — זיי זיינען געווען באַדעקט מיט שניי.

פלוצלים, האָבן קנוילן ווייסע פּאַרע צווישן די בערג זיך אויפגעהויבן. די פּאַרע האָט זיך לענג אוים דעם האָריצאָנט צערשנירט. און די שטאָט אַרומגעוויקלט ווי מיט אַ זילבערנער־רייף. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט ר׳ חיים זיך דערשראָקן. פאַר שרעק האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעכאַפּט זיך אין די פענצטער־פליגל.

— הערש! הערש! הערש, וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

הערש גבאי איז געקומען צו לויפן און גלייך מיטן רבין געקוקט אויף דעם מאָרגנעם זעאונג, זיי האָבן געהערט אַ קאָלערן ווי לייכטע דינערן וואָלטן זיך איבער זייערע קעפּ געשיט. וואָס אַמאָל שנעלער, נענטער דייטליכער און העכער. באַלד, האָט אַ לאַנגער שאַרפער פייף אַדורכגעשניטן די לופט וואָס אַ זאָלכעס האָט מען נאָך קיינמאָל אין סאַנדז נישט געהערט. דער דברי חיים האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. פון הערש גבאי האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פול מיט שרעק:

— רבי!

די ערשטע באַן איז אָנגעקומען קיין סאַנדז.

ע נ ד ע.

אינהאלט:

זייט

אונטער אן עפּלבוים — — — 5
דער טויט פון אַ יידישן קעניג — — 19
אויף דער אַרישער זייט — — — 33
אַ געשיכטע מיט אַ מעסער— — — 43
מענדל ברוידעס לעבט — — — 63
דאָס יאָר 1942 — — — — 83
ער און זי— — — — — 99
נעקרייציקטע ביימער — — — 105
די פאַרזשאַווערטע אייזערנע פּויסט — 110
דער מאַן מיטן הונט — — — 114
האַנס הונטמייער — — — 119
גלויבן — — — — — 129
צוויי קליינע דערציילונגען— — — 135
דער דברי חיים — — — — 141

פון זעלבן מחבר:

מיטן פנים צו זיך I נאָוועלן

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע

1934

מיטן פנים צו זיך II נאָוועלן

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע

1934

SPECIAL ISSUE TO „UNZER WEG“

AUTHORIZED BY
HEADQUARTERS, EUROPEAN
COMMAND CIVIL AFFAIRS DIVISION
AG 383. 7 GEC-AGO

AUTHORIZED EDITOR: RUBIN RUBINSTEIN